STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03333

ZAMD

Shlomo Warzager

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלמה וואַרזאַגער

זאַמד

פאַרלאַג
י.ל. פרץ
ישראל
1963

S. WARZAGER

ZAMD

I. L. Peretz Publishing House
31 Allenby st., Tel Aviv

ש. װאַרזאַגער / זאַמד
פֿאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל־אביב, רח׳ אלנבי 31

©

נדפס בישראל 1963
Printed in Israel 1963

דפוס „אורלי״, ת״א, רח׳ יסוד המעלה 27, טלפון 32062

ש. וואַרזאַגער

*

זאַמד

אינהאַלט

	זייט
דער ברונעם	9
דער טויט פון אַ פרעמדער	27
דאָס לעבן איז שטאַרקער	41
אַרום די סקלאַדן פון „זאַגאָט זיערנאָ"	57
ליבשאַפט	85
די באַגעגעניש	110
מיכאל רופא	127
פאַרקאָכט אַ קאַשע	159
דער אָנהייב פון סוף	186
נייע צייטן — אַלטע זאָרגן	216
דער משפט	235

קאַפּיטל איינס

דער ברונעם

פון איין זייט טיש איז געזעסן זובאַנין, דער פּאָסט־נאַטשאַלניק פון טורקעסטאַנער ראַיאָן, אַנטקעגן אים — מאיר. זובאַנין האָט אים אַריינגע־רופן מיט אַ פינגערפּויק אין שויב.

— אָט אין וואָס סע גייט — האָט ער גלייך אָנגעהויבן — עס האַנדלט זיך וועגן אַ ברונעם אין הויף. דער באָדן איז אַ גוטער. נישט טיפער פון פופצן, זעכצן מעטער געפינט זיך וואַסער. די זאַך איז דרינגענדיק. מירן גוט באַצאָלן.

גערעדט האָט ער, ווי זיין שטייגער, קלאָר און אָנטשלאָסן. זיין ברייט־לעך פּנים, די צוויי טיפע קנייטשן פון די מויל־ווינקלען ביז אַרויף צו די באַקנביינער האָבן אין מאירן עפּעס דערוועקט. ס׳האָט אים אַרומגע־כאַפּט אַ געפיל פון איינעם, וואָס פאַלט אַריין פון אַ דרויסנדיקער קעלט אין אַ וואַרעמער שטוב.

דעם נאַטשאַלניקס געניט פויעריש אויג האָט דאָס גלייך באַמערקט אויפן פרעמדנס פּנים. נאָך פאַר דער מלחמה איז ער געקומען אין דעם ראַיאָן ווי אַ פריי־וואַרבירטער. אים איז דעריבער נישט פרעמד געווען דער גורל פון אַן עוואַקואירטן.

„וואָס האָט ער אָנצוווערן" — האָט מאיר בשעת מעשה געטראַכט — די אַרבעט אויפן מאַסלאָ־זאַוואָד אַלס וועכטער? זוכן אין די פרייע שעהן אַ זייטיק פאַרדינסטל, כדי פון די פיס נישט צו פאַלן ביי דער שמירה? נמאס און מיאוס דאָס דרייען זיך אין די שלאַנגען־געסלעך, איבער הויפן און גערטנער; אָפּט רופט ווער צו, אַ טעמפּן קיטמען אָנשטאָט אַ האַק גיט מען פניאַקעס אויסצוקאָרטשעווען, האָלץ אָנהאַקן אויף צו באַהייצן אין ווינטער די קאַזאַכישע כאַטקעס; וואַסער־ריטשקעס גראָבן; מען צאָלט

דערפֿאַר אַ שיסעלע זופּ, אַ גלאָז ציגנמילך, אַ פּלעצל. מען וואַרפֿט אויך אַמאָל צו פֿאַרדאַרטע שטיקלעך ברויט, וואָס מען קאָן שוין אין מויל אַרײַן נישט נעמען. מאַכט זיך גאַרנישט אויף דער סטאַציע *), גייט ער אין שטאָט אַרײַן. צוועלף וויאָרסט אַהין און צוריק. אַרום שפּרייטן זיך נאַקעטע פּעלדער מיט דערנער־קוסטעס, ריטלעך נאָכן אַראָפּנעמען דעם באַנוול. ער האָקט זיי אונטער, בינדט שייטלעך האָלץ און טראָגט פֿאַרקויפֿן.

— וואָס טראַכסטו, וואָס? איינשטימיק? — האָט אים זובאַנין איבערגעשלאָגן זײַן לאַנגן ישוב־הדעת.

מאיר האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף „יאָ“.

דער נאַטשאַלניק האָט אַרויסגענומען אַ בייגעלע פּאַפּיר און געשריבן דעם „דאָגאָוואָר“. ביידע האָבן זיך אונטערגעחתמעט.

— קום מיט מיר, מישאַ — האָט זובאַנין אַרויפֿגעלייגט אַ האַנט אויף מאירס אַקסל. זיי זענען אַרויסגעגאַנגען. אויפֿן הויף האָט זובאַנין מיט פֿוסטריט אָנגעצייכנט אויפֿן זאַמד דאָס אָרט וווּ מען דאַרף גראָבן. ר׳האָט אַ נעם געטאָן פֿון מאירן דעם קיטמען, וואָס ער האָט מיט זיך געטראָגן, אים אַרײַנגעהאַקט אין דר׳ערד:

— אָטאָ דאָ, ברודערקע.

בשעתן אַרויסגיין פֿון הויף האָט מאיר זיך נאָך אַ מאָל אַרומגעקוקט: ווי אַ צענומענער „ד“ זענען געשטאַנען צוויי מויערן פֿון ליימציגל. דרויסנדיק פֿון זיי האָבן זיך געזען פּרוכט־ביימער, אַפֿנים פֿון שכנותדיקן סאָד. די לאַנגע פֿאָסט־געביידע איז געשטאַנען ווי אַ דריטע וואַנט. געשלאָסן דעם הויף האָט אַ גרויסער, הילצערנער טויער. ביים טויער — אַ הויכער, פֿאַרצווייגטער בוים. דאָ, אין דער געגנט פֿון קליינע, אויסגעקרומטע סאַקסאַול־ביימלעך, איז דאָס אַ זעלטנהייט. זײַן געצווייג פֿאַרשטעלט די וועראַנדע. סיי דער בוים, סיי דער גאַניק האָבן צוגעגעבן דער געביידע עפּעס פֿרעמדס. ווי נישט־היגע האָבן אויך אויסגעזען די פֿרוי און קינד,

---

*) דער דרום־טייל שטאָט, אַרום וואָקזאַל.

וואָס האָבן זיך אויף דער וועראַנדע געדרייט. אַוודאי דעם נאַטשאַלניקס ווייב און קינד — האָט מאיר געטראַכט.

עס איז שוין געווען האַלבער טאָג, בעת ער איז צוריקגעגאַנגען צו דער סטאַציע. ער האָט נאָך היינט גאָרנישט געהאַט אין מויל. די לעפּיאָשקע וואָס ר׳האָט אין דער פרי געקויפט, פאַרבייגייענדיק דעם באַזאַר, ליגט אין זיין טאָרבע. אַצינד זי אויפעסן? דער טאָג איז נאָך גרויס, און אין אָוונט? — האָט ער זיך געטראַכט. פאַר די אויגן האָט ער די אַריבערגעהאָנגענע פון יענער זייט פלויט צווייגן מיט רייפע אַבריקאָסן, דעם נאַטשאַלניקס ווייב מיטן קינד־פאַרטעכל... דער ריח פון געקעכטס פאַרגייט ביזן מוח. דערמאָנט זיך ווידער אין ברונעם — און רעדט צו זיך:

— די אַרבעט ביים גראָבן וועט זיכער דויערן עטלעכע וואָכן און אפשר חדשים. מען מוז זיך באַפרייען פון דער שמירה. אָבער ווי אַזוי מאַכט מען דאָס? ער וועט צוגיין צו סרוליקן, וואָס אַרבעט דאָ נישט ווייט אין דער ציגעלניע, צווישן סטאַציע און שטאָט. געטראָפן אים מיט עטלעכע טעג צוריק — דאָס ערשטע מאָל זינט ניינצן ניין און דרייסיק, קאָוועל. אין די געווער־סקלאַדן, ביים רייניקן ביקסן זיך באַקענט. אויך אַ ביע־זשעניעץ, אַ בוי־אַרבעטער פון פאַך. אַ געזונטער, אַ פריילעכער. מאירן איז געפעלן זיין אָפן פנים, דער שמייכל, די לאַנגע הענט. ס׳לעצטע מאָל אים געזען דעם צוויי און צוואַנציקסטן יוני ניינצן איין און פערציק, אין טאָג פון מאָביליזאַציע.ביידע זענען געוואָרן רויטאַרמייער, נאָר אַוועק אין באַזונדערע פּאָלקן.

מאיר האָט פאַרקערעוועט אין דער ריכטונג פון דער ציגעלניע. סרוליק וועט זיכער באַשטיין, פאַרוואָס נישט? בעסער ווי שטעקן דאָ, אין דער ליים־בלאָטע, ביז איבער די קני אין געמויזעכץ. נאָרמעס. הונגער־לוין. גראָד איז אַצינד מיטאָג־שעה. אפשר וועט ער פאַר איין וועגס אַריינ־כאַפּן אַ לעפל געקעכטס. אין דער שעה שטייט אַוודאי דאָס פורל מיט די בלעכענע קעסלען. מיט אַ גרויסן שעפּ־לעפל (אַ לעפל — אַ נאָרמע), טיילט מען יעדן אַרבעטער אַ פּאָרציע. דער פריילעכער סרוליק וועט שוין פאַר אים „אויסדרייען" אַ מיטאָג. מאיר האָט זיך דערוויל געכאַפּט צו דער

טאָרבע, אָבער — די לעפּיאָשקע איז נישט געווען. הונגער האָט נישט קיין זכרון. ערשט אַצינד דערמאָנט ער זיך, אַז אויפן וועג אַהער האָט ער, ציפּנדיק זי פון דער טאָרבע — אויפגעגעסן.

ער איז צוגעקומען צום ציגל־פעלד. אַ גרויסער, אָפענער שטח. צעוואָרפענע קופעס ליים, זאַמד, געהאַקטע שטרוי, קעמל־מיסט, פאָרמען און ציגל. אַ מאַן פערציק ביי דער אַרבעט. קנעטער, דערלאַנגער, מישער, איבערלייגער און אַוועקנעמער. אָפּגעטראָגן די אויסגעפּאַרטיקטע „קיר־פּיטשן" — לויפט מען צוריק מיט די אויסגעליידיקטע פאָרמען: פריש אָנגעפּילטע פאָרמען וואַרטן צום אַוועקנעמען. אַ קייט פון טואונגען, גיך און פּינקטלעך. אָפּגעברענטע פּנימער, אָפּגעברענטע האַלדז און נאַקנס. אונטער אָפּגעמאָגערטע הויטן זעט מען בולט די ריפּן. קעפּ, אַרומגעבונדענע מיט שטיקער סיך, האַנטעכער, נאַזטיכלעך, אַלטע בערעטן, מיליטערישע היטלען — מיט און אָן דאַשקעס — דענקעס, אויסגעברענטע פון דער זון. פּנימער — גישט געגאָלטע, פאַרסאַרגעטע פון שוייס און זאַמד, מיט סמנים פון ליימיקע פינגער אַרום די אויגן, נאָז, ליפּן.

דערזען מאירן, איז סרוליק אים אַנטקעגנגעגאַנגען. אַ האַלב־נאַקעטער, אַ דאַרער, די הויזן פאַרקאַטשעטע ביז איבער די קני — האָט ער מאירן אויסגעזען נאָך לענגער. ס'איז אים דורכגעלאָפן אין זכרון: „און שטרוי האָט מען נישט געגעבן... און ציגל האָט מען געמוזט צושטעלן ווי נעכטן און אייערנעכטן". יאָ, אַזוי האָבן אַוודאי אויסגעזען די קנעכט פון מצרים — האָט ער צו זיך געמורמלט.

ער האָט סרוליקן דערציילט אין קורצן וועגן ברונעם:

— מאָרגן, ברודערקע, מוז מען זיך אַ נעם טאָן. עס איז דרינגענדיק. ערט גוט באַצאָלן.

און ס'איז ווידער געווען ווי אין חומש: פון שווער געמיט און שווערער אַרבעט — האָט סרוליק נישט געהערט מאירס רייד. געזען די צוריקגעהאַלטנקייט, האָט מאיר אַרויסגענומען דעם הסכם און געוויזן. רופט זיך אָן סרוליק:

— און גראָבן ברונעמער איז בעסער?

— דאָס איז דאָך נישט אויף נאָרמעס.

— אָבער אין מצרים איז מען פאָרט ?...

מאיר האָט נישט געענטפערט.

— הא, מאיר, דו שווייגסט ? זע ווי די ערד איז קיילעכדיק : געלאָפן, געלאָפן — און צוריק אויפן אייגענעם אָרט, ביי ציגל און ברונעמער.

— מלחמה. אויפן פראָנט איז בעסער ?

— מען גיט כאָטש אָפּצועסן.

— אָבער מען לייגט דאָך די קעפּ...

— גוט, — האָט געזאָגט סרוליק. — אָבער ווי אַזוי קריכט מען אַרויס פון דאַנען ?

— זובאַניק וועט געבן אַ ספּראַווקע : ערט שרייבן, אַז מען מוז האָבן די צוויי ספּעציאַליסטן.

*

ס׳מאַכט זיך נישט אַזוי גרינג ווי ס׳רעדט זיך. מיט וואָס קומט מען דערוויל אַהיים ?

„אַהיים״.

אין אַ ליים־שטיבל, איינגעשלאָסן צווישן ציגלווענט, בשכנות פון דער באַלעבאָסטע, אַ קאַזאַכקע — וואַרטן דריי מענטשן : טאַטע, מאַמע און פריידקע — די עלטסטע און איינציקע שוועסטער.

נאָך זעקס ברידער זענען געווען. די ערשטע וואָך פון קריג־אויסברוך זענען אַלע זיבן אַריבער דעם בוג, זיך אָפּגעשטעלט אין קאָוועל. דער ייִנגסטער, אַ שלאָסער, האָט זיך גלייך פאַרשריבן אויף אַרבעט און אַוועק מיט אַן עשעלאָן ווערבירטע. מאיר מיט די ברידער זענען פאַרבליבן. יוני ניינצן איין און פערציק האָט מען זיך פאַרלוירן. ערשט דאָ אין מיטל־אַזיע אָפּגעפונען זיך. עטלעכע וואָכן געווען צוזאַמען. אָבער די גורלדיקע, קאַפּריזנע האַנט, וואָס האָט די זעקס ברידער צונויפגעבראַכט, האָט צוריק אַוועקגעריסן פינף. מ׳האָט זיי פאַרנומען בעת אַן אַבלאַווע און אַוועקגעשיקט אין דער טרוד־אַרמיי. מען זאָגט — נישט ווייט פון דאַנען,

אין די גאָלד־גרובן. דאָס געשעעט אַקוראַט איין טאָג פאַרן אָנקומען פון די דריי, וואָס זענען דעמאָלט, בעתן גיין צום בוג, געבליבן אין דער היים. אברהם און שרה, מאירס עלטערן, זענען דאָרט געבליבן צוליב דריי זאַכן: די בעקעריי אינעם קליינעם סוטערינעלע ס׳געוועלבל אויף דער „נייער צאל" און די לאַנגע בוידעם־שטוב פון דרעווניאַק. פריידקען האָט אָפּגע־האַלטן נאָך עפּעס — פּיוויש. דריי חדשים נאָך די „תנאים" — וואָס האָט זי געזאָלט טאָן? בלייבן?... ערשט שבת־חנוכה האָט באַדאַרפט זיין די חתונה; אים איבערלאָזן? — ס׳איז מלחמה, מען אַנטלויפט; די ברידער זענען שוין אַוועק, טאַטע־מאַמע — מיט אַ פוס אויפן פורל, אַ קוק צו יאַנקל באַלעגאָלע, אַ קוק צו איר, ווי איינער רעדט:

— נו, טאָכטערשי, באַשליס.

וואָס האָט זי געזאָלט טאָן?

איז מען טאַקע עטלעכע טעג נאָך זייער אַוועקגיין אַריבער די גרע־נעץ. אָפּגעשטעלט זיך אין לודמיר, נישט ווייט פון קאָוועל, און נישט טרעפנדיק קיינעם, האָט מען זיך וועררבירט אויף אַרבעט קיין טיף רוס־לאַנד. הינטער קויבישעוו האָט דער עשעלאָן זיך פאַרהאַלטן. זיי האָט מען איבערגעלאָזט אין אַ קאָלכאָז.

שרה האָט בעתן איבערדערציילן באַדויערט, וואָס זי איז אַוועק פון קאָלכאָז. אַליין געגומען אויף זיך ס׳גיהנום — מיטלאַזיע. געהאָפּט צו טרעפן די קינדער. נו, איז פון זיבן איינער געבליבן. אין די גאָלד־גרובן האָט מען זיי געשיקט... דערוויל ליגט „איר גאָלד" אין גרוב, ווערן נעבעך פאַרשוואַרצט. און מאירקע? וואָס דאָס קינד איז זיך אויסגעשטאַנען, צו צוועלף, דרייצן יאָר — אַרבעט. אַ קאַמאַשנשטעפער, אַ בלעכערמאַכער, אַ טאַפּעצירער, אַ קירזשנער ביי חיים פישלס דעם רויטן, דעם קאָמו־ניסט. אַהאַ, חיים פישלס שניט — זינט ר׳איז צו אים אַוועק לערנען האָט זי פון קיין טאָג און נאַכט נישט געוווסט: רעוויזיעס, אַרעסטן, געהיים־אַגענטן, פּאָליציי, תפיסה. און אַצינד — ביים „טאַטן" אין ווינגאָרטן? אַ טשאָרני ראַבאָטניק, אַ ברונעם־אַרבעטער. מישטיינסגעזאָגט: דריי הונ־דערט גראַם ברויט. פאַר איר, פאַר פריידקען — מילא. אָבער ווי קאָן ער,

אברהם, אַ פֿאַרנעם פֿון אַ מאַנספּאַרשוין, אויסקומען מיט אַן איזשדזשי־וויענסקע קאַרטאָטשקע *). אַזוי פֿיל ברויטן, געבעקסן אויסגעבאַקן: אַ שטאָט מיט יידן, פֿויערים פֿון דערפֿער האָבן געגעסן אברהם בעקערס ברויטן. און אַצינד?

שרה טראַכט — און פֿריידקע דערטאַפּט עטלעכע פֿאַרבליבענע שמאַטעס, מאַכט אַ פּעקעלע און גייט אויפֿן באַזאַר. גייט און קומט מיט וואָס זי איז אַוועק. „נישט פֿאַר מיר — זאָגט זי — דער האַנדל”. זי, שרה, קען אויך נישט. כאָטש אַ מאַרק־זיצערין אַלע יאָרן, געדענקט נאָך „פּאַניען” פֿון יענעם קריג, אויך אונטערן ציגל דאַרף מען איר נישט פּיקן — קען זי פֿאָרט נישט. גאָר אַן אַנדער שטייגער לעבן היינט, ס׳איז נישט פֿאַר איר. דאָס גלייכן אברהם. אויסער אַרבעט, האָט ער קיין מאָל נישט געקענט אַ קאָץ דעם עק פֿאַרבינדן.

גייט פֿריידקע. זי האָט תּמיד אַרויסגעהאָלפֿן פֿון אַלע נויטן. צו פֿופֿצן יאָר געפֿירט די שטוב, געקאָכט, געראַמט און געוואַשן. שיין און געראָטן — אַ ליובע צו די ברידערלעך: ביינאַכט האָט זי, פּונקט ווי די מאַמע, נישט געקאָנט איינשלאָפֿן כּל זמן זי האָט נישט איבערגעציילט די זיבן קעפּלעך אויפֿן שעניק...

כאָטש דער קליינער באַקאַווען האָט קיין מאָל צו דער זעט נישט אָנגעקאָרמעט די צען מיילער, איז מען אָבער שטענדיק פֿאַרהאַוועט געוועזן, צו די קינדער קיין צייט נישט געהאַט. שרהס פּיס האָבן תּמיד געיאָגט גיכער ווי זי האָט געקאָנט גיין. די הענט האָבן נישט גערוט און די לויפּיקע אייגעלעך אויפֿן רונדיקן פּנימל — זענען אומעטום געוועזן.

היינט איז זי אַ שטוב־זיצערין. קוקט אויף אברהמען — אַן אונטער־געהאַקטער פּניאַק. זיצט און וואַרט אויפֿן פּאַיאַק. פֿריידקע גייט אַלע טאָג אויפֿן באַזאַר און ביז מען זעט זי צוריק, גייט אויס דאָס חיות.

אַצינד האָט גאָט געהאָלפֿן, צוגעשיקט אַ ברונעם.

---

*) ברויט־קאַרטל פֿאַר נישט־באַשעפֿטיקטע אויף אַרבעט.

ש. וואַרזאַגער

*

אַחוץ דער ספּראַווקע האָט זובאַנין באַדאַרפט מעלדן אין אָבלאַסט. די אָבלאַסט האָט זיך נאָכגעפרעגט אין מאַסלאָ־זאַוואָד און אין ציגעלניע. אַז ס׳איז געקומען דער „יאָ״ — האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אַ סדרה — כלים צו דער אַרבעט: עמערס, לאָפּעטעס, אַ לאָם, אַ קייט און אַ געשטעל מיט אַ וואַל, אויף וועלכן די קייט דאַרף זיך וויקלען. דאָס אַלץ איינצושאַפן האָט אַפילו ביי אַזאַ איינעם ווי זובאַנין געדויערט מער ווי צוויי וואָכן.

דאָס איז געווען אין חודש אלול. די היצן האָבן געהאַלטן ווי אין תמוז. די נעכט — גרעסער, קילער. די טעג קירצער. וואָס העכער די זון, אַלץ שווערער, אויסמאַטערנדיקער די היצן. די צייט האָט ווי געגליווערט, די שעהן האָבן זיך נישט גערוקט. אויך דיביימער, די בלעטער — אומבאַוועגלעך. מאיר און סרוליק האָבן געאַרבעט. די גלישטראָמען האָבן געפּרעסט ווי אייזערנע רייפן. זיי האַלטן אין איין טרינקען און קאָנען דעם דורשט נישט לעשן. זיי שוויצן נישט. צו מאָגער זענען די קערפּערס. דער שוויס אין זייערע הויט־קעמערלעך טריקנט אין נאָך איידער ער טראָפּנט אַרויס אויפן לייב.

די ערשטע עטלעכע טעג זענען זיי אַראָפּ אויף צוויי מעטער די טיף. לעבן גרוב האָט זיך דערווייל געבערגלט זאַמדיק רויטער ליים־אָנשיט, וואָס טיפער — אַלץ גרעסער די „אַוואַנסן״: נענטער, גיכער צום וואסער — מער ברויט.

זובאַנין קומט עטלעכע מאָל אין טאָג, כאַפּט אַ בליק און גייט ווייטער. ס׳טרעפט, ער נעמט פון איינעם אַ לאָפּעטע און שפּרינגט אַריין אין גרוב. ער אַרבעט אַפּ פינף־צען מינוט און גייט אַוועק. זיין ערנסט פּנים, די אָפּגעהאַקטע רייד וואָס ער לאָזט אַ מאָל פאַלן, דער שטומער מיטגעפיל צו די פּרעמדע און די זאָרג פאַר דער אַרבעט — פּילט מען אַרויס פון זיין יעדן קער. אין זובאַנינס אַרויסוואַרפן די לאָפּעטעס ערד איז דאָ אַ שטומער פאַרדראָס: פאַרוואָס גייט עס ביי אים שנעלער?

סרוליק האָט דערויף גלייך אַ זאָג געטאָן:

— אַוודאי, עטלעכע מינוט אַרבעטן מיט דער לאָפּעטע פֿאַר אַזאַ איינעם וואָס זיצט אַ גאַנצן טאָג...

מאיר ענטפֿערט נישט באַלד. פֿון פֿאַרדראָס דויערט איבער אַ מינוט־צוויי, ביז ער באַקומט לשון:

— הם... צוועלף וויאָרסט אַהין און צוריק.

— וואָינאַ!

אַריינגעהאַקט דאָס קורץ־אָטעמדיק וואָרט — און אַוועקגעגאַנגען.

עטלעכע טעג נאָך דעם האָט זיך זובאַנין נישט באַוויזן. עס האָט באַאומרויקט. די צוויי ברונעם־אַרבעטער האָבן אַ סך נאָכגעטראַכט, זיך געמאַכט פֿאַרוורפֿן:

— אפֿשר נישט באַדאַרפֿט ענטפֿערן. מלחמה, ביטערע פֿראָנט־נייעס: „דער שונא האָט באַזעצט ליטע, לעטלאַנד, עסטלאַנד. אַרומגערינגלט לענינגראַד. רוקט זיך, לענגאויס דעם שוואַרצן ים, אויף אָדעס״. פֿאַריקן ווינטער אויפֿגעריסן דעם דניעפּראָסטראָי.

„וואָס איז דאָס גראָבן אַ פֿאַרצייטישן ברונעם אין פֿאַרגלייך מיטן דניעפּראָסטראָי״ — האָט מאיר זיך געטראַכט.

נאָך פֿאַרן קריג האָט ער געהערט און באַוווּנדערט דעם דאָזיקן נאָמען דניעפּראָסטראָי. איבער די גרענעצן פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד האָט ער זיך געטראָגן. העקטאָגראַפֿישע בלעטלעך האָבן אַריבערגעפֿליגלט געוויסע באַ־ריכטן; „די העכסטע דאַמבע אין דער וועלט״... „ליכט פֿון פֿינצטערניש וועט דער שטאָלענער גיגאַנט אַרויסשלאָגן״... „עלעקטריציטעט און רעוואָ־לוציע — לענינס חלום״. די לעצטע ווערטער האָט מאיר, אפֿנים, געמורמלט צו זיך אַליין. דער פֿריילעכער סרוליק האָט נאָכגעזאָגט מיט איראָניע:

— עלעקטריציטעט און רעוואָלוציע.

— וואָס דען?

— הונגער און פֿאַרצווייפֿלונג.

— וואָס מיינסטו דערמיט, סרוליק?

— דאָס אויפֿרייסן די דאַמבע מיט אייגענע הענט איז געווען אַן אַקט פֿון פֿאַרצווייפֿלונג.

— אפשר סטראַטעגיע? בודיאָני האָט אַזוי באַפוילן.

— סטראַטעגיע, שמאַטעגיע...

— דו, סראָליק, ביסט תמיד אַ חכם, אָבער זיי מוחל, אַ קורצזיכ־טיקער...

— און דו — אַ נאַרישער דיאַלעקטיקער.

— אַוודאי איז דערביי בודיאָניס קאָפּ.

— בודיאָניס קאָפּ... גלייב מיר, מאיר, ער ליגט גלייך מיט אונדזערע קעפּ...

אַכט, ניין מעטער אונטער דער ערד. קיין קלאַנג, קיין עכאָ פון זייערע רייד דערטראָגט זיך נישט צו דער אויבערפלאַך. די ווערטער ווערן איינ־געזאַפּט אין די טוכלע ווענט פון גרוב צוזאַמען מיטן שווייס און לעצטע כוחות פון די אַרבעטער. מאיר און סרוליק פאַלן פון די פיס.

איבערן ליימפּלויט, צווישן הויף און סאַד, הענגען אַריבער צווייגן פון פּרוכט־ביימער. קיילעכדיק־לענגלעכע אַבריקאָסן שווערן אַראָפּ. זיי שלאָגן אין מוח אַריין, פאַרדולן די חושים.

סרוליק איז דער ערשטער אַרויס פון גרוב. מיט איין קלעטער האָבן זיינע הענט און די לאַנגע פיס, מיט געשיקטקייט פון אַ געריי־צטער חיה, זיך אַריבערגעוואָרפן אויף יענער זייט. ער איז תיכף צוריקגעקומען מיט פולע קעשענעס. אויך דאָס מויל איז געווען פול. ער האָט געשפּיגן די גרויסע קערן און געשלונגען די זאַפטיקע פּירות צוזאַמען מיט די ווערטער:

— מאיר, טעם גן־עדן, כאַפּ אַ קיי.

עטלעכע מאָל אין טאָג האָט ער דאָס געמאַכט. מאיר האָט נישט געוואָלט בלייבן הינטערשטעליק און אויך פּרובירט. אַלץ אָבער אויפעסן אויף איין מאָל האָט מען נישט געקאָנט. די ציין ווערן הייליק און דער מאָגן — לויז. עס הערשט דיזענטעריע, טיפוס און נאָך קראַנקהייטן. חוץ דעם זענען אַזעלכע פּירות אַ גוט אַרטיקל אין גאַס. מען האָט זיי דעריבער געזאַמלט אין אַן עמער, פאַרשאָטן מיט אַ ביסעלע ערד און פאַרבאַהאַלטן אין גרוב. טרעפט איין מאָל: אונטערגעלענט דאָס האַרץ, כאַפּט זיך מאיר

אַריבער. אָנשטאָט זיך וואַרפן אויף אַ בוים און אַ שאָקל טאָן, קוקט ער זיך אַרום. באַוווּנדערט דעם פּרעכטיקן סאָד אין דער ערב נאַכט־שעה. דורך בלעטער האָט די אַריינגעדרונגענע זון געשפּריצט שאָטנס, ווי טיגער־פעלן. די ריחות, די קילקייט, וואָס האָט צוזאַמען מיט דער דורכזיכטיקער ליכטיקייט זיך אַריינגעריסן דורכן געצווייג האָט אים צעטומלט. אַ זעץ אין קאַרק פון אַ שווערער האַנט האָט אים דערמאָנט ווו ער געפינט זיך. זי איז ווי צוגעשוויסט געוואָרן צו מאירס האַלדז. נאָך אַ האַנט האָט פון דער צווייטער זייט האַלדז געטומען דריקן. ער האָט געוואָלט אַ געשריי טאָן און נישט געקאָנט. אַ מינוט שפּעטער האָט ער דערהערט זיין אייגן קול, וואָס האָט זיך געריסן פון דער באַפרייטער קעל, אָבער דאָס מויל, די נאָז און אַלץ וואָס איז „אַריין" אין דער גרויסער מענער־דלאָניע, איז פאַרשטיקט געוואָרן צוזאַמען מיטן קול.

נאָך דעם ערשטן פּסק אויפן אָרט איז דער ענין אַריבער צום נאַטשאַל־ניק. זובאַנינען האָט די נייעס נישט איבערראַשט. ער האָט אַפּנים פריער באַמערקט די „שפּרונגען": געזען און געשוויגן. דער נאַטשאַלניק האָט, ווייזט אויס, באַשלאָסן אָפּוואַרטן, וואָרעם אָן אַזעלכע פאַרטלען וועט די אַרבעט נישט גיין. האָבן דאָך אַלע פון די דערבייאיקע דערפער, אויך זיינע באַאַמטע, וועמען ער האָט די אַרבעט אָנגעבאָטן, געגעבן אַרויסדרייענדיקע ענטפערס.

געענדיקט האָט זיך עס מיט אַ פאַרוואורף און אַ וואָרענונג, אַז מער זאָל זיך דאָס נישט איבערחזרן.

— אַ האַרבע שטראָף קומט פאַר גנבענען מלוכיש פאַרמעגן — האָט זובאַנין פייערלעך דערקלערט די צוויי אַרבעטער אין דער אָנוועזנהייט פון סאָד־וועכטער.

*

ס'איז געווען אַרום צוועלף פאַר מיטאָג. זובאַנינס ווייב איז צוגעקומען און אָן אַ קוּוענקל אַ פרעג געטאָן:

— איר זענט אַוודאי הונגעריק, רעביאַטאַ?

סיי איר דערשיינען, סיי דיווענדונג איז אַ נייעס געווען פאַרביידע אַרבעטער. דאָס ערשטע מאָל זעט מען זי דאָ. דאָס ערשטע מאָל, גראָד נאָך דעם ווי איר מאַן, דער נאַטשאַלניק, האָט געלאָזט פאַלן דאָס האַרט־נעקיקע וואָרט. זי איז געשטאַנען אַ ווײַלע און נישט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער, געזאָגט:

— נו, קומט פּאַזשאַלוסטאַ.

ביידע האָבן אַוועקגעלייגט די גראָב־כּלים און זיך געלאָזט גיין צו דער אָפענער טיר פון קיך. דער טיש איז שוין געגרייט געווען: קרוכלע קאַרטאָפל אין אַ הילצערנעם שיסל, שטיקער חזיר־פלייש, זויער קרויט, ברויט, אַ האַלבער שטאָף וואָדקאַ. ביידנס העגט האָבן זיך געצויגן צו די מאכלים און נישט געוווּסט פון וואָס אָנצוהייבן.

— עסט, רעביאַטאַ, — האָט זי זיי אַרויסגעפּירט פון פאַרלעגנהייט — נישטאָ זיך וואָס צו שעמען. וואַינאַ.

מאָדנע. דאָס זעלביקע וואָרט, דאַכט זיך, וואָס זובאַנין האָט געזאָגט ביים ברונעם. אָבער דאָ, אין קיך, אין מויל פון נאַטשאַלניקס ווייב, האָט עס גאָר אַן אַנדערן טעם. וואַינאַ — עסן דאַרף מען.

זי האָט זיך געמאַכט עפּעס טאָן און פון דער זייט געקוקט אויף די אָפּגעמאָגערטע מענטשן, אויף זייערע הונגעריקע אויגן און אומגייענדיקע פּנים־מוסקולן. זי האָט זיך פאַרטראַכט: ווו האָט זי שוין געזען אַזוינס?...

אַרכאַנגעלסקער אָבלאַסט. איר טאַטע — אַן אייזנבאַנער, די מאַמע אַרבעט אין אַ פּאַפּיר־פאַבריק. גאָר אַ קליינע איז זי געווען בעת מען האָט דעם פאָטער אַוועקגענומען פון שטוב. מער האָט זי אים נישט געזען. עטלעכע וואָכן שפּעטער האָט מען אויך די מוטער אַרויסגעפירט. די מאַמע דערציילט מעשיות וועגן טיעפּלושקעס, שניי־וועגן, האַלץ־באַראַקן אויף שניי, וועגן קאַטאָרזשניקעס. בעתן קומען אַהין איז געווען בלויז שניי, וואַלד און שניי. „דאָ דאַרפט איר וווינען און אַרבעטן", האָט געזאָגט דער, וואָס האָט זיי אַהינגעבראַכט. אַ נידעריקער, פעסט־געבויטער מאַן מיט קאַלמיקיש קליינע אייגעלעך, ברייט טונקל פּנים, ברייט מויל און שיטערע ציין, וואָס האָבן בעתן לאַכן געגלאַנצט ווי געפּרווירענער שניי. געלאַכט

האָט ער אָפּט, כמעט נאָך יעדן אַרויסגעזאָגטן וואָרט. אָן אינעווייניק כּיכעדיק געלעכטערל, וואָס האָט אין די הערצער פון די נייע וואַלד־מענטשן קיין גוטס נישט אָנגעזאָגט.

— ווו ווערט מען דערווייל וווינען? — האָט עמעץ געפרעגט.

ער האָט אָנגעוויזן אויף די הויכע, גראָבשטאַמיקע ביימער.

— כי, כי, כי, צעזעגן אויף ברעטער, אויפשטעלן באַראַקן און וווינען.

— און ביז מען וועט דאָס אויפשטעלן?

— מען דאַרף שוין אָנהייבן. איר וועט זיך דערווייל צוגעוווינען. ווער ס׳וועט זיך נישט צוגעוווינען, כי, כי, כי, וועט פּגרן.

יענע נאַכט איז מען געשלאָפן אונטערן פרייען, פּראָסטיקן הימל. מען האָט צונויפגעבראַכט די ערשטע אָפּגעהאַקטע צווייגן אויף אַ ליידיקן שטח, זיי אונטערגעצונדן. דער שניי האָט זיך גענומען טונקלען, שיטערער ווערן און איינגעפאַלן. שוואַרצע פלעקן פון וואַלד־גרונט האָבן זיך אונטער די פיס באַוויזן. מען האָט דאָס פייער צערוקט, אויסגעברייטערט דעם קרייז. צונויפגעקוטשקעטע, ווי אַ שעפּסן־סטאַדע אויף אַ שאָטן, זענען אַלע געשטאַנען אין פלאַכן גרוב, אַרומגענומען פון שניי־ווענט. מען האָט זיך געטוליעט צום צעפּוילט־גראָזיקן, ווייכן באָדן, וואָס די פיס האָבן אונטער זיך דערטאַפּט. ס׳איז, דאַכט זיך, אויך געוואָרן אַ ביסל וואַרעמער. „זיך צוגעוווינט, טאַכטערשי" — האָט די מאַמע אונטערגעזיפצט. „די וואָס האָבן נישט אויסגעהאַלטן זענען... יאָ, זענען אונטערן שניי געבליבן". אַ סך, מיט אָפּגעפרוירענע נעז, אויערן, הענט און פינגער, האָבן ווייטער געאַרבעט. מיט קליינע „לוטשקעס" זעגט מען אונטער ריזיקע ביימער: זיי פאַלן מיט שווידער־לעכן קראַך, דעקן נישט איין מאָל צו אַ מענטש. מען שלעפּט אַרויס פון אונטער די ביימער, מען באַגראָבט, און ווידער צו דער אַרבעט. שטרענגע נאָרמעס, פּאַיאָקן. דער פראָסט פרירט איין און פאַרווייסט די שוואַרצע פּענעצלעך ברויט. מען דערוואַרעמט זיי, אַרויפגעשטאָכענע אויף צווייגלעך, ביי די שייטערס. דאָס דערוואַרעמטע ברויט דערפרישט דעם גומען, דער פראָסט קריכט ווידער דורך די פיס, דורך אַלע אברים.

ביי וואַגאַנעטקעס פירן האָט זי זיך באַקענט מיט וואַניושקען, וואַניושאַ זובאַנין — דעם בריגאַדיר. אַ יונגער, געוויקסיקער, מיט אַנטשלאָסענע פּנים־שטריכן, ענערגישן גאַנג. זיי האָבן זיך פאַרשריבן אין „זאַגס". צום יאָר איז געבוירן געוואָרן אַ קינד. מלחמה. זיי ווערן באַפרייט. וווהין פאָרן מיטן שניי־מענטשעלע? פראַנט? אָדער ווערבירן זיך אויף אַרבעט? האָבן זיי אויסגעקליבן פּרייוויליקע מאָביליזאַציע קיין מיטל־אַזיע. דאָ איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס פּאָסט־נאַטשאַלניק.

— — — — — — — — — — — — —

מאיר און סרוליק האָבן דערוייל אָפּגעגעסן.

— אפשר טשיי, גוטן טשיי? — האָט די פרוי געפרעגט.

זיי האָבן געדאַנקט, זיך אויפגעהויבן און אַרויסגעגאַנגען. זי האָט זיי באַגלייט ביז צו דער טיר, מורמלענדיק:

— יאָ, מיר האָבן אויך געליטן.

און אַ טרער האָט זיך אַ קייקל געטאָן אויף איר פּנים.

*

די אַרבעט האָט זיך גערוקט פאָרויס. אין גרוב איז ענגער געוואָרן, נאָר איין מענטש האָט זיך געקאָנט אַראָפּלאָזן אין דער טיפעניש. אַ צווייטער האָט געמוזט שטיין ביי דער קאָלבע און אַרויפציען פולע עמערס. די פּירקאַנטיקע טיפקייט איז געוואָרן מיט יעדן עמער שמעלער און ענגער. מיט פלינקייט זענען געלאָפן די עמערס אַרויף און אַראָפּ, מיטרייסנדיק שטיקער ערד, שטיינדלעך. יעדע שעה־צוויי האָט מען זיך געביטן. מאיר איז שמאָלפּלייציק און פון נידעריקן וווקס. ער שטעלט זיך אַריין אין עמער, האַלט זיך אָן פעסט אין דער קייט און שוין איז ער אויבן. ערגער קומט עס אָן סרוליקן. ער איז הויך, טראָגט גרויסע שיך אויף די לאַנגע פיס; געוווג ספּריט און מי האָט אים געקאָסט דאָס אַרויפקלעטערן. סרוליק האָט אויך געליטן הונגער מער ווי זיין חבר. שוואַכער געוואָרן פון טאָג צו טאָג, זיך געוואַקלט אין גאַנג, ווי איינער וואָס פאַרלירט די גלייכגעוויכט.

זאַמד

— קליינע פערדעלעך זענען שטאַנדהאַפטיקער — האָט סרוליק זיך געוויצלט.

— האַלט זיך, סרוליק, מיר זענען שוין צען, צוועלף מעטער אין דר׳ערד.

שוין צוועלף מעטער און קיין סימן פון וואַסער זעט מען נישט. די „קעסט״ ביי זובאַנינס וייב זענען זעלטענער געוואָרן. אַ שטענדיקער הונגער האָט געפּייניקט. דאָס איז אייגנטלעך אַ מין נאָגעניש געמישט מיט טרויער, מיט געפאַלנקייט, און אַן אומרו פאַר עפּעס וואָס דאַרף געשען. נישט פון גוף איז געקומען די געפאַלנקייט. אדרבא, אַן אַרבעטס־ווילן איז אויפגעגאַנגען אין מאירן און סרוליקן. אַ להכעיסדיקייט איינצו־גראָבן זיך טיפער, טיפער אין דעם ערד־אינגעוויד. קוקן אויף דעם פּיר־קאַנטיקן שטיקל הימל, די גרייס פון אַ קיביטקע־פענצטערל, און פילן אין די אייגענע בלוט־געפעסן און אונטער די פיס, ווי דערווייל נאָך אין פאַרבאָרגעניש ריזלט אַ קילער וואַסער־אָדער. נאָך אַ ביסל און מען וועט זיך צו אים דערשלאָגן.

די קייט איז געוואָרן קורץ. זובאַנין האָט געזוכט לייטערס, לייסטן, דרענגער. דערווייל האָט ער געהאָלפן מיט פאַרגרעסערטע ברויט־פּאַיאָקן: אַכט הונדערט אַנשטאָט דריי הונדערט. ער פאָדערט אָבער אַרבעט. לויטן אָפּמאַך האָט מען באַדאַרפט אויספּאַרטיקן דעם ברונעם צו די פיר, פינף וואָכן. שוין לאַנג אַריבער די צייט און קיין וואַסער זעט מען נישט. צוועלף־דרייצן מעטער די טיף. דער זשעדנער שטראָם ליכט, וואָס שניידט זיך אַריין דורך דעם אָפענעם פירקאַנט, דעקט אָפּ אַרומגעטעסעטע, שמאָלע ווענטלעך. זייער גראָער קאָליר טיילט פון זיך אויס עטלעכע שיכטן: זאַמד, שוואַרצערד, גראָער ליים, קרייד, שטיינדלעך, רויט־פּעטע קלעפּיקייט און ווידער שטיינדלעך. ווייסע, קאַנטיקע, געשליפענע שטיינדלעך, דאָס איז דער פאַר־וואַסער־באָדן. אַן ערך אַ מעטער איז דער שיכט פון זשוויר. דער העלער לאָמפּאָס מאַכט ליכטיקער דעם באָדן, אָבער שווער, זייער שווער גיט ער זיך אונטער דעם שפּיץ לאָם. בלויז ברעקעלעך און שטיקע־לעך. צעדריבלטערהייט שיט מען מיט די הענט אין די עמערס. אַ שעה,

צוויי, אַן עמער. אַ טאָג, צוויי, דער פּאַס ווערט ברייטער, ליכטיקער אין די אויגן. אָבער עס נעמט אַלץ נישט קיין סוף. פון קלייבן די „טשייכן" ווערן די הענט צעריסן. דער שטייניקער זשוויר עסט דאָס פליש פון די פינגער, די נעגל. קיין וואַסער זעט מען נישט. זובאַנין קומט אָפּטער צום גרוב. ער שרייט אַריין:

— העי, רעביאַטאַ, זעט ווי די ערד ווערט פייכטער! באַלד וועט זיין וואַסער, וואַסער!

מאיר און סרוליק שווייגן. שווייגנדיק אַרבעט מען. פאַרנאַכט, ווי תמיד פאַרן אַהיימגיין, זיצן זיי אויפן אָנגעבאַרגטן ערד, רוען, וואַרפן זיך איבער מיט אַ וואָרט.

— צייט צו נעמען די פיס אויף די פּלייצעס, מאיר.

— וואָסי? די געשעפטן יאָגן?

— סט׳ גאָרנישט אויסזיצן. אָט גייט ער שוין ווידער.

דער נאַטשאַלניק דרייט זיך אויפן הויף פריילעך־אויפגערעגט. די צוויי טיפּע קנייטשן לענגאויס די באַקן — ברייטער, אָפענער. זיי שפּילן אויס אַ שמייכל.

— וואָסער גדולה אויף אים?

— עפּעס אַ קלייניקייט — וואַסער, אַ ברונעם אין דער טריקעניש.

— זיין ברונעם?

— אַוודאי נישט אונדזערער.

— נו, ווי זעט מען שוין אַ ביסל וואַסער?

*

צו מאָרגנס האָט זובאַנין געבראַכט אַ לייטער און אַ פּאָר גומענע שטיוול. איין פּאָר שטיוול, נאָר פאַר דעם וואָס אונטן. ער זעט די צעוואַל־גערטע, נאַסע ליים־הרודעס, די עמערס צעגאָסענע בלאָטע אַרום גרוב.

— וואָדאַ! וואָדאַ! — רופט ער מיט באַנומענע קולות.

אין דעם ענגן גרוב איז קיל. די קילקייט נעמט אַרום די צעוואַרעמטע קערפּערס. מאיר און סרוליק זענען אויסגעשמירט מיט ברויך־געלער

קלעפּיקער בלאָטע. מיט די לעצטע שטיינדלעך באַרען זיי זיך און פּילן, ווי אונטער זייערע פיס רייסט זיך אַ קילער שטראָם.

פּופּצן מעטער טיף אין מדבר־באָדן האָבן פרעמדע וואַנדערער „אַנגעשלאָגן זיך אין שטייך", און עס האָט אַ שפּרודל געטאָן וואַסער. איבער זיי, אין דער הייך שרייט זובאַנין:

— נאָך אַ ביסל, נאָך אַ ביסל, רעביאַטאַ, און איר וועט זיך דערשלאָגן צום ריינעם קוואַל!

פון אינעווייניק האָט אָפּגעענטפערט אַ קול, באַגלייט פון אַן עכאָ, וואָס האָט זיך געשפּאָלטן, ווי נאָר ס׳האָט דערגרייכט די ערד־אויבערפלאַך:

— אהא! אהא! אהאהאאא!

*

די ברויט־ביכלעך טיילט מען איין מאָל אין חודש — יעדן ערשטן. אַן אויסגעשניטענער טאַלאָן איז אַ דאַטע, אַ טאָג אין לעבן. מען ציילט דורך זיי די טעג פינקטלעכער ווי אין אַ קאַלענדאַר. וואָרעם אַרויסרייסן אַ בלעטל פון אַ לוח פאַרגעסט מען אַמאָל, אַ טאַלאָן — נישט. די ברויט־צעטיילערין טאָר נישט פאַרזען אויסצושניידן אַ טאַלאָן, זי מוז האָבן גוטע אויגן און פלינקע הענט. דורך די פּירקאָנטיקע, קליינטשינקע פענצ־טערלעך פון די פעלנדיקע טאַלאָנען האָט מען געזען דעם מאָרגנדיקן טאָג, דעם איבערמאָרגן, אַ וואָך, אַ חודש. מיט די קאָליריקע, געשטעמפּלטע כשוף־קאַרטלעך פון דריי הונדערט און פיר הונדערט גראַם ברויט איז געגאַנגען די צייט. מיט יעדן אָטעמצוג, מיט יעדן נשמה־וויבריר האָט מען זי געפילט. געפילט ווי דאָס לויפן פון אַ באַן. ניין, ס׳איז אַ שלעפּן זיך פון אַ באַן צו אַ סטאַציע... וואָס ווייטער — אַלץ פאַמעלעכער, פאַמע־לעכער. זיצסט אינעווייניק, קוקסט דורך די „פענצטערלעך" און קיין „סטאַציע" זעט מען נישט. אומגעדולדיק, אומרואיק און שוואַכער ווערן די „פאַסאַזשירן", שוואַכער פון טאָג צו טאָג — „צום טיוול אַזאַ נסיעה" — ווילט זיך אַ שפּיי טאָן. אַ סטאַציע אָדער אַ צוזאַמענשטויס, אַ קאַטאַס־טראָפע! און אַ סוף זאָל עס נעמען!

דערוויייל האָט אַ סוף געגומען צום ברונעם. פריש וואַסער האָט אַ שפּראַץ געטאָן. דאָס האָט ווידער אין סכנה געשטעלט סרוליקס און מאירס ברויט.

עטלעכע טעג נאָכן אויספּאַרטיקן דעם ברונעם האָט זובאַנין פאַררופן צו זיך אין קאַנטאָר די צוויי אַרבעטער און אַזוי געזאָגט: „רעביאַטאַ, איר האָט געוויסנהאַפט געאַרבעט, נישטאָ וואָס צו רעדן, כאַראַשאָ, כאַראַשאָ. אַ שאָד, אַ שאָד".

— וואָס אַ שאָד, טאָוואַרישטש נאַטשאַלניק?

— אַ שאָד, וואָס ס'איז נישטאָ מער וואָס צו טאָן. די ברויט־קאַרטן, הם... די ברויט־קאַרטן — ר'האָט מיט איין האַנט אַ קנייטש געטאָן דעם שטערן, מיט דער צווייטער פאַרהויבן אַ בלעטל פון טיש־קאַלענדאַר און ווייטער גערעדט:

— דער צוואַנציקסטער טשיסלאָ היינט. איר קאָנט האַלטן די קאַר־טאָטשקעס ביזן ערשטן. כאַראַשאָ, כאַראַשאָ. ס'איז נאָך געבליבן אָפּצוריי־ניקן דעם וועג צום ברונעם — האָט ער צוגעגעבן האַלב אין ערנסט, האַלב אין געלעכטער.

מאיר און סרוליק האָבן פאַרשטאַנען דעם נאַטשאַלניקס באַרעכטיקטע מורא פון לאָזן ברויט־קאַרטן ביי מענטשן וואָס אַרבעטן נישט. ביידע האָבן געענטפערט: אַ דאַנק.

זובאַנין האָט ווידער געזאָגט: „ביי אונדז, רעביאַטאַ, איז אַרבעט קיין דאגה נישט. אויב איר ווילט קאָן איך אייך נאַראַיען אין „זאַגאָט זיערנאָ". כאָסאַן דער סקלאַדאָווּשטשיק זוכט מענטשן. ס'איז נישט ווייט פון דער סטאַציע ווו איר ווּינט.

ביידע האָבן נאָך אַ מאָל געדאַנקט און געשאָקלט מיט די קעפּ אויף הסכמה.

קאַפּיטל צוויי

דער טויט פון אַ פרעמדער

אַ גאַנצע וואָך איז דאָס קליינטל פון אַלטן אַלטענבייעוו, ווו פריידקע באַקומט טאָג־טעגלעך די צוטיילונג, פאַרמאַכט. אויף דער פאַרזיגלטער טיר הענגט אַ צעטעלע: „זאַוטראַ דאַיוט" — מאָרגן די צוטיילונג. די אָטשערעד ביים פענצטערל, וואָס שטעלט זיך אין די פרימאָרגן־שעהן, ווערט וואָס אַ מאָל שיטערער, לויזער. די לעצט־פאַרבליבענע, מערסטנס ווייבער, צעגייען זיך מיט אַ מורמלעניש:

— עפּעס נישט גלאַטיק די זאַך. מסתמא אַ מסירהלע.

די לעצטע זיבן טעג פון חודש. די אַרבעט אין „זאַגאָט זיערנאָ" איז נאָך נישט אין גאַנצן זיכער. דאָס ברויט אויף די קאַרטעלעך איז דערווייל אונטער אַ שלאָס. אַלע טעג, גייענדיק אויפן באַזאַר, נעמט פריידקע מיט די ביכעלעך און קומט אַהיים מיט ליידיקן. זיבן טעג אָן ברויט. איבער־געקומען מיט לעמישקע פון טונקל מעל, וואָס איז ווי קלייסטער צוגע־פאַלן צום גומען, עטלעכע סקוואַרקעס, אורוק,*) וואָס די גוטע אַפּאַ, די באַלעבאָסטע, האָט אַריינגעבראַכט.

שרה האָט דאָס גאַנצע לעבן אויסגעהיטן זיך פון מענטשנס גאָב. וואָס האָט זי אָבער געזאָלט טאָן? און אַז די קאַרטן וועלן זיך אַ ליאַדע טאָג ענדיקן? זונטיק אין דער פרי איז עס געווען. פריידקע איז צוגע־גאַנגען צום קויש, וואָס אין ווינקל שטוב, עפּעס אַרויסגענומען, פאַר־דרייט אין אַ פּעקעלע און אַרויס פון שטוב. שרה האָט געוווסט וווהין און נאָך וואָס פריידקע גייט. זי האָט געשוויגן. „גאָט, זיי זיך מרחם און שיק

*) געטרוקנטע פלוימען.

צו אַ קונה אויף די פּאָר לאָכעס, אַנישט — דאַרף מען זיך, חלילה, אַ מעשה אָנטאָן״. צו פריידקען, וואָס איז שוין געווען אין דרויסן, האָט זי בעטנדיק נאָכגעשריגן:

— קום נישט שפּעט, זוים זיך נישט, איך קלער איבער...

פריידקע איז געגאַנגען מיטן שמאָלן, געדרייטן אבאיא־געסל צום באַזאַר. ס׳איז געווען פֿאַרטאָג. איבער די נידעריקע ליים־פּלויטן און בלינדע ווענט פון גראָע קיביטקעס האָט זיך אויפגעהויבן אַ זון, פויל און פאַרביק געלייגט זיך אויף די דעכלעך פון געבליאַקעוועטן ליים און שטרוי־צויטן ביי די שפּועים. מיט ליכטפּלעקן באַשפּרענקלט דעם זאַמדיק רויטן וועג, וואָס איז ווי אַ פויערישער אַוועקגעוואָרפענער רימען געלעגן קרום און שלענגלדיק.

שווער־גופיק, מיט לעפיש פוילע טריט, וואַקלט פאַרביי אַ קעמל, באַלאָדנט פוןביידע זייטן. אויפן אַנגעצויגענעם האַלב־רונדן הויכן האַלדז הוידעט זיך אַ קאָפּ, ס׳הוידען זיך מיט די צווייי הויקערס און דער דריטער — אַ באַבאַי: אַ וואַטענער סורדוט, אַ ברייטער שטרויהוט, ווי אַן איבער־געדרייטער טעלער. אונטער זיי שלעפּט זיך לאַנגזאַם דער שאָטן.

אויך פריידקע איילט זיך נישט. טריט ביי טריט גייט זי פאַרביי דאָס געסל, וואָס פירט פון שטוב, דורך דער הויפּט־גאַס „סטאַכאַנאָווסקאַיאַ״, צום באַזאַר.

דאָס איז די בעסטע שעה אין טאָג. שפּעטער באַפאַלט די זון. אַ הייס ווינטל שמייסט דאָס פייער אין פּנים אַריין. נאָס פון שוויס ווערט זי און דורשטיק — נישט צום לעשן. זי טרינקט אַ סך. דאָס וואַסער איז באַטעמט, אָבער ס׳טריקנט אין מויל. וואָס מער זי טרינקט, אַלץ מער דורשט. פאַר־זאָגט זי זיך: דאָס לעצטע מאָל, דאָס לעצטע מאָל. האַלטן, האַלט אָבער דער צוזאָג פון איין סאָדעוואַסער־בודקע ביז צו דער צווייטער. ס׳האָט אויך אַ מעלה, דאָס וואַסער פאַרשלאָגט דעם אַפּעטיט. אָבער היינט? היינט, זאָגט מען, עפּנט מען דעם לאַראָק. די גאַנצע צוטיילונג: צוויי ברויטן. זי האָט אַ טאָפּ געטאָן די האַנט־טאַרבע: גוט, וואָס זי האָט נישט פאַרגעסן מיטצונעמען די ביכלעך. אָבער נישט טאָן מער די נאַרישקייט, וואָס מיט

עטלעכע חדשים צוריק, האָט זי זיך אַליין געוואָרנט. אויך אַ מעשה מיט אַ פאַרהאַלטענער צוטיילונג. מיט איין מאָל באַקומען פאַר צוויי טעג אַ גאַנץ ברויט. אַהיימגעקומען אין אָוונט, האָט זי אָפּגעשניטן אַ רעפטל, צעטיילט אויף פיר גלייכע חלקים, די רעשט פאַרוויקלט אין אַ האַנטעך און אַרויפ־געלייגט אויף דער פאָליצע איבערן בעטל. אַ גאַנצע נאַכט האָט עס איר געררייצט. מאָרגן גיט מען די פרישע צוטיילונג, וואָסי? כאָטש איין מאָל זיך אָנעסן צו דער זאַט. זי איז אַראָפּ פון געלעגער, אָפּגעשניטן נאָך אַ רעפטל. ס׳פאַרבליבענע צוריק פאַרוויקלט און גיך, גיך עס אָוועקגעלייגט. זי האָט דערבײַ אָפּגעדרייט דעם קאָפּ אין אַ זייט, אויס מורא, אַז פון קוקן אַליין זאָל דאָס ברויט נישט נעלם ווערן. פריידקע האָט סיי ווי נישט געקאָנט איינשלאָפן. פון זיך אַליין האָבן די אויגן־לעדלעך איטלעכס מאָל זיך צעעפנט און פאַרמאַכט. אין די מינוטן, וואָס די אויגן זענען פאַרמאַכט געווען, האָט זיך איר געדאַכט — אפשר געחלומט — אַז אַ פרעמדע האַנט שטרעקט זיך צו דער פאָליצע... ניין, נישט דער הונגער, נאָר דער פחד, וואָלט זי געשוווירן, האָט איר נישט געלאָזט איינשלאָפן. דער אומגעדולד איבערצוּוואַרטן ביז אין דער פרי האָט איר פון בעטל אַראָפּגעיאָגט. יענע נאַכט האָט זיך דאָס האַנטעך אויסגעליידיקט, אויפגעגעסן ביז אַ קרישקע. ערשט נאָך דעם איז איר אַ שלאָפלאָזיקייט באַפאַלן: וואָס האָט זי אָפּגעטאָן?

גייענדיק מיטן שמאָלן, געדרייטן אַבאַיאַ־געסל, האָט זי אָנצינד באַשלאָסן: תיכף נאָכן באַקומען ס׳ברויט אַהיימגיין, געבן דער מאַמען, זאָל זי עס טיילן. זי האָט גענומען איבערלייגן די „סחורה״ פון איין האַנט אין דער צווייטער. קודם, די געקעסטלטע צעראַטע, נאָך דעם, די צוויי באַטיס־טענע בלוזקעס; פון אויבנאויף — דאָס העמד פון קונסט־זייד. איבערגע־גאַנגען פון האַנט צו האַנט, געהויבן קעגן דער זון, צעצויגן עס אין דער ברייט און אין דער לענג, געמאַכט אַ זשמעניע דערפון; מען האָט עס געוויגן מיט אַ האַנט־טרייסל, ווי מען וועגט אַ גאָלדשטיקל. אַזוי לאַנג געקנייטשט, ביז די איידעלע גלאַנציקייט האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון צווישן די פינגער. ווי פון אַ געהיימען גייסט באַלעבט, האָט דער שטאָף

שטייף און שטום זיך געווערט אין די פרעמדע הענט. מען האָט עס טאַקע צוריקגעוואָרפן. מיט ווייכן שאָרך און סוד האָט דאָס העמד אַ פּאַל געטאָן אויף דער אויסגעשטרעקטער האַנט און זיך אָנגעהאָנגען. ס׳האָט נישט געהאָלפן פריידקעס אויסרופן: ריינער, פּוילישער זייד, אָן מילבן!

נישט געהאָלפן. און אפשר איז זי אַליין שולדיק דערין, ווייל די ערשטע טעג האָט זי געהאַלטן דאָס פּעקעלע אונטערן אָרעם. געשעמט זיך. נישט מסוגל. דאָרט, הינטער קוּבישעוו, האָט מען זיך אַנדערש געפירט. געטוישט: אַ קלייד, אַ טישטעך, אַ פּאָר זאָקן — אויף אַ שטיקל פעטס, אַ ביסל מאַנע־קאַשע, אַ ציבעלע. אַרומהענגען זיך מיט שמאַטעס, שרייען, אויסרופן, אויסלויבן דאָס, וואָס מען ציט אַראָפּ פון אייגענעם לייב, פייניקט מער ווי דער הונגער. דאָס הערן ס׳אייגענע קול אויף דער גאַס, אין דער פרעמד, האָט אויפגעציטערט אַלץ וואָס איז טיף אין איר געלעגן אונטער אַ דין הייטל פון פאַרגעסונג. פּיוויש, זיבן וואָכן נאָכן באַקענען זיך מיט אים איז אַוועקגענומען געוואָרן אין מיליטער: צווייטער פּאָלק אולאַנער, איין ייד, אַ קאַוואַלעריסט, צווישן פּאָליאַקן. זיבן וואָכן נאָך די תנאים — אויסגעבראָכן די מלחמה; צעשיידונג. זי מיט טאַטע־מאַמע איבערן בוג, פּיוויש — בלייבט איבער. צוויי יאָר האָט מען נישט געהערט סיי פון די ברידער, סיי פון פּיווישן. און פּלוצעם באַווייזט ער זיך אין קאָלכאָז. זיבן טעג געווען צוזאַמען, באַשלאָסן פאָרן קיין קוּבישעוו חופּה שטעלן, און אויפן זיבעטן טאָג אַוועק, אַוועק מיט די לעצטע זיבן פון קאָלכאָז. איי, ווי זי האָט פיינט דעם מספר „7". ווּ איז ער אַצינד, פּיוויש? אויף וועלכן פראָנט? אומגליקלעכער... און אפשר בלאָנקעט ער ערגעץ? אַהער, זאָגט מען, קומען אַלע באַפרייטע פון די פּאַשיאַלקעס, אַרמייען, טורמע, פאַרשיקונגען, אויסגעבראָקעוועטע פון פּוילישן מיליטער. וועט זי אים נאָך זען? וועלן זיינע אויגן קוקן אויף איר מיט אַזוי פיל גוטסקייט? אַ! ליבער, אומגליקלעכער פּיוויש. פאַרוואָס דיך געפייניקט מיט מיין צוריקגעהאַלטנקייט? כ׳האָב דאָך דיך אַזוי ליב. קיין איין מאָל האָסטו פון מיר דאָס וואָרט נישט געהערט.

פריידקע האָט אויף אַ ווײַלע זיך פאַרהאַלטן. ווּ איז זי? פון קעמל

מיטן רייטער האָט זיך שוין אַרויסגעזען נאָר דער הינטער־חלק, וואָס טרייבט זיך אַליין אונטער מיט אַ קליין ווײדעלע. אויך די זון איז נישט געשטאַנען אויף איין אָרט. דאָס גאַנצע געסל, די האַלב־צעוואַלגערטע מויערן פון ליים איז אָפּגעגאָסן מיט ליכט. דאָס זאַמד אונטער אירע גומי־לאַפּטשעס בריט, די פּלייצע, די אַקסלען — ווי זיי וואָלטן אויף זיך די גאַנצע זון געטראָגן. ס׳איז אַפּנים נישט פרי געווען. אין איינעם פון די הייפן זענען אויף דער גאַלער ערד געזעסן צוויי רעדלעך מענטשן. איינס, קאָנטיק, אַ משפּחהדיקס, אַ באַבאַי, אַ מאַרזשאַ *) און עטלעכע קינדער, אין מיטן — אַ גרויסע שיסל, פון וואַנען אַלע עסן מיט איין הילצערנעם לעפל. דעם ערשטן „שעפּ״ טוט „ער״ און גיט איבער דאָס לעפל דעם ווייב. דערנאָך גייט עס פון קינד צו קינד. אַן אָרעמע משפּחה. זי דערקענט דאָס אין אומגעדולד אויף זייערע פּנימער בעתן איבערוואַרטן פון איין לעפל צום צווייטן. נאָך אַ סימן: די שיסל איז פון האָלץ און די זופּ — אַ מאָגערע פליסיקייט. ביי די רייכע עסט יעדער באַזונדער און שעפּן שעפּט מען פון אַ גרויסער, קופּערנער פאַן. מען עסט אַ פעטן „פּלאָוו״, אַ דורכגעפּרייעטן מיט שאָפּענע ביינער און שמאַלץ. מען פאַרבייסט מיט „בישמאַרמאַק״ און פון פאַרצעלייענע וואַזעס טרינקט מען „בוזאַ״־טיי.

דער טיי איז טונקל־ברוין, ווי דער קאָליר פון זייערע פּנימער. דער ריח, ווי דער ריח פון עסענץ, איידער מען צעפּירט אים אין געקאָכטן וואַסער. זיין שטאַרקייט הערט מען ווי ווייט.

דער צווייטער ראָד איז פון לויטער באַבאַיען. פאַרלייגט די פּיס הינ־טער זיך, זיצן זיי און רעדן הויך אויפן קול. מ׳מאַכט משונהדיקע העוויות מיט די הענט. פון צייט צו צייט גיבן אַ שלאָג הילכיקע, ווילדע קולות, ספק געלעכטער, ספק געשריי. זייערע שיטערע בערדעלעך, וואָנסעס, טוביטייקעס, ווי יאַרמולקעס, שוואַרצע האָר און אויך עפּעס אין די פּנימער גופא, דערמאָנען אין אויסזען פון פאַרצייטישע יידן. צו נישט געמאַכט

*) אַ פרוי.

פריידקעס פאַרשטעלונג האָבן זייערע קאַסאַקע אייגעלעך, שאַרפע קינען, וואָס מאַכן די פנימער ברייט און צעפלאַטשעט; אויך די שדיש ווייסע ציין בעתן לאַכן און די לאַנגע נאַרגילייע, וואָס גייט אום פון מויל צו מויל.

פריידקע האָט זיך דערנענטערט צום באַזאַר. זי האָט באַדאַרפט אַריבערגיין דעם ברייטן, שטויביקן וועג פון דער סטאַכאַנאָווסקאַיאַ, וואָס ציט זיך העט ווייט, פון „כלאָפזאַוואָד” ביז דער סטאַציע, צו די סקלאַדן פון „זאַגאָט זיערנאָ”. זי האָט געמוזט איבערוואַרטן. שוין נישט איין מאָל אַזוי געטראָפן. אין דער אָ פאַרמיטאָג־שעה ציט פאַרביי, לענגאויס דער גאַס אַ קעמל־קאַראַוואַן, באַלאָדן מיט זעק תבואה. נאָך זיי פאָרן הויכע, צוויי־רעדערדיקע „אַראַבאַ” געפירט פון פריידעס. די לעצטע איילן אונטער די אייזעלעך, מיט בייכלעך ביז צו דער ערד, געבויגענע פון די פולע זעק. נאָענט פון די הויכע, אומגעלומפּערטע חיות, ריזיקע וועגענער, זעען אויס די אייזעלעך נאָך נעבעכדיקער. זייערע ביניקע, דינע פיסלעך אין האָפּסלענדיקן לויף, יאָגן, יאָגן נאָך די הויכע רעדער און בלייבן הינטער־שטעליק.

איידער איבערוואַרטן — האָט פריידקע זיך געטראַכט — איז גלייכער מיטגיין מיטן קאַראַוואַן ביז דער באַן־סטאַציע. פון דאָרט איז אויך נענטער צו אַלטענבייעוון. זי האָט אַזוי געטאָן. פאַר איין וועגס פאַרהאַלטן זיך אַ ווילע ביי די סקלאַדן, זען ווי די קעמלען לאָדן אָפּ פון זיך די משא.

אַ צי ביים צוים־שטריקל און דער ערשטער קעמל בלייבט שטיין. הינטער אים — די גאַנצע ריי. נאָך אַ צי, און זיי נעמען זיך געהאַרכזאַם זעצן: צו ערשט נייגן זיך די פאָדערשטע פיס, ברעכן זיך איין ביי די קני און פאַוואָליע נידערט די גאַנצע משא ביז צו דער ערד. ערשט דאַן גיבן זיך די איינגעבויגענע פיס אַ גליטש פאָרויס און עס בלייבן ליגן די שווערע גופים מיט לאָדונג. דאָס איינציקע וואָס בייגט זיך נישט, זענען די קעפּ. פאַרהויבן אויף פאַרריסענע העלדזער, גלאָצן זייערע אויגן אויף גאָטס וועלט פון זון און זאַמד.

דער לאַראָק פון אַלטענבייעוון איז פאַרמאַכט געווען. אויך דאָס צעטעלע אויף דער טיר איז נישטאָ. ס'איז קיין אָטשערעד נישט געשטאַ־

נען און פריידקע האָט נישט געהאַט ביי וועמען צו פרעגן די סיבה פון דער שטילקייט אַרום געוועלבל.

צוריק צום באַזאַר איז זי געגאַנגען הינטן־אַרום. זי איז אָנגעקומען פון דער אַנדערער זייט, מיטן טאַלטשאַק, זיך אָפּגעשטעלט, דאָ פּרווון דאָס מזל. היינט מוז זי עפּעס וואָס פאַרקויפן, אָן ברויט וועט זי נישט אַהיימקומען, האָט זי ביי זיך באַשלאָסן.

דאָ „דרייט" מען זיך מיט אַלטע קאָסטיומען, שטאָפּן אויף קליידער און קליידער — לאַנגע, נאָכגעלאָזן־ברייטע, ווי נאַכט־העמדער, וואַלענע גאַטקעס, סוועטערס, שוכוואַרג, אָנגעוואָרפענע שטיקער מעבל, אַלטע שטוב־חפצים, אַ געפּלאַצטער שפּיגל, אַ קונציק אויסגעשניטענע שקאַ־טולקע, אַ פּיניש קינזשאַלעכל, אַ יאַפּאַנישע וואַזע. דאָ האַנדלט מען מיט געניצעוועטע „וויעשטשעס", דערביי שמוגלט מען אונטער מיט נייעם פּוילישן פּאָדעם, ווידזעווער לייוונט, ווייכע לעדער און האַרטע אַמערי־קאַנער גומי־זוילן; שטיקלעך זייף, נאָר וואָס אויסגעגאָסן פון טיי־פּיאַלעס, אייגענע אויסאַרבעטונג. אויך צו באַקומען אַ פּערסישן טעפּיך, וואָל פון היגע צעכן, אַ יידישן טישטעך, ציגיינער־טיכלעך, קרעלן, זיידענע זאָקן פון מאָסקווער „לוקס־טאָרג". נאָענט צום באַזאַר־איינגאַנג, אויף בענקלעך, קופּערטן און שטעלן זעט זי אַלמא־אַטער עפּל, אוזבעקישן אורוק, וואָס מען נוצט דאָ אָנשטאָט צוקער, ווייכע, וואַרעמע ליעפּיאָשקעס, מאַקוך פון אייגענעם כלאָפּזאַוואָד. אין טעג ווען ס'איז נישטאָ קיין ברויט, איז מאַקוך אויך אַ מאכל.

דער ריח פון קאַלטן קוואַס, היימישן ביר און אַנדערע פּליסיקייטן וועקן פריידקען פון איר פאַרזונקענעם גאַנג. עס טריקנט אין האַלדז. וואַסער וואָלט זי געטרונקען, ס'קאָסט נישט קיין געלט. איז עס אָבער אויפן באַזאַר און אין די שכנותדיקע הייפן נישט צו באַקומען. שווערער דאָס־יאָר מיט וואַסער, מער ווי תמיד. מען זאָגט, צוליב דעם מענטשן־אָנלויף. זי איז שטיין־געבליבן ביי אַ טישל און זיך געהייסן געבן אַ קופּל קאַלט וואַסער. עס לעשט נישט. פאַרקערט, דער טרונק רייצט נאָך מער. פון אָנגעגאָסענעם וואַסער ווערט דער בויך פולער און די פיס שווערער.

ש. וואַרזאַגער

בשעת פריידקע שטעלט צוריק אַוועק דעם כּוס, באַמערקט זי אין וואַסער־שפּיגל איר פּנים: אַ לענגלעך־ביינִיק נעזל, ברוינע, גרויסע אויגן, בולטע קינען, וואָס האָבן איר קיילעכדיק געזיכט צוגעגעבן אַ באַזונדערן חן. אַוודאי איז עס זי, אָבער אַלץ אַזוי פֿאַרעמלאַז, פֿאַרענדערט. ווען נישט דאָס שוואַרצע פּעפּערל צווישן די ברעמען, וואָלט זי זיך נישט דערקענט. און דער קאָליר פֿון די האָר? שטויביק־גראָ: פֿון גרויל, צי פֿון אַלטקייט? העכער צוויי יאָר, צוויי יאָר, צי צוויי צענדליק?

עמעץ איז פֿאַרבייגעגאַנגען, אַ הייב געטאָן די צעראַטע און געפֿרעגט: „סקאַלקאָ״? וויפֿל? זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן. אידער וואָס־ווען, איז יענער נישט געוואָרן. פֿריידקע האָט זיך ווייטער געשלעפּט. געדרייט זיך לענג־אויס די בודקעס, געטאַפּטשעט אין זאַמד און געדאַכט האָט זיך איר, אַז איר פּנים איז פֿון בוטל אַרויס, גייט איר נאָך און וואָרנט: טרינק נישט מער, טרינק נישט, וועסט זיך אויסשעפּן...

עטלעכע טריט ווייטער האָט פֿריידקע באַמערקט: אַ האַלב נאַקעטער יונג מיט אַ האָריקער ברוסט און געגאָלטן קאָפּ איז צו צו אַ זיצערין און פֿון אַ שטויס ליעפּיאָשקעס אַ כאַפּ געטאָן אַ פֿולע זשמעניע, פֿאַרקוועטשט זיי און גענומען לויפֿן. לויפֿנדיק האָט ער מיטביידע הענט געפּאַקט די פּלעצ־לעך אין מויל אַריין. ער האָט עס געמאַכט אַזוי געשיקט, אַז ביז עמעץ פֿון די פֿאַרבייגייער האָט עס דערזען און גענומען אים נאָכיאָגן, האָט ער שוין געהאַט מער ווי אַ העלפֿט אויפֿגעגעסן. די רעשט האָט ער געשטופּט אין מויל אַריין אַזוי, אַז ר׳ האָט אַפֿילו נישט געקאָנט שרייען בעת איינער האָט אים דערלאַנגט מיטן פֿויסט אין קאַרק. ר׳האָט זיך אונטערגעגעבן די קלעפּ, אַראָפּבייגנדיק דאָס פּנים, און נישט אויפֿגעהערט קייען. געזען ווי אין זיינע הענט זענען געבליבן נישט מער ווי לעצטע שטיקלעך, האָט מען אים אָפּגעלאָזט. ערשט דאַן האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויפֿן מיטן וועג און בנעימות אַרויסגעצענדיקט דאָס מאָלצייט. זיינע אויגן, וואָס האָבן געקוקט פֿון אונטן אַרויף, זענען נאָך אַלץ געווען גרויס־צעעפֿנט און אומגעלאָפֿן הין און צוריק.

אויך די, וואָס האָבן אים מיט אַ מינוט פֿריער געבויקערט, געקאָפּעט

אין בויך אַריין, זענען שטיין־געבליבן געפּלעפּט. אַזיאַטישע יוכע האָט זיך אויסגעקרומט אין אַ שמייכעלע פון פאַרלוירנקייט, פּחד און רחמנות.

פריידקע האָט זיך איינגעקוקט אין געשלאָגענעם. דער מוטנער בליק פון זיינע צעשראָקענע קוקערס, דער בלאָנדער אָנוווקס אויף זיין יונג פּנים האָט איר ווידער דערמאָנט אין פּיוּוישן. אומגליקלעכער, ווער ביסטו, פון וואַנען? פון וועלכן פראָנט, שפּיטאָל?...

ס'איז געווען אַרום איינס אַזייגער. אין דער שעה זעט מען שוין נישט די זון, ווי מען זעט נישט דאָס פייער אין אַן אויסגעשייערטן אויוון, אָבער די היץ איז אין סאַמע ברען. ווי אַ שווערע משא לייגט זיך דער גליאיקער לופטדרוק אויפן גאַנצן גוף, צינדט אָן דאָס לייב, די אויגן, די נאָז, די אויערן, דאָס גאַנצע פּנים, אַפילו די האָר אויפן קאָפּ אָטעמען מיט דער דאָזיקער היץ. ערשט אַצינד האָט פריידקע באַגריפן פאַר וואָס מען טראָגט דאָ אין זומער וואַטענע הויזן, וואָלענע סוועטערס, קופייקעס און פוטערנע פאַפּאַכעס. דאָס איז ממש אַ שוץ קעגן דער באַקנדיקער זון, בעת איר טיף־דעקאָלטירט קליידל איז ניִשט מער ווי אַן איבערפירער פון גהינום אויף איר לעבעדיק לייב.

אין דער שעה פאַררוקט זיך יעדער איינער אונטער זיין, אָדער שכנסביידל־דעכל, שטעלעכל, זעצט זיך, אָדער לייגט זיך אָפּרוען. די הענדלער טראָגן זיך ביסלעכווייז אָפּ אין די טשייכאַנאַס אויף אַ דערפרישנדיק גלעזל טיי און לייכטן ביס. מאַנכע גייען אַהיים, כדי פיר, פינף נאָך מיטאָג צוריקקומען און מסחרן ביזן שפּעטן אָוונט. דער באַזאַר מיטן טאָלטשאָק רוען.ביידע אָפּגעליידיקטע פלעצער, ווי אויסגעגעסעצטע מיילער נאָך אַ נאָך־מיטאָג־דרימל. צעקאָפּעטע מיט צייכנס פון טויזנטער טריט ליגן די זאַמדן און לאָזן דער זון אָפּלעקן די לעצטע סימנים פון מענטשלעכע שאָטנס. אויך די לופט, וואָס איבער דער ערד, איז דורכזיכטיק, העלבלוי, ריין און אומבאַפלעקט, ווי דער הימל.

— ווּהין גיין אין דער שעה? לייזן, לייזט זי נישט, און די פיס — זאָגן אָפּ...

ביים אַרויסגיין, דרויסנדיק פון טויער, באַמערקט זי ווי אַ רעדל

סאָלדאַטן רינגלען אַרום אַ ציגײנערקע. זי האָט זיך פאַרהאַלטן. דורך אַ שפּאַרע צווישן צוויי פּלײצעס, פון אויפגעהויבענע און אַראָפּגעלאָזטע אָרעמס, האָט איר אויג אויפגעכאַפּט דאָס פּנים פון דער וואַרפערקע איבער דער אָפענער דלאָניע פון אײנעם. מיט צוויי פינגער, ווי מיט אַ מאַגנעט־פּאָדקאָווע, פירט זי איבער די קאַרבן פון זײן האַנטפלאַך, און דערבײ לויפט איר מײלעכל אויף רוסיש מיט פלינקן ציגײנער־לשון פאַרבראַקט. פון מאָל צו מאָל גיט זי אויך אַ הייב אויף אירע טונקל־ברוינע אויגן און שטעלט זײ היפּנאָטיש אָן אויפן סאָלדאַטס פּנים.

מיט ספּריט כאַפּט זי פּאַפּירענע רובלס, וואָס זײ וואַרפן איר. איטלעכס מאָל שטופּט איר אַן אַנדערער די האַנט.

— מיר, ציגאַנקע!

— פּאָווורוזשי!

— נאַ דיר אַ פינפערל — גיט אײנער אַ שלײדער אַ פּאַפּירל און זאָגט מיט אַ הײזעריק שיכורלעך קול — זאָג: וועל איך אומקומען, צי אומקערן זיך אַ געזונטער!?

זײנע אויגנווינקלען זענען מיט רויטקייט אָנגעגאָסן, גלאַנצן מיט אָפּשײן פון ווײטע, העלישע פײערן. נאָך אים האָבן נאָך עטלעכע, אָפּנים זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן זײער אָטשערעד׳, גענומען איר פאַרשיטן מיט פראַגן.

— ווי לאַנג וועט נאָך דויערן דאָס מלחמהלע?

— צי וועט מען כאַפּן היטלערן אַ לעבעדיקן?

— צי וועל איך נאָך זען מײן ווײב און מײנע קינדער?

אײנער האָט אַפילו זי אַ צי געטאָן פאַרן אַרבל — קום, ציגאַנקע, מיט אונדז, דאָרטן זענען מיר אַ סך.

פרײדקע האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס זענען זײ מסתמא אַראָפּ פון אַן עשעלאָן, נישט ווײט די סטאַציע. נישט קײן סתם מאָביליזירטע זענען דאָס. שפּאַלעס, שטערנדלעך, ראַזירטע פּנימער, געפּאַסטע מונדירן; אַוודאי אָפיצירן, לײטענאַנטן. די פּראָסטע זעלנער, אַז זײ כאַפּן זיך אַמאָל אַראָפּ, לויפן זײ כאַפּטעסווײז נאָך קיפּיאַטאָק; זוכן, וועמען אָפּצושטופּן אַ ווײס

זאמד

פּאָרל וועש פּאַר אַ שוואַרצן פּאַיאָק ברויט, אַ פרישער לעפּיאָשקע. כאָטש פריידקע האָט קיין כוח נישט געהאַט צו טראַכטן אַצינד וועגן די דאָזיקע זאַכן, האָט איר פונדעסטוועגן געוווּנדערט; ווי קומט עס צו יונגע סאָוויע־טישע מענטשן, פּראָנטלער אַ טרעפערקע? קאַרטן?

דאָס געזעמל איז לויזער געוואָרן. פריידקע האָט זיך פאַרנומען אַהיים. הונגער, דורשט און עפּעס אַ פּלוצעמדיקע מאָדנע בענקשאַפט האָט איר נאָך שווערער געמאַכט דעם טראָט. זי איז שטיין געבליבן. ניין, זי קאָן נישט גיין ווייטער. די לעצטע עטלעכע קאָפּיקעס אויסגעגעבן אויף וואַסער. נישט געלייזט. אַהיים איז ווייט. די זון איבערן קאָפּ. אין קאָפּ רוישט, ס׳קלינגט אין די אויערן.

די ציגיינערקע האָט איר פאַרטשעפּעט:

— פּאָוורוזשיט, באַרישניאַ?

— נישטאָ, נישטאָ — האָט פריידקע אָן כוחות געענטפערט, אַוועק־מאַכנדיק איר מיט דער פרייער האַנט.

— וואָס איז נישטאָ?

— געלט, גענדולד, חשק...

— געלט, געדולד, אָהאָ, אַזאַ יונגינקע, שיינינקע, געלט דאַרפסטו? כאַ, כאַ, כאַ!

זי איז גוט געשטימט, די ציגיינערקע. אַ סך פּאַפּירלעך האָבן זיי איר איבערגעלאָזט. כאַפּט זי פריידקעס האַנט און נעמט פירן מיט אירע פינגער:

איינס, צוויי, דריי...
די קריג וועט באַלד פאַרביי.
דו וועסט,
זעסט, ליבינקע,
זיבן, זיבן קאַרבן...
לאַנג וועסטו נישט ליידן;
פון פּיעקלאָ גלייך אין גן־עדן...

פריידקע האָט אַ ריס געטאָן די האַנט און זיך אָפּגעקערט, נישט הערנ־דיק דעם סוף פון דער ציגיינערקעס געקליגלטע, נישט־דערזאָגטע רייד. מיט אומגעפער דריי יאָר צוריק האָט איר אויפן מאַרק, נישט ווייט פון פּיוווישן (וואָס איז געשטאַנען ביי זיין סטראַגאַן מיט היטלען) אויך פאַר־טשעפּעט אַ קאָרטנוואַרפערקע. „אַ סך אומגליקן שטייען דיר פאָר — האָט זי געזאָגט — קאַלטס און וואָרעמס... פאַרוואָגלט ועסטו ווערן, נאָר אַ גוט מזל אויף דיר... דו וועסט לאַנג נישט ליידן...“

זי האָט נישט פאַרשטאַנען, פונקט ווי איצט, די געמישטע רייד פון דער ציגיינערקע; מורא געהאַט צו שטיין נעבן איר, האָט זי אַרויסגעריסן די האַנט און צוגעלאָפן צו פּיווישן. סוף זומער איז עס געווען, ניינצן ניין און דרייסיק. צו וועמען זאָל זי אַצינד לויפן? — זי איז מיד. די באַהאַנגענע האַנט ווערט שווערער... די פיס ברעכן זיך... ערגעץ אויסער איר באַוווסט־זיין, רייסן זיך באַקאַנטע און פרעמדע, מאָדנע קולות: אַ מישמאַש פון פּנימער, נאָענטע און ווייטע געשטאַלטן. וואַנזיניקע, אומרויִקע פייערן פאַר אירע אויגן. דער באַזאַר, דער טאַלטשאָק, דער גאַנצער אַרום און די ערד — אַ וואַקלדיקע, אַ קראַנקע — רייסט זיך פון אונטער אירע פיס אַרויס... כאַאָטישער איבערברוך... אומבייט פון ליכט און שאָטן... ס׳האָט איר פּלוצעם גענומען קלינגען אין די אויערן; פלעקן פאַר די אויגן; עס נודיעט צום ברעכן. פאַרוואָס איז זי אַזוי אומגעדולדיק? אַזוי נערוועז?

אַ קאַלטן קאָמפּרעס צום קאָפּ, אַ קיל ווינטל, אַ שאָטן. ווען זי האָט וועגן ס׳זאָל איר אויפשפּיליען דאָס קלייד, דערלאַנגען איין שלינג, איין טראָפּן וואַסער. ניין, זי טאָר נישט. איר אייגענער שאָטן, פון בוטל אַרויס, האָט געוואָרנט:

— טרינק נישט מער, טרינק נישט — וועסט זיך אויסשעפּן...

*

עטלעכע טריט פון באַזאַר איז זי געלעגן, פריידקע. זי האָט שווער געאָטעמט, געסאַפּעט, ווי אַ כראַפּען בעתן איינשלאָפן. דער דאָקטאָר, וואָס איז פון דער נאָענטסטער באַן־סטאַציע גערופן געוואָרן, האָט פאַרצייכנט אין זיין נאָטיץ־ביכל:

די היץ פון קערפּער — העכער איין און פערציק גראַד, דער דופק — ביז הונדערט און אַכציק אין אַ מינוט. דאָס פּנים — רויט. אַראָפּזעצן די היץ, האָט ער געטראַכט, מיט וואַסער 0,1 פּראָצענט זאַלץ, איינשפּריצן מאָרפיום, אַטראָפּין, אָדער געבן איר לומינאַל־טאַבלעטן. ער האָט אויפ־געהויבן נאָך אַ מאָל איר האַנט. זי האָט אַראָפּגעשווערט, צוריקגעפאַלן.

„צו שפּעט, צו שפּעט" — איז אים אַדורך אַ געדאַנק — דאָס פּנים האָט אַ געלקייט באַשלאָגן, די ציין — פאַרהאַקט. דער בויך וואָס האָט זיך געהויבן אין שווערן אָטעם — האָט געשפּאַרט דורכן אויפגעריסענעם קליידל, זיך צעיוירט אין דער ברייט. דאָס שטיקל לייב איז געווען ברוין און בלוי, ווי אָנגעבלאָזענער פּענכער.

דער דאָקטאָר האָט זיך אַראָפּגעבויגן, צוגעלייגט דאָס אויער צו פּריידקעס האַרץ, וואָס האָט זיך פּלוצעם אויפגעהערט באַוועגן. דאָס האַרץ האָט נישט געאַרבעט מער. עס האָט בלויז געקלאַפּט דער זייגער אויפן רופאס האַנט. די ווייזערס האָבן געוויזן: 6.30.

„אַ זונשלאַק" — האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין.

— אַ שאָד, אַ שאָד, וויפל איז זי אַלט געווען? — מיט די דאָזיקע ווערטער האָט ער זיך געווענדט צו די אַרומיקע, געמיינט צו געפינען אַ נאָענטן, אַ קרוב פון דער אומגליקלעכער. קיינער האָט נישט געענטפערט.

נאָכן דאָקטאָרס אַוועקגיין, האָבן פון לויזווערנדיקן געזעמל זיך אַרויסגערוקט צוויי פרויען. זייער אַנדערשדיקער אויסזען, די נישט היגע קליידונג, האָט זיי אויסגעטיילט פון אַלע, וואָס האָבן זיך געזאַמלט אַרום טויטן גוף פון דער פרעמדער. איינע אַ נידעריקע, אַ מיטליאַריקע, מיט אַ קאָפּ וויאָלעטע האָר, ווי שניי אין אַ פאַרנאַכט; די צווייטע — אַ סך יינגער, אַ געוויקסיקע, מיט גרויע אויגן, ענלעך צום קאָליר פון יענערס האָר. אַ שמאָל, דין נעזל, צעפליגלטע נאָזלעכער. עפּעס מאַנירלעכס, איידל־קייט איז געווען אין זייערע העלע פּנימער, וואָס זענען, דאַכט זיך, אַצינד בלייכער געוואָרן, אַ בלייכקייט, וואָס פאַלט אַריין אין געזונצלטן גרין. די צוויי פּנימער האָבן אויסגעדריקט איבערראַשונג און צעטראָגנקייט. זייער איבערקוקן זיך און דער שטילער ווערטער־אויסטויש אין אַ לשון — פאַר

אַלע דאָ אומפאַרשטענדלעך — האָט געצויגן יעדנס אויפמערקזאַמקייט. מען האָט זיי אָנגענומען פאַר קרובים, אָדער נאָענטע, באַקאַנטע פון דער טויטער. דערפאַר האָט קיינער נישט רעאַגירט בעת די יונגע מיט די רירעוודיקע נאָזלעכער האָט זיך אַראָפּגעבויגן און אַרויסגעשלעפּט פון די פאַרקראַמפּטע, טויטע הענט די צעקנאָדערטע שמאַטעס. די עלטערע, מיט די וויאָלעטע האָר, האָט אויפגעהויבן די טאָרבע, די אַרויסגעפאַלענע ברויט־ביכעלעך, זיי אָפּגעטרייסלט פון זאַמד און איבערגעגעבן דער יונגער. אָט די מיושבדיקע, זאָרגפעליקע האַנדלונג האָט ווידער אַריינגעברענגט אין אַ ספק בנוגע דער קרובהשאַפט צו דער אומגליקלעכער. מען האָט זיך איבערגעקוקט מיט פרעגנדיקע אויגן: „ווער זענען די דאָזיקע צוויי און וואָס פאַר אַ שייכות האָבן זיי צו דער טויטער?”

די דאָזיקע צוויי — אַ מאַמע מיט אַ טאָכטער — האָבן מיטן צופאַלן פון דער נאַכט, נאָך לאַנג זוכן און נאָכפרעגן — געפונען דאָס הייזל צווישן די ליימווענט, ווו ס'האָט געוווינט די איינציקע יידישע משפּחה.

אומבאַקאַנט זיי געווען די צוויי עלטערע מענטשן — אַ מאַן און אַ פרוי — ווען זיי האָבן דאָרט געטראָפן.

פון שוידערלעך צעפייניקטן גרימאַס אויפן בערדיקן פּנים, פון גרענעצלאָזן, פאַרצווייפלטן אַרומלויף פון דער קליינער פרוי, האָבן מאַמע און טאָכטער פאַרשטאַנען: די ידיעה פון טויט האָט אַהער דערגרייכט איידער זייער קומען.

זיי האָבן איבערגעלאָזט דאָס פּעקעלע און אַוועקגעגאַנגען. אין דרויסן איז זיי אַנטקעגנגעקומען אַ יונגערמאַן. זיין הולך און זיין פּנים האָט ביי זיי קיין באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט נישט אַרויסגערופן. איבערגעקוקט זיך מיט סתמיקע, פאַרבייגיי־בליקן — און אַוועק אין פאַרקערטע ריכ־טונגען: די פרעמדע — אַרויס פון הייפל און דער פאַר זיי אומבאַקאַנטער מאיר — פון גאַס אין שטוב אַריין.

קאַפּיטל דריי

דאָס לעבן איז שטאַרקער...

מיט גלישטראַמען פון הייסע, אויסגייענדיקע טעג פאַלט צו די נאַכט — דעמפּיק און שווער. די נידעריקע סטעליע, ווענט, אויך די ליימפּאָדלאָגע — אַדורכגענומענע פון היץ און זון — שלאָגן צוריק מיט וואַרעמקייט פון אַן אויסגעשייערטן אויוון. ס'העלפט נישט דאָס אָפן האַלטן פענצטער און טיר; ס'רוב שכנים טראָגן זיך איבער אין דרויסן. מען צעלייגט זיך אויף די הייפן מיט דיוואַנעס, וואַטענע קאָלדרעס, דעקעס און זעק. געבלימטע קליידער, קאָפּטיכלעך, קאָלירטע העמדער, סאַראַפאַנען, סורדוטן, בוף־הויזן, גאַטקעס. דאָס לעבן טראָגט זיך איבער אין דרויסן צוזאַמען מיטן טיי טרינקען, מיטן גערייד פון אָפּשפּרעכערס און זנאַכערס, פּראָנט־מעשיות. קינדערלעך, האַלב־נאַקעטע און נאַקעטע, קרומפּיסיקע, בייכלדיקע, מיט אויסגעמאָגערטע פּנימלעך, פאַרראָצטע נעזלעך און קויטיקע הענטלעך, רודערן און לויפן, שלעפּנדיק די מאַמעס ביי זייערע קליידער.

שווער געווען אין די ערשטע טעג פאַר דער צוגעקומענער משפּחה זיך אַריינצופּאַסן אין דעם נייעם שטייגער לעבן. ביסלעכווייז האָט מען זיך אָבער דאָך צוגעוווינט. אברהמען זענען גראָד די פירעכצער סיי ניי, סיי נאָענט. זיי דערמאָנען אים אין אַמעריקע, ווו ער איז צוויי מאָל געווען. איין מאָל בחורוויז: מיטגעכאַפּט זיך מיט אַ שיף, אַ נישט־געמאָלדענער געאַרבעט אין אַ בעקעריי ביז מען האָט אים דערשנאַפּט און צוריקגעשיקט מיטן עטאַפּ; דאָס צווייטע מאָל — אַ טאַטע פון פיר קינדער — האָבן אים שרהס בענקענדיקע בריוו צוריקגעברענגט. העכער אַ יאָר געווען אין אַמעריקע. געוווינט אין אַ נעגער־קוואַרטאַל. אויך אַזעלכע פּנימער, נידעריקע הייזקעס, אַן אָרעם, אָפן לעבן; זאַמד, זון, נויט און קויט. פּונקט ווי דאָ — צוויי־דריי־יאָריקע קינדער ביי מאַמעס ברוסט; איין פרויען־קאָפּ

פֿאַרנורעט אין צווייטערס שויס — לויזט מען זיך. מען שלעפּט פֿאַר אַלעמענס אויגן די בריאימלעך פֿון די צעפּלאַשעטע האָר, צעקנאַקנדיק זיי מיט די נעגל פֿון די גראָבע פֿינגער.

כאָטש די ווילדע פּרעמדקייט, דער צער נאָך די קינדער און דער הונגער האָבן שווער געמאַכט ס'געמיט, האָט עס פֿונדעסטוועגן אברהמען פֿאַרהיימישט. נישט איין מאָל געוועקט אין אים זכרונות פֿון אייגענער קינדהייט: אויך געוואַקסן אין אָרעמקייט. זיך געהאָדעוועט ביי אַ שטיפֿטאַטן — וועווקע שניידער. קוים אַכט יאָר איז ער אַלט געווען בעת ר'האָט צום ערשטן מאָל געזען דעם „פֿעטער" אין שטוב. דריי קינדער האָט זיין מאַמע נאָך דעם געבוירן — דריי ברידער. ווי נאָר איינער איז אַלט געוואָרן צען יאָר, האָט אים וועווקע, דער טאַטע, צוגערופֿן, אָנגעטאָן אַ פֿינגערהוט אויפֿן פֿינגער און געזאָגט:

— אַ שניידער וועסטו זיין, מיין קינד.

אויך מיט אים האָט דער „פֿעטער" דאָס אייגענע געטאָן. גייט עס איבער ביי שטיפֿקינדער נישט אַזוי גלאַטיק. אַרויפֿזעצנדיק דעם פֿינגערהוט, האָט ער דערפֿילט קראַמפֿן אין דער האַנט. דער פֿינגער איז שטייף געוואָרן. פֿון גרויס ווייטיק (אפשר פּחד) האָט ער אָנגעהויבן גוואַלדעווען — אוי דער קראַם, דער קראַם!

וועווקע שניידער האָט תיכף אַ רייס אַראָפּ געטאָן דעם פֿינגערהוט און ביז זיך צעשריגן:

— אַז דו ווילסט נישט זיין קיין לאַאַט, גיי ווער אַ בעקער!

*

פֿאַרהיימישט מיט די הויף־מענטשן, מערסטנס ווייבער, האָט שרה, מיטן אָנקום פֿון דער נאַכט, אויך געשפּרייט אַ קאָלדרע אין דרויסן, ביים פֿענצטער. ביז שפּעטער שעה פֿלעגט מען זיצן, אַ וואָרט איבערכאַפּן מיט די שכנים. אויפֿן דריטן טאָג האָט מען אָבער אויפֿגעהערט, זיך דערשראָקן צוליב אַ פֿאַל מיט שרהן. זי איז אַנדרימלט געוואָרן און פּלוצעם אויפֿגעכאַפּט זיך מיט אַ קוויטש:

— אוי ווײ! אַ ביס! אַ שלאַנג!

אַפּאַ, זײער באַלעבאַסטע, האָט באַרויקט:

— ס׳איז נישט קײן שלאַנג, אַ סקאָרפּיאָן. מ׳שטאַרבט נישט דערפון. ס׳טוט אַ ביסעלע ווײ, ס׳גײט איבער.

זי האָט תיכף אַרויסגעבערענגט פון שטוב אַ פלעשעלע מיט פליסיקײט און אַ רײב געטאָן מיט אַ שמאַטקעלע אויפן אָרט פון ביס. שרהן איז טאַקע באַלד לײכטער געוואָרן.

— טוואָיאַ זנאַעט? — האָט זי געזאָגט אין אַ גרײזיקן רוסיש — „פּרי־וויקניעש נאַדאָ״, צוגעוווינען דאַרף מען זיך.

יענע נאַכט איז געווען אַ וואַך־נאַכט. מען האָט זיך אַנדערצײלט מעשיות וועגן שלאַנגען, עקדישן, פאַרשידענע קראַנקהײטן, רפואות פון אַפּשפּרעכער.

אַפּאַ האָט דערצײלט:

— פינף קינדער האָב איך אַצינד, אַחוץ די געשטאָרבענע. אויך די פינף וואָלטן „געגאַנגען״ ווען נישט ראַסימידזשאַן. ראַסימידזשאַן יוסיפאָוו וווינט הינטער טאַשקענט, אין אַ קאָלכאָז. זײן קלײן הײפל איז תמיד פול מיט קראַנקע, מערסטנס קינדער. וווּנדער באַווײזט ער, זאָגט מען. שטומע באַקומען צוריק ס׳לשון, געלײמטע, וואָס מען ברענגט אויף דער „אַראבאַ״, גײען אַרויס אויף די אײגענע פיס. אַז דאָס זעקסטע קינד, דאָס עלטסטע פון די פינף לעבעדיקע, איז צום אַנטווײנען קראַנק געוואָרן, בין איך שוין מער נישט געגאַנגען אין „מעדפּונקט״... איך בין געפאָרן צו ראַסימידזשאַנען.

„וואָס טוט אים ווײ?״ — פרעגט דער אַלטער — באַטאַפּנדיק דאָס קינד.

— גאָרנישט, זאָג איך — אַזוי לאַנג ווי עס זײגט איז עס געזונט. צום אַנטווײנען נעמט עס ווײנען; פאַרקײכט זיך, ווערט בלוי און פאַר־וואַרפט דאָס קעפל. אַלע זעקס אַזוי. צוויי יאָר געזויגן פון דער ברוסט, וויפל איז דער שיעור? ס׳לויפט אַרום, שפּילט זיך, און פּלוצעם — אַ פאַל צו, כאַפּט דעם וואָרצל, סמאַטשקעט, בײסט מיט די צײנדלעך, אַז ס׳פאַר־גײט אונטערן לעפּעלע.

אויסגעהערט, האָט ראַסימידזשאַן גענומען דאָס קינד פון מיינע הענט און אַוועקגעזעצט אויפן טיש. אַרויסגעצויגן פון קאַפּטאַן־קעשענע אַ לאַנגע שנור קרעלן, אָנגעטאָן עס אויפן קינדס העלדזל און זיבן מאָל אַרומגע־דרייט. נאָך דעם הייסט ער זיך דערלאַנגען אַ שטיקל פּאַפּיר, אַ רויטן בליישטיפט, אַ שעלעכל וואַסער און אַ ליידיק גלאָז. אָנגעשריבן עפּעס אויפן פּאַפּירל, לייגט ער עס אין וואַסער, לאָזט ליגן אַזוי לאַנג ביז דאָס געשריפטס גייט אַראָפּ. ער שעפּט אָן מער ווי אַ האַלב גלאָז רויטן געטראַנק און גיט דעם קינד „איינצונעמען". עס וויל נישט, בייגט אַוועק דאָס קעפּל און וויינט. נעמט ראַסימידזשאַן און פאַרקוועטשט מיט צוויי פינגער דאָס נעזל. דאָס קינד האָט תיכף געעפנט דאָס מיילעכל און אַראָפּגעשלונגען די רפואה. צום סוף האָט ער צוריק אַראָפּגעוויקלט די פּאַטשערקעס, פאַרמאַכט דערביי די אויגן און עפּעס געמורמלט. ער האָט מיר צוריקגעגעבן דאָס קינד און געהייסן גיין.

דריי טעג נאָכאַנאַנד האָט דאָס קינד געבראָכן מיט דער גרינער גאַל, גיי איך צו אים ווידער אַוועק.

„ס'איז גוט אַזוי" — זאָגט ער — דאָס ברעכט ער אויס די בייזע רוחות... נאָך דעם ווערט עס געזונט און ס'עט לאַנג לעבן.

— נו, אפשר איז ער נישט גערעכט, ראַסימידזשאַן? — האָט אַפּאַ פאַרענדיקט די מעשה.

*

אַצינד, נאָכן אומגליק, זענען זיי געזעסן אינעווייניק. נאַכט. די דריטע נאַכט אין „שבעה". אַ שווערקייט האָט זיך געגאָסן אין די אברים פון אברהם און שרה. די מעשיות, שעפּטשעניש, ווילדע קולות פון דרויסן זענען צו זיי דערגאַנגען מיט אַ וויטיקלעכן און פרעמדן קלאַנג. מיט אומהיימלעכקייט פון אַ גרויס, טויט אויג האָט די לבנה פון סוף אָב אַריינגעגלאָצט אין אָפענעם פענצטערל. טיף פאַרשטעקט אין מאַנאַטאָנעם הימל, האָט זי ווי אַ צעגליטער קאָפּ פון אַ ספּירט־מאַשינקע אָנגעצונדן אַרום זיך אַן אָרעאָל פון מאַטן, העלן פייער. די אַריינדרינגענדיקע, פאַר־

נעפּלטע שיין האָט נאָך בולטער געמאַכט די צוויי מענטשן־שאָטנס אויף די גראָע ליים־ווענט פון דער כאַטע. צוויי נידעריק־זיצנדיקע, געבראָכענע שאָטנס: דער מענער־קאָפּ אין אַ „וועלאָסיפּעדקע״, אַוועקגעבויגן פון דער אָפּשטייענדיקער העמד־אָשעווקע, האָט אויסגעזען ווי אונטערגעהאַקט. דאָס צווייטע קעפּל, אויפן איינגעשרומפּענעם גופל, איז געווען אָפּגעקערט אין אַ זייט. שטום און קרום און פאַרזונקען זענען די שאָטנס געזעסן. מאיר איז נישט געווען. ער האָט קיין שעה נישט געקאָנט איינזיצן אויף אַן אָרט. די צוויי נעכט נאָך דער פינצטערער בשורה איז ער אין אָנטאָן אָפּגעלעגן אויפן בעטל און פאַרטאָג אַרויס פון שטוב. מאיר, דער איינציקער שפּייזער פון דער צעפּערטלטער משפּחה, לויפט פון „וואָיענקאָמאַט״ צו כאַסאַנען, פון כאַסאַנען אין „וואָיענקאָמאַט״ אַריין. ס׳האַנדלט זיך וועגן אַ „ספּראַווקע״ אַלס גרוזטשיק און „בראָן״ *).

ענדלעך, אַרויסבאַקומען אַלע נייטיקע דאָקומענטן און שוין מאָרגן קאָן ער גיין צו דער אַרבעט. מיטן איבערטרעטן די שוועל פון שטוב, איז די נייעס וועגן צוגענומען ווערן אין „זאַגאָט זיערנאָ״ אָפּגעשטאָרבן אויף זיינע ליפּן. מאיר האָט אַ פאַרשעמטער געגעבן צו טאַטע־מאַמע, אַראָפּגעלאָזט זיך אויף אַ בענקל, אַ קוק געטאָן אויף זיי פון דער נאָענט.

דעם טאַטנס פּנים איז אַרומגעוואַקסן מיט באָרד און פּאות. דאָס איינציקע בולטע — דאָס זענען די קינען און געדיכטע האָר־בערשטלעך אין די נאָזלעכער. זיין מאַסיווער געשטעל, די הענט — קלענער, איינגעצמצומט. אין זיינע אויגן — טיפער צער און אַ פּחד פאַר אומבאַשטימטס. דאָס מאַמעלע — אַ וויעכעטש. איר צעקנייטשט פּנימל — אַ וועלשענע נוס.

מיט וואָס זאָל ער זיי טרייסטן, האָט ער זיך געטראַכט, און זיך דערמאָנט: „טרייסט נישט, טרייסט נישט בשעת דער מת ליגט פאַר די אויגן״... מאיר האָט אָבער דאָך געמוזט עפּעס זאָגן, ענטפערן אויף די גלייכגילטיקע און גלייכצייטיק פרעגנדיקע בליקן פון טאַטע־מאַמע בעת זיין אַריינקומען. און ער האָט נישט אָן כוונה אַריינגעוואָרפן:

---

*) מאָביליזירט צו אַרבעט פאַר מיליטערישע צוועקן.

— מאָרגן גיי איך אַרבעטן צו כאַסאַנען.
קיין ענטפער איז נישט געקומען. מאיר האָט ווייטער געצויגן:
— נישט שלעכט ביי אים צו אַרבעטן, זאָגט מען.
שרה האָט אויפגעהויבן אויף אים אַ פּאָר אויגן פון אַ חסר דעה:
— האַ?

לאַנג האָט די מאַמע געהאַלטן אירע אויגן אויפן זון. וואָס לענגער זי האָט געקוקט, אַלץ מער איז זי צו זיך געקומען. וואָס איז ער נעבעך שולדיק אין דעם גרויסן בראָך? פאַרוואָס אים מצער זיין? איר בלוט, איר פלייש, דער איינציקער זון, דער איינציקער שטיק. און אַ דיק־דינער שאָטן פון לינדערונג האָט פאַרצויגן אירע אַפּלען. אַ פּאַלנעם מאַנספּערשוין זעט זי דאָך פאַר זיך: אַ בייניק פּנים, שאַרפע קינבאַקן, ערנסטער בליק, וואָנסעס מיט ווײדעלעך אויף אַראָפּ, היגער שטייגער.

— אוי! איינציקער זון, איינציקע שטיצע — איז זי צו אים צוגעפאַלן און אַ טרערן־כוואַליע האָט אַ שלאָג געטאָן פון אירע אויגן.

— מאַמע, מאַמע, וויין נישט — האָט דער זון געגלעט דעם שוואַרצן טוך אויף איר קאָפּ. — מלחמה, ס׳קאָן יעדן איינעם טרעפן.

— מ׳טאָר נישט, מ׳טאָר נישט אין מיטן דער „שבעה“ — האָט אברהם אַרויסגעברומט און גלייך אַנטשוויגן געוואָרן.

— מ׳טאָר נישט, מ׳טאָר נישט — האָט זי נאָכגעזאָגט ווי אַ תפילה. זיך געווישט די אויגן מיטן אַראָפּגעפאַלענעם קאָפּטיכל און דורך טרערן גערעדט:

— אָבער מיך, מיך האָט עס דאָך שוין געטראָפן, טייער קינד. ווי אַזוי וועל איך דאָס אויסהאַלטן. די צדקות, די גוטע נשמה, די ליכטיקע אויגן פאַרמאַכט אויף אייביק... אויף אייביק... אַזוי יונג פון דער וועלט געגאַנגען, רייך און אומשולדיק ווי אַ טויב. אוי, אַפילו איר דאָס רעכט נישט געטאָן, נישט באַוויינט ווי אַ מאַמע באַדאַרף...

אברהם, וואָס איז געזעסן אויף אַן אומגעלייגט טאַבורעט, האָט דערפילט אַ שוידער אין רוקן. ר׳האָט אָפּגעדרייט דעם קאָפּ. מיטן אַרבל זיך אַ וויש געטאָן דאָס פּנים (אפשר די אויגן) און געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר

זיין מויל האָט זיך פלאַך און קרום אויסגעצויגן. מאיר, מערקנדיק דעם טאַטנס באַהערשן זיך, האָט זיך אויפגעהויבן און צוגעגאַנגען צום פענצטער. אַ ספּאַזמע האָט אים מיט אַ גוואַלדיקער קראַפט אָנגעכאַפּט ביים האַלדז. ער האָט אַראָפּגעשלונגען די ערשטע ווערטער, אויסדרייענדיק זיך מיטן פּנים אין שטוב אַריין, אָנגעהויבן:

— מאַמע, אומגליק, טויט אויף אַלע וועגן. ס׳מוז, עס וועט דאָך אַ סוף נעמען. די מלחמה וועט זיך ענדיקן און דאָס שלעכטס וועט אויף אייביק אַוועק.

מעגלעך, אַז מאיר האָט אין דער דאָזיקער מינוט אַזוי געמיינט. תמיד זענען זיינע ווערטער געטריי געווען זיין אַרט דענקען. זיי זענען אָבער דאָס מאָל געזאָגט געוואָרן מער פון געוווינהייט, ווי פון גלויבן. יאָ, גלויבן, שווער געווען מאירן, טראָץ די אַנטוישונגען, ליידן, שיידן זיך מיט דעם צויבער־וואָרט. אין דעם וואָרט איז געלעגן דער אינהאַלט פון זיין ביז מלחמהדיק לעבן; זיין גאַנצע וועלט, וואָס איז פרי אין אים אויפגעגאַנגען.

אָרעמע היים. חיים פּישלס. חיים פּישלס, דער צווייטער בטלן אין שטעטל נאָך בערעלע מלמד. „בערעלע צו גאָט און חיים צום פּאָטער פון די פּעלקער״, האָט מען זיך געווערטלט. בייביידע די זעלבע עקשנות, בלינדער גלויבן אין „יענער וועלט״... אויך חיים פּישלס האָט געטראָגן אויגנגלעזער, ווי בערעלע מלמד. אַ געבויגענער, איילנדיק, איז ער גע־גאַנגען פון זיין וואַרשטאַט אַהיים. די היים איז אויך ענלעך געווען אויף אַ „שטיבל״: מען האָט דאָרט געקנעלט תורה... באַגדאַנאָווס „פּאָליטישע עקאָנאָמיע״, מאַרקס „קאַפּיטאַל״, לערע פון איבערפּראָדוקציע און מער־ווערט.

געהיימע קרייזלעך אין רייוועצער און הרוביעשאָווער וועלדער, דעם גאַיאָוועס ריטלעך איבערן פּנים בעתן צעטרייבן אַ מאַסוווקע, גומענע שטעקנס און פּאַלקעס פון לוצקער *), אַ ריזן־יונג מיט אַ מיידלש פּנים און מוראדיק לאַנגע הענט; ווי אַייזערנע שטאַבעס זענען זיי געפאַלן אויף

*) צונאָמען פון אַ געהיים־אַגענט.

קאָפּ, נאַקן, אַקסל, דער זאַמאָשטשער *) אין אויסגעפּאַסטן פּאָליציי־מונדיר, גאַליפּע־הויזן, ברייט־צעשטעלטע פיס; אַ געשטעל און גאַנג פון אַ קאַוואַ־לעריסט, וואָס איז נאָר וואָס אַראָפּ פון פערד, אַ הייס־אַטעמדיקער, וויל־דער, איז ער תמיד אויסגעוואַקסן הינטער די פּלייצעס. און ווער האָט קאַלטע קאָמפּרעסן געלייגט? ווער האָט געהיילט די בלויע סיניאַקעס? — פריידקע, די גוטע שוועסטער.

נישטאָ די שיינע שוועסטער.

נישטאָ דער שיינער חלום.

אַנדערהאַלבן יאָר „זאַפּאַדנע”. איין און איינציק מאָל האָט ער זיך געטראָפן מיט זיין מייסטער חיים פּישלס, וואָס איז ראַפּטום נעלם געוואָרן. די קלאַנגען, אַז מ׳האָט אים בייגאַכט אַרויסגענומען פון שטוב, האָבן זיך באַשטעטיקט. אָט דאָס אומגלויבלעכע, דאָס וואָס האָט זיך פריער נישט געלייגט אויפן שכל — איז געוואָרן אַ פאַקט. דער פאַקט האָט געבוירן פאַרדראָס. דער פאַדראָס איז אַריבער אין פאַרביטערונג. אָפּטע אַרעסטן פון באַקאַנטע חברים — באַוווּסטע נעמען אין דער פּוילישער אונטער־ערדישער באַוועגונג. „טיפּפלושקעס” זענען געוואָרן „געסט” אויף ווייט־פאַררוקטע באַן־רעלסן. נישט מען האָט זיי געזען קומען, נישט אָפּפאָרן. געהערט האָט מען אָבער טאָג־טעגלעך וועגן הונדערטער, טויזנטער נעלם געוואָרענע. סיביר, קליינע בריוועלעך, קאָנווערטן פון שאָרסטקע פּאַפּיר האָבן צוריקגעבראַנגט ביטערע גרוסן.

מער פון די גרוסן האָט מאירן וויי געטאָן אויף די וואַגאָנעס, וואָס ציען פון דאָרטן, דורך „זאַפּאַדנע” אין דער ריכטונג צו דייטשלאַנד. וואַגאָנעס שווער באַלאָדענע, פאַרזיגלטע, איבערגעצויגן מיט פּלאַנדעקעס: ווייץ, חזירים, קוילן, האָלץ, גומי, אייל. אַ לאַך אין דער עקאָנאָמישער בלאָקאַדע, אַ לאַך אין האַרץ פון מאירן.

מאָביליזאַציע, פראָנט. ער ווערט אַ רויטאַרמייער.

קאָוועל איז געווען דער ערשטער קרבן פון פּלוצעמדיקן דייטשישן

*) צונאָמען פון אַ פּאָליציאַנט.

זאמד

איבערפאַל. לופט־אַטאַקעס. פייער פון אַלע זייטן. אַרומרינגלונג. רעשטלעך צעקלאַפּטע אַרמייען אין געפּלאָנטער צו פוס און מיט באַנען. סאַרנע, לוצק, ראָוונע, באַראַנאָוויטש, גראָדנע, מינסק. פאַרברענטע דערפער, וועלדער. די ערד אונטער די פיס ציטערט פון אויפרייסן, שאָסן. אַ פויערטע פירט אַן אָקס ביי אַ נאָז־רינג. ער רייסט זיך פון שטריק, וויל נישט גיין מער. קאַנטיק צעטומלט פון היץ און פייער פון צעפלאַמטע ביימער. פון זיין לאַנגער צונג און גלאַנציקע נאַסע נאָזלעכער ציען זיך פאַרביקע, דינע גאַוער־פעדעם. אַן אַלטיטשקע פאַלט צו די שטיוול פון אַ רויטאַרמייער:

— ווען, גאָלובטשיק, פירסטו אונדז צוריק?

ער ענטפערט נישט. זיי שטומען ווי קברים. די זעלנער ציען מיט די טאָבאָרן. אַ טאַנק ווערט געטראָפן פון אַ באָמבע: אַ סאָלדאַט שפרינגט אויף, צלמט זיך איבער אין לויפן, זיין בערדיק פנים און פאַרשטויבטע ברעמען פאַרקרומען זיך אין אַ געשריי:

— אָ, יעזוס, אונדזער טאַנק ברענט!

אָרשע. ביי לענינס דענקמאָל שטייט אַ וואַכמאַן מיט אַ ביקס אויפן אַקסל. שוואַרץ דער הימל פון באָמבאַרדירער. איבערגעשראָקענע, בלאַסע פּנימער פון ציוויל־געקליידטע, אַנטלויפנדיקע. דער סאָלדאַט — אַן אויס־געפּרייגטער, אומבאַוועגלעכער. וואַכן, חדשים איז מאירן דאָס בילד נאָכ־געגאַנגען. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער אומגליקלעכער רויטאַרמייער וואָס האָט געוואַרט אויף זיין פאַרבייטער, האָט נישט געהיט לענינס דענקמאָל, נאָר אונטער לענינען שוץ געזוכט...

פּלוצעם ווערט מאיר אַ נישט זיכערער עלעמענט*), אָפּגעגעבן די ביקס, אויסגעטאָן דעם זעלנערישן שינעל. געזעגנט זיך מיטן רויען, היימישן גערוך פון פראָנט־אַנגסט, סאָלדאַטסקע ברויט, בלוט. מאיר, מישקאַ באָיעץ — אַ נישט זיכערער עלעמענט.

אַ גרויסע לאַסט פון פרעמדקייט, עלנט און בענקשאַפט דריקט און

*) לויטן באַפעל פון מאָסקווע זענען באַפרייט געוואָרן פון דער רויטער אַרמיי אַלע וואָס זענען ביזן יאָר 1939 געווען אויסלענדישע בירגער.

צענעמט. איבעריק דאָס געראַטעוועטע שטיקל לעבן, ווי איבעריק עס איז דאָס קליינע קלימעקל אויף די פּלייצעס אין ווילנלאַזן שלעפּן זיך איבער וואָקזאַלן.

געוואָגלט איבער וועגן, באַזאַרן, זיך דערשלאָגן צו אַנדערסעס אַרמיי, וואָס איז אַריבער פון בוזולוק קיין מיטלאַזיע. ער ווערט אויסגעבראַ־קירט אַלס טיפוס־קראַנקער. הונדערטער יידן, צווישן די טיפוס־קראַנקע.

טיפוס־עפּידעמיע, אָדער יידן־עפּידעמיע?

די פראַגע בלייבט הענגען אין דער לופטן.

— עך, מאַניעק וויענזשניאַק, מישקאַ באַיעץ, קוש די אָבלדיקע הענט פון דיין טאַטע־מאַמע. אַ טרייסט, אַ טרייסט דאַרף מען...

— מאַמע, מען דאַרף קענען ליידן — האָט מאיר אַ זאָג געטאָן.

— אַ שיינע טרייסט.

— נישטאָ פאַר אונדז קיין שענערע.

*

דער הונגער איז אַ מסוכן באַשעפעניש. ער איז שטאַרקער פון אַ חיה אין וואַלד. ער וועקט דעם בער פון זיין שלאָף, יאָגט אַרויס דעם וואָלף פון זיין נאָרע, דעם לייב און דעם לעמפּערט טרייבט ער אויף רויב און פאַרצוקונג.

די לעצטע וואָכן פאַר און נאָך פריידקעס טויט האָט ער פאַרצענ־פּאַכט זיין פאַרדאַרבונגס־אַרבעט אין די אינגעווייידן פון די אבלדיקע. אומברחמנותדיק דערצאָרנט, ביז פאַרטונקלונג פון די חושים, ביזן פאַלן פון די פיס. וואָס שטאַרקער אָט די געמיינע באַשעפעניש איז געוואָרן, אַלץ שוואַכער האָבן זיך באַוועגט די פיס פון אברהם און שרה.

פון צרות שטאַרבט מען נישט. און אַז מען לעבט, געוועלטיקט דאָס באַשעפעניש; מען מוז עסן און דעם זינדיקן גוף דערהאַלטן, עפּעס אין מויל אַריין. שרה האָט „פאַרדרייט" אַ מיטאָג מיט אַ קרעכץ:

— אַז אָך און ווי, „אַ צעבראָכן שערבל לעבט איבער אַ גאַנצן טאָפּ".

מען האָט געגעסן. ווי ריצנאייל, נישט צו זינדיקן מיט די רייד, האָט

זיך ס׳ביסל געקעכטס געגאָסן אין די געדערעם, געשוואָנקען די קישקעס, אָן מינדסטן טעם, אָן אַ שמץ הנאה, וואָס מען האָט געוויינלעך בעתן פילן אַ ביסן אונטערן גומען. געגעסן מיט קלעמעניש אין די ריפּן, מיט פאַר־שעמונג אין די אויגן; געשעמט זיך פאַרן ליכטיקן טאָג, פאַר גאָט און פאַרן גורל, וואָס האָט דווקא אָט די צוויי אַלטע סקעלעטן איבערגעלאָזט ביים לעבן.

דאָס לעבן איז שטאַרקער פון טויט. דורך דער צייט האָט די שטוב עטוואָס פאַרלוירן פון איר מרה־שחורה. דאָס אַלמערל אין ווינקל איז, ווי פריער, אויפגערוימט. די צוויי אייזערנע בעטלעך, דאָס פאַרצייטישע באַנקבעטל, וואָס האָט אויך גענוצט פאַר אַ טיש — פאַרשפּרייט מיט אַ געבלימלטער קאָלדרע. אויף די גרויע ליים־ווענט, וואָס אַפּאַ האָט אַליין אויסגעקאַלכט, לאָזנדיק אויף די ווענט סמוגעס פון האַרטער ראַגאָזשע, אָפּגערייניקט פון פליגן־פּאַטשקעכץ און שפּינוועבס. ס׳איז ליכטיקער געוואָרן אין דער קיביטקע. די טיר האָט זיך אָפּטער געעפנט פאַר אַ דרויסנדיקן מענטש. שרה לייגט צו אַן אויער צו אַ מעשה: אַן אַבלאַווע, אַ גנבה. אַנומלט איז אַ שכנטע אַריין אין הויף מיט אַ נייס: אין איין אָטעם דערציילט וועגן אַ געשלעג אויפן באַזאַר. עטלעכע וואָיעננע, רוסן זאָגט מען, האָבן זיך פאַרטשעפּעט מיט אַ היגן, איי האָט מען זיך געבוי־קערט, טיליבענצעט מיט די פויסטן, מיט די פיס אין בייכער, קעפּ. איינער איז געבליבן ליגן מיט אַ צעשפּאָלטענעם קאָפּ, בלוט איז גערונען פון דער נאָז. היטלען, פּאַפּאַכעס, טוביטייקעס האָבן זיך געוואַלגערט אויף דער ערד. מען איז זיך פאַרפאָרן אין די ציין, געזידלט.

זי האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, זיך אַנידערגעזעצט אויף דער ערד. לעבן איר אַפּאַ, נאָך איינע, אַ יונגע קאַזאַכקע פון שכנותדיקן הויף, מיט איין קינד אויף די הענט און ס׳צווייטע, אַ שלאָפּנדיקס, אין פּאַדאַל. שרה און אברהם זענען געשטאַנען פון דער ווייטנס. מיט אַ קוויטשענדיק קול און הענט־העוויות, האָט יענע געגנוי איבערגעחזרט די זידלרייד, נישט פאַרלירנדיק קיין וואָרט:

— דעזערטיר! פּוילאַק! אַ רוח אין דיין טרעלבויך אַריין!

— שושקא! חזרים!

— הינטישע זין! פּחדנים! קיין סטאַלינגראַד!... פולווער שמעקן...

— גאַטלאָזע!... אין אייערע טריפהנע פּיסקעס!

— נו, און די מיליץ? — פרעגט שרה נאָכן פאַרענדיקן די מעשה.

— זיי האָבן אַצינד אַ מיט זיך צו טאָן — האָט געענטפערט אברהם.

ס'איז די ערשטע טעג פון מאירס אַרבעטן אין „זאַגאָט זיערנאָ". קיין זייטיקע פאַרדינסטלעך זענען נישט געווען. דער פּאַיאָק האָט נישט געסטייעט. אברהם האָט פּאַמעלעך אָנגעהויבן וויזן זיך אויפן באַזאַר. ער איז געגאַנגען מיט די האַלבע און גאַנצע ברויטן, וואָס מאיר האָט באַקומען אַלס „מתנה" פון זובאַנינס ווייב. זינט דעם טאָג פון ענדיקן דעם ברונעם פלעגט ער אָפּט זיך „צושפּאַצירן" אין שטאָט אַריין. זי האָט אים געבעטן — נישט אָנעם וויסן פון איר מאַן — „נישט שעמען זיך און קומען". אברהמס האַנדל האָט אָבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטן צוליב אַ מעשה מיט אַ ציגיי־נערקע: זי האָט געקויפט ביי אים אַ רעפטל ברויט פאַר זיבעציק רובל, אַריינגעשטעקט אַ הונדערטער און געוואַרט אויף אַ רעשט. נאָכדעם, ווי אברהם האָט איר צוריקגעציילט דרייסיק רובל, טוט די ציגיינערקע זיך אַ כאַפּ ביים פּנים — אוי, אַ פאַלשער הונדערטער! גיב צוריק באַטקאַ, באַקומסט אַן אַנדערן.

געערירט און דאַנקבאַר פאַר איר ערלעכקייט, דערלאַנגט איר אברהם צוריק דעם פאַלשן הונדערטער. זי גיט אים אַ צווייטן און גייט אַוועק. אויפן וועג אַהיים האָט ער אַריינגעשטעקט די האַנט אין קעשענע און אין „טאַפּ" איז אים דאָס פּאַפּירל נישט געפעלן געוואָרן. ער נעמט עס אַרויס, ווי, ס'איז אַ צענער. אַ רעשט געגעבן האָט ער דרייסיק, דאָס רעפטל קאָסט זיבעציק, האָבן האָט ער צען רובל...

געוואַלד, מיט וואָס גייט מען אַהיים? פאַרכאַפּט זאָל זי ווערן, דער דראַב, דער סעדאַך. אַזוי פיל פאַרקויפער און אויפקויפער, האָט זי פּונקט געטראָפן צו אים. אין איין אָטעם איז אברהם צוריקגעלאָפן אויפן באַזאַר. נו, גיי זוך אַ נאָדל אין אַ שעניק. ס'איז שוין געווען נאָכן מאַרק און אברהם האָט זיך געלאָזט גיין איבער די טשייכאַנאַס. זי שליאָדערט זיך

אַוודאי ערגעץ דאָ אום — האָט ער געטראַכט — געגאַנגען, געזוכט און דערשנאַפּט. ווי אַזוי גייט מען צו צו אַזאַ איינער? זי קאָן דאָך לייקענען שטיין און ביין און מאַכן פון אים ס׳געלעכטער. ווי ער שטייט אַזוי אין אָפענער טיר פון אַ טשייכאַנאַ, דערזעט ער ווי זי גייט צו אים. צוגעקומען, און אָן אַ קווענקל מאַכט זי:

— ווענען זוכסטו, דשאַדקאַ? — און זי לאַכט אים אין פּנים אַריין.

— דיך, דיך — וויל ער איר אָנכאַפּן ביים אַרבל.

— דו דאַרפסט נישט זוכן. אָט שטיי איך.

אברהם, אין זיין נטיה צו אָרנטלעכקייט, האָט אַ קרומען, פאַרשעמטן שמייכל געטאָן. מיט פאַרדראָס אויף זיך אַליין געטראַכט: הם... הם... אומזיסט באַשולדיקט. כאָטש אַ ציגיינערקע, אָבער ראַיעל. אַ פאַרקער׳טע וועלט היינט...

— אָט בין איך — זאָגט זי נאָך אַ מאָל — אָבער דיין געלט האָב איך נישט. כ׳בין גאָלע. הונגעריק געווען. נאָך אַ פּערטעלע ברויט געקויפט. ערלעך באַצאָלט.

— ערלעך באַצאָלט מיט מיין געלט?

— קרענק זיך נישט, באַטקאַ, אַ „סטאַראָזאַקאָננער״, זע איך... גאָט וועט דיר באַצאָלן. גיב, גיב די דלאָניע, כ׳וועל דיר ווראַזשען, אָן אַ קאָפּיקע וועל איך דיר ווראַזשען, ווי דו זעסט מיך אַ לעבעדיקע.

און זי נעמט, נישט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער, אברהמס האַנט, לייגט זי מיט דער דלאָניע אַרויף. גיך, גיך האָבן זיך גענומען שיטן אירע זיסע רייד׳עלעך, רמזים, נישט דערזאָגטע ווערטלעך אויף פּויליש, רוסיש, יידיש און ציגיינער־לשון:

— גליק, אַ סך גליק פון גאָר ווייט שווימט צו דיר... אַ גרויסע „קלענסקאַ״ אויף דיין גראָען קאָפּ... גאָט וועט פאַרגיטיקן... כאַראַשאָ... כאַראַשאָ, ס׳וועט דיר נאָך גוט זיין... דו זעסט, פּאָטער׳ל...

אברהם האָט נישט געהערט אירע רייד. אַ באַנומענער, אַ דולער, שטייט ער און ווייסט נישט וואָס צו טאָן מיט זיינע הענט. נאָך וואָס איז ער געקומען, נאָך וואָס? וואָס וויל זי פון אים, דער שד? וואָס טוט זיך דאָ?

אַזוי פּיל אויגן... צעשמייעטע פּנימער. אין ווינקל פון טשייכאַנאַ, אַ טונקל־צעפּלאַמטער קאַרק קייכט פון געלעכטער... און זי (קוים וואָס איר קאָפּ גרייכט צו זיין אַקסל) לאָזט נישט אָפּ; זי קוקט אויף זיינע הענט און לייענט ווי פון אַ סידור:

— אַהאַ, דזשאַדקאַ,
פּעוונע אַ פּוילישער, אַ פּאַן בראַטקאַ;
וואָלינער, סטאָרפּינער, לובלינער גובערניע?
כ׳קום אויך פון יענעם קאַנט.
איינס, צוויי, דריי — אַך, פּונקט אַזאַ האַנט,
אַ ביסעלע קלענער, יאָ, שענער...

און דאָס צינגל האָט זיך אויף אַ וויילע ביי איר פאַרהאַקט. דער ציגיי־נערקעס שוואַרצע אויגן האָבן זיך, ווי אונטער פאַרגרעסער־גלעזער, נענטער צוגעבויגן צו אברהמס האַנטפלאַך:

...איינס, צוויי, דריי,
פונקט אַזעלכע קאַרבן
אויף דער האַנט פון אַ שיינער יידישקע,
טויט מיד צום שטאַרבן,
אָט אָ דאָ אויפן באַזאַר, ביים טויער...

אויסטערליש... עס וווּנדערט, ממש נישט צו פאַרשטיין. ס׳ערשטע מאָל ווי עס טרעפט זיך ביי איר אַזאַ ענלעכקייט. — דו וועסט האָבן אַ ליכטיקן גן עדן — האָט זי יענער געזאָגט, אויך אָן געלט, קיין קאָפּיקע נישט גענומען. קיין קאָפּיקע. כאַ, כאַ, כאַ.

אַ יאָ, אָן געלט, זעסטו, טאַטקאַ.
אָ, דער אָ קנייטש, דער לאַנגער, פּאַפּשעטשנער,
אַ גוטע עלטער וועט דיך ווסטרעטשען...
גוטע נייעס,
ווי גאָט איז דיר ליב.
כ׳נאַר נישט אָפּ,
דער קאָפּ

(זי האָט צוגעלייגט איר פינגער צום שטערן)
„אַל אַזוי לעבן.
אַז דאָס מלחמהלע וועט זיך קאָנטשען,
וועלן די רויטע מיט די פאַנעס זיך פאָלאָנטשען,
טאַנצן אַ קאָזאַטשאָק;
פּאָליאַק רוס און זשידאָק.
וועסט דערציילן: אַ ציגיינערקע, אַ שפּאַנאַ *), אַ לאַכודרע,
אַ כיטרע גנבטע, אַ מודרע
האָט אַזוי פּאַסקודיעט...
גדיבי ציגאַן שען ניע פּאָציעשיל
טאָ בי שען פּאָוויעשיל **).
נישט געשטויגן, נישט געפלויגן,
קוק מיר, דזשאַדקאָ, אין די אויגן...

זי האָט זיך פלוצעם אַ כאַפּ געטאָן ביים פּנים, ווי בעת דערמאָנען זיך אָן פאַלשן הונדערטער, אָפּגעלאָזט אברהמס הענט און אָפּגעטראָגן זיך.

דאָס רעדל אַרום אים און דער ציגיינערין איז זיך מיט אַ געלעכטער פונאַנדערגעגאַנגען. עס האָט שוין אָנגעהויבן ווערן פינצטער. אַרום איז געוואָרן ליידיקער. אָן אויפגערעגטער, אַ פאַרשעמטער מיט אַ טעמפּקייט אין מח און שטיקעניש אין האַלדז, האָט זיך אברהם אומגעקערט אַהיים. מער איז זיין פוס אויפן באַזאַר נישט געקומען.

שרה איז געוואָרן די גייערין. איר ספּריטנעקייט פון דער היים, פון „אַמאָליקע גוטע צייטן״, איז איר אויך דאָ בייגעשטאַנען. שרה האָט איטלעכס מאָל, פאַרן גיין אויפן באַזאַר מיט ברויט, נישט פאַרגעסן צו דערמאָנען צום גוטן די גויע, דעם נאַטשאַלניקס ווייב. זי האָט אויך געדענקט ביי יעדער געלעגנהייט צו פרעגן מאירן:

---

*) אַ גנבטע.

**) ווען אַ ציגיינער וואָלט זיך נישט דערפרייט, וואָלט ער זיך אַ שטריק אויפן האַלדז פאַרלייגט.

ש. וואַרזאַגער

זאָג מיר, ווו נעמט ער, דער נאַטשאַלניק, אַזוי פיל ברויט?

— ער נעמט נישט, מען גיט אים.

— וואָס הייסט מען גיט?

— ער איז דאָך עפּעס אַ שישקע.

— ס׳האָט אַ ווערדע ביי זיי אַ שישקע.

— ביי זיי טאַקע נישט, אָבער ביי די קאָלכאָזניקעס פון אַרום דער געגנט — יאָ. ער איז זייער אַן אָרנטלעכער מענטש, מאַמע.

— אַוודאי, אַז מען ברענגט אין שטוב אַריין, קאָן מען זיין אָרנטלעך...

— און אַ גנב איז דער, וועמען מען כאַפּט — האָט געזאָגט אברהם.

אוודאי איז מאיר צופרידן געווען פון דער אויפהייטערונג אין שטוב. פון דער מאַמעס עטלעכע מאָל דערמאָנען אים: „למען השם נישט פאַרגעסן אַריינרופן סרוליקן אויף מיטאָג; איינער אַליין, זאָל ער פילן דעם טעם פון אַ לעפל געקעכטס״. אים האָט אָבער ווי׳ געטאָן דער מאַמעס קרעכץ בעתן עסן, וואָס האָט זיך מער ווי איין מאָל איבערגעחזרט.

— אַז אָך און וויי, וואָס די ערד דעקט צו, ווערט גיך פאַרגעסן...

ווי וואָרהאַפטיק־ערלעך דער באַדויער אין דער מאַמעס זאָג, אַזוי פיינלעך־אמתדיק איז דער פאַקט פון פאַרגעסן טאַקע. דער פאָרוווּרף — באַשטעטיקט דאָס פאַרגעסן...

קאַפּיטל פיר

אַרום די סקלאַדן פון „זאַגאָט זיערנאָ"

לאַנגע, ליימענע ווענט, בלעכענע דעכער, הילצערנע בלינדע טירן, וואָס זענען ס'רוב אויפגעפּראַלט, האָבן זיך פּאַראַייניקט אין אַ „ח". די אָפענע זייט איז אַ טויער. דרויסנדיק פון די סקלאַדן, שניידן זיך אַדורך צוויי „פּערעאולקעס" און פאַלן אַריין אין דער לאַנגער הויפּט־גאַס סטאַכאַ־נאָווסקאַיאַ. דאָס איז אייגנטלעך נישט קיין גאַס, נאָר אַ ברייטער, שטויביקער זאַמדוועג. פון ביידע זייטן נידעריקע הייזקעס. דער וועג איז ענלעך אויף אַ דאָרפישן טראַקט. ער ציט זיך לענגאויס דעם דרום־טייל פון שטאָט נאָענט צום באַנקנופּ, צו דער „סטאַציע".

מאירס נידעריקער וווקס און סרוליקס דאַרער, דריבנער אויסזען שטערט זיי נישט צו אַרבעטן גלייך מיט אַלע אַנדערע „גרוזטשיקעס", געוויקסיקע, ברייטבייניקע, אַ מאַן אַכט. קאַזאַכן, טאַטאַרן, רוסן, אַן אַר־מענער און אַ טשעטשעניעץ. איטלעכער איז צוליב אַ באַזונדערע „סיבה" נישט גענומען געוואָרן אין מיליטער, אָדער צוריקגעקומען. דער שטאַרק־סטער, קראָפּאָפּאָוו, וועמען מען האָט צוליב זיין אומנאַטירלעכער לענג גערופן „צוויי מעטערדיקער", איז באַפרייט געוואָרן „אויף די אויגן". ער רייבט זיי כסדר מיט דער לינקער זייט פון זיין האַריקער האַנט און פּינטלט צו. זיי זענען אַרומגעזיימט מיט רויטע ליאַמעווקעס און פאַר־שטויבט מיט מעך פון אויסגעטרעסעטע זעק. אַ זאַק תבואה אויף זיינע פּלייצעס האָט תמיד אויסגעזען קלענער און, דאַכט זיך, אויך גרינגער. נאָך אַ צונאָמען, אַפּנים פאַר באַקוועמלעכקייט וועגן, האָט געהאָט דער צוויי־מעטערדיקער : פּאָפּ.

— פּאָפּ, גיב אַ פּלייצע.

— פּאָפּ, רייב ווייניקער די אויגן, מאַך נישט די פוילע שטיק.

דער צווייטער, קאַשעוואַי, אויך נישקשהדיק הויך, זעט אויס נאָענט פון פאַפּן קליין. ער איז אָבער גלייכמעסיק געבויט. אַ גאַנג, מיט הענט אין דער ברייט, יוסט — אַ געבוירענער טרעגער. אויך זיינע פּנים־שטריכן זענען גלייכע. אַ קורצע נאָז, העלע שיטערע הערלעך איבער אַ ווייסן שטערן, צוויי לעכעלעך אין די באַקן. בעתן לאַכן מאַכט זיך נאָך איינס אין מיטן גאָמבע. דאָס גלעלעכטער און די דריי לעכעלעך מאַכן אים היימי־שער, לעשן זיין בייזלעך באַטרונקען קול, די ווולגאַרע וויצן, אָפּט אויפן חשבון פון די צוויי נייע גרוזטשיקעס. ניינצן דריי און דרייסיק איז ער געשיקט געוואָרן אַהער מיט אַ שטראָף־קאָמאַנדע. זיך פאַרזינדיקט מיט עפּעס — און פאַרבליבן. אָט דער חטא איז אים אַצינד בייגעשטאַנען. אָנשטאָט פראָנט, האָט מען אים געגעבן „בראָן" אַלס גרוזטשיק אין „זאַגאָט זיערנאָ". זאָרין, דער אוקראַינער מיט די קליינע, פאַרלאָפּענע אייגעלעך און אָקסנשטערן, האָט מען געזאָגט, האָט זיך אָראָפּגענומען צוויי פינגער. דער קורצפיסיקער פּיעטקאָ טעלעמענקאָ מיטן מיידלשן פּנים, טאַלעלייעוו און דער דאַרער, שמאָלפּלייציקער טשעטשעניעץ זענען באַקאַנט אַלס סטאַכאַנאָווצעס.

מאיר און סרוליק זענען נישט אָפּגעשטאַנען פון דער חברה. ווי אמתע פּאַכלייט זענען זיי געגאַנגען מיט זעק ווייץ, פּראָסע, הירזש איבער די ברעטער־טרעפּן אויף בערג תבואה. אדרבא: נאָך פלינקער גייט עס ביי זיי. איידער יענע שטעלן אונטער אַ פּלייצע, בעת אַנדערע צוויי דער־לאַנגען דעם זאַק, טאָפּטשען שוין מאיר און סרוליק איבערן וויכן קערנער־אָנשיט. פולער זאַק וואַקלט זיך, וויגט זיך אין דער לופטן, ביז ער גיט מיט ספּריט אַ פלי און אַ קער מיטן „פּיסק" אַראָפּ. איבערגעלאָזט פאַר די וואָס שיטן אויס און ווידער געלאָפן.

כאַסאַן, דער „סקלאַדאָווטשיק", זיצט אויף זיין הויכער שטול לעבן וואָג און צייכנט אָפּ יעדעס זעקל פאַרן אָוועקטראָגן. זיינע אייגעלעך, פון אַ פוילן, זאַטן קאָטער אויף דער זון, זשמורען זיך. זשמורען און צעציען זיך אין אַ לאַנג, שמאָל שפּעלטעלע; דאָס קוקט ער אַזוי און לאַכט. אַ ווייס שנירל ציין — דער איינציקער ליכטפּאַס אויף זיין טונקל, געשטופּלט

פּנים. דערביי טרייסלט זיך אויף אים דער קאָפּ — אַן אַרבוז, וואָס קאָן נישט איינליגן אויף אַן אָרט. שוואַרצע, שיטערע הערעלעך, ערשטער אָנוווקס נאָך אַ גאָלמעסער, צעפּליסן זיך איבערן נידעריקן שטערן. אָט אַזוי לאַכט ער, כאַסאַן, בעת ער זעט איינעם פון די גרוזטשיקעס אַרויסגיין פון די סקלאַדן מיט „פּולן". — די לידקעס זענען אויסגערונדיקט און אָנגעצויגן, קוים וואָס מען שטעלט אַ פּוס. די ברייטע אַרבל פון דער רובאַשקע, אָדער פּופּייקע, ווי אָנגעפּילטע קישקעס, קונציק פּאַרקניפּט ביים העלדזל, מסרן. עס העלפט נישט דאָס בעטן פייער, אָדער אַ סיגאַרעטל ביי איינעם פון דער חברה, אַ מאָל ביי כאַסאַנען גופא, כדי אָפּצוווענדן זיין אויפמערקזאַמקייט. כאַסאַן איז אַ מבין אויף אַזאַ „גאַנג". זיין געביפּ־טער קאָפּ, וואָס ער טראָגט שוין אויף זיך אַריבער פּערציק יאָר, האָט זיך תיכף געכאַפּט אויף די טריקן. געכאַפּט נישט אַזוי מיטן דינעם, שאַרפן, קאָטערישן קוקעלע, ווי מיטן שכל. קלאָמפּערשט שלאָפט ער, דרימלט... דרימלט און לאַכט. אָהאָ, נישט אַזוי גרינג איז אים אָנגעקומען דאָס געלעכטערל... נישט איין שלאָפלאָזע נאַכט און דולן טאָג. — עס פּלעגט אים וואַרפן, ווי נאָר ר׳האָט באַמערקט עמעצן פון זיינע גרוזטשיקעס אַרויסשאַרן זיך. אַ ברום געטאָן, און באַלד, באותו רגע, אָנגעכאַפּט יענעם פּארן קארק, צוריק אריינגעשלעפּט אין סקלאַד אריין און לייטיש אַריינ־געציילט. פּאַרוואָס עפּעס אַליין מקיים פּסק געווען, און אונטער פּאַרמאַכטע טירן (ער ווייסט, כאַסאַן, גאַנץ גוט, אַז אַזאַ זאַך איז ביי דער מאַכט פּאַרבאָטן)? דערויף האָט ער זיך אָנגעגרייט אַ טאָפּלטן ענטפער: פּאַר די בעלי־בתים — באשר דער נעמער האָט געוואָלט אַנטלויפן; און צו זיך האָט ער אַזוי געטענהט: ווער עס פאַלט צו „זיי" אין די הענט אַריין, זעט מען אים שוין אַזוי גיך נישט צוריק. וואָס וועט ער טאָן אָן גרוזטשיקעס? מען וועט דאָך נישט מאַכן די נאַרמעס, נישט קאָנען אויספירן די „טרעבאָ־וואַניעס". איז שוין בעסער, טראַכט ער זיך, אַליין מיט די „נעמער" צערע־כענען זיך. צו מאַרגנס קומט אַזאַ איינער מיט אַ קראַנקן־צעטל. אויס־געררוט זיך עטלעכע טעג, שטעלט ער זיך ווידער צו דער אַרבעט. אויסער דעם איז עס ביי כאַסאַנען אַ געפּיל־זאַך, וואָרעם קיין גוט האַרץ אויף זיינע

בעלי־בתים האָט ער אויך נישט. זיי פאָדערן און פאָדערן, גיבן אַ נאַרישע „זשאַלאָוואַניע" און צו אַלעמען מישן זיי זיך אויך אין זיינע פאַמיליע־אָנגעלעגנהייטן: מען לאָזט נישט הייבן אַ האַנט אויף אַן אייגן ווייב...

צען יאָר געלעבט מיט דער ערשטער. שאַ, שטיל, זי פלעגט צונעמען אַ קלאַפּ אַן אַ פּיפּס... איין מאָל האָט זי זיך געפּרווט אַנטקעגנשטעלן, האָט ער איר אָנגעכאַפּט פאַר די האָר און ווי מיט אַ שמאַטע אויסגעקערט די שטוב. נאָך דעם איז זי טאַקע אַנטלאָפן צו איר טאַטן קיין סאַמאַרקאַנד, אָבער יענער האָט זי תיכף צוריקגעשיקט.

— ער איז דיין מאַן און אים דאַרפסטו פאָלגן.

פון דעמאָלט האָט זי איבערגעטראָגן קלעפּ אָן אַ קרעכץ. נאָר איין מאָל האָט זי פאַרוואָרפן דאָס קעפּל, ווי אַ תמעוואַטע שעפּסל: געבליבן ליגן און מער נישט אויפגעהויבן זיך...

מיט גרויס צערעמאָניע און כבוד, ווי עס פּאַסט פאַר אַ פאַרמעגלעכן, גלוביקן קאַזאַך, האָט ער זי געלאָזט באַגראָבן. געבעטן מחילה, געוויינט אויפן קול, געליאַרעמט, ווי דער שטייגער ביים באַהאַלטן א מת. די דריי קינדער, וואָס זי האָט אים איבערגעלאָזט, האָט ער גלייך אָפּגעגעבן אין „דזיעט־יאַסלע" *).

דאָס צווייטע ווייב האָט ער מער געשוינט. מען קאָן זאָגן, ליב געהאַט. פאַרוואָס נישט? שיין איז זי געווען און יונג, ווי די ערשטע, פון וועלכער ער איז דעמאָלט עלטער געווען מיט אַ יאָר צוועלף. אויך אַ צוזאָג האָט זי אים געגעבן תיכף נאָך דער חתונה:

— איך וועל נישט שרייען, טאַמער שלאָגסטו.

זי וויל זען, הייסט עס, צי ס'איז אמת, אַז ער האָט יענער אָוועקגע־הרגעט. צי האָט ער אַ האַרץ אויך מיט איר דאָס אייגענע צו טאָן. אַזוי איז טאַקע געווען. זי האָט נישט געוויינט, נישט געשריגן בעת ער האָט געבוי־קערט. זי האָט געשוויגן. אַ געטראָטענע אויף דער ערד, איז זי געלעגן

*) קינדערהיים.

און געשוויגן, נאָר מיט די הענט זיך דאָס פּנים פֿאַרשטעלט, כּדי דערנאָך פֿאַר די שכנים נישט ווייזן זיך מיט אונטערגעהאַקטע אויגן.

דאָס שווייגן פֿון דער געשלאָגענער, דאָס נישט פרעגן פֿאַר וואָס, פֿאַר ווען, איז כּאַסאַנען גראָד געפֿעלן געוואָרן. עס האָט אים אָבער נאָך מער גערייצט, געצונדן דאָס בלוט אין די אָדערן.

— פֿאַרוואָס שווייגסטו? שעפּס, אייזל, וואָס שווייגסטו, דו?...

האָט זי טאַקע מער נישט געשוויגן. אויפֿן אַכטן טאָג נאָך דער מעשׂה האָט מען כּאַסאַנען געשטעלט פֿאַר אַ פּאַרטיי־געריכט. איר האָט מען גלייך צוגעפּסקנט, וואָס זי האָט געוואָלט — אַ גט. די „דיעלאָ" איז אַוועק „העכער" — קיין מאָסקווע. עס האָט געהאַלטן ער זאָל ווערן אויס „זאַווסקלאַד" *). דערווייל האָט אָנגעיאָגט די מלחמה. מאָביליזאַציע. „וואָיענ־קאָמאַטן" אַרבעטן בייטאָג און ביינאַכט. אַבלאַוועס. מען שלעפּט פֿון די בעטן, מעןליידיקט אָפּ די באַזאַרן. כּאַסאַנען רופֿט מען און גלייך קומט ער צוריק — ניע גאָדיען — נישט מיליטער־פֿעיק.

צוזאַמען מיט דער געוווינשאַפֿט פֿון שלאָגן און טוישן ווייבער, וואָס איז געלעגן ביי כּאַסאַנען אין בלוט, האָט ער נאָך עפּעס געירשנט פֿון זיינע אָבות: פֿאַרהיילטער טראַכאָם אין די אויגן. זיבן קינדער ביז אים האָט די ראַכיטישע קראַנקייט אין דער ערד אַריין געלייגט, און אַצינד כּאַסאַנען געראָטעוועט ס׳לעבן. חוץ דעם איז ער אויך איבער די פֿינף און פֿערציק און אַ סקלאַדאָווטשיק — אַ ספּעציאַליסט. כּאַסאַן קען רעכענען, צושטעלן באַריכטן. אלא, ער שרייבט און רעדט אַ גרייזיקן רוסיש, — די רעוואָלו־ציע וועט פֿון דעם נישט ליידן, — האָט געזאָגט דער היגער „וואָיענקאָם".

כּאַסאַן באַקומט „בראָן" און נעמט אַ ווייב צום דריטן מאָל. טאַמאַראַ רופֿט מען זי. טאַמאַראַ שטאַמט פֿון אַן אַדעליקער משפּחה. זי האָט אַ העל פּנים, ליכטיק ברוינע אויגן, איינגערעמט אין אַ צעצויגענעם דרייקאַנט. שמאָלע אַקסלען און אַ טאַליע פֿון אַ קינד. איר גאַנג — אַ ריטמיש באַוועגן זיך מיט שטילן גערויש. בעת מען האָט איר טאַטן „איבערגעסעדליעט"

*) מאַגאַזינער.

איז זי אַלט געווען אַ יאָר צען. גלייך נאָך דעם איז איר די מאַמע געשטאָרבן. טאַמאַראַ האָדעוועט זיך ביי אַ ווייטער, אָרעמער קרובה, וואָס וווינט בשכנות פון כאַסאַנען. עלנט, בענקשאַפט נאָך היים, מלחמה, האָט זי אַכט יאָר שפּעטער געפירט צום סקלאַדאָווּשטשיק אין שטוב אַריין.

אַ שטוב פון כל הגוטס. טאַמאַראַ, וואָס האָט געהערט צו דעם סאָרט מיידלעך, וואָס היימיש ווערן מיט אַ מאַנסביל קומט אָן שווער, האָט נאָכן ווערן זיין ווייב די שווערקייט אַריבערגעוואָרפן אויף כאַסאַנען. מעגלעך, אַז זי גופא האָט דאָס נישט געוווּסט, אָבער כאַסאַן האָט יאָ געפילט. אין די סאַמע אינטימסטע מאָמענטן האָט זי אים געהאַלטן אויף אַ דיסטאַנץ...

טאַמאַרען שלאָגט ער נישט. איר ווייס פּנים, כאָטש קאַנטיק ווי זיינס, האַלט אים אָפּ דערפון. אָנשטאָט כעסן, בייזערן זיך, נעמט ער שמייכלען נאַריש, פאַרלוירן. די טונקעלע שטופּלען אויף זיין פּנים גיסן זיך אָן מיט רויטקייט, ווי זון דורך אַ רעשעטע. אַ געטריי ווייב איז טאַמאַראַ. געטריי אויך צום איין און איינציקן קינד, וואָס זי האָט אים צו די צוויי יאָר געבוירן. און דאָך, — איר דינער, בויגעוודיקער גוף, שמאָלע אַקסלען און קליינע, ווייסע הענטלעך, האָבן אין זיך עפּעס אַזוינס, וואָס זאָגט צו... זאָגט צו און גיט. אַ מינוט נאָך דעם איז זי ווידער פרעמד, נישט זיינע. קאַלט און קלוג. איי קלוג...

כאַסאַן האָט אויף טאַמאַרען קיין פינגער נישט אַרויפגעלייגט. אין די סקלאַדן אָבער האָט ער זיך, ווי פריער, זיינס „אויסגעשלאָגן". די גרוזטשיקעס האָבן אויף זייער שטייגער געענטפערט מיט קראַנקן־צעטלען. איטלעכס מאָל פעלן צוויי, דריי און מערער. טאָג־טעגלעך טראָגט ער די „באַלניטשנע" אין קאַנטאָר. די קאַנטאָר שרייבט און הערט נישט אויף צו פּאָדערן. מיט וועמען מאַכן די אַרבעט? די קערנער אין די סקלאַדן ברענען פון שווערקייט. מען דאַרף זיי לופטערן, איבערוואַרפן. הונדערטער זעק אויפן הויף, איינע אויף די אַנדערע, גאַרנס. וויפל איז דער שיער? קעמל־קאַראַוואַנען קומען און בלייבן ליגן מיט דער לאַדונג. שטעלן די פּויערים־באַלעגאָלעס אַליין אונטער אַ פּלייצע. קייקלען זיך קללות אַרויס

פון זייערע מיילער, פאַלן צו די פיס און האַמעווען די אַרבעט ווי שטעקנס אין די רעדער. מען שעלט, מען שרייט און מען שפייט און מען טראַגט זיך אָפּ. אַלץ בלייבט ליגן אונטערן אָפּענעם הימל. די זון באַקט, ברענט אויס לעכער אין די זעק. און וואָס וועט זיין אין רעגנצייט? דערווייל גענים גנבים, הונגעריקע, כל־המינים פערעסיעדלענצעס. ברויט גייט אין ניוועץ פאַר אַלעמענס אויגן.

ווייסט כאַסאַן, אַז זיין קאָפּ איז דערפאַר פאַראַנטוואָרטלעך. פאַר נישט צושטעלן פּינקטלעך די טרעבאָוואַניעס זיצט מען נישט אויף דער שטול... „אַראָפּזועצן, אַוועקזעצן אויף אַ פּאַראַגראַף וועט מען אים"... סיביר... וואָס פאַר אַן עצה גיט מען זיך? אָפּזאָגן זיך פון הייבן אַ האַנט אויף אַ גרוזטשיק, דאָס איינציקע וואָס איז אים נאָך פאַרבליבן? שלאָגן לויט אַלטער געוווינהייט און שרייען „פּאָ נאָוואָמו זאַקאָנו".

— דו, דו, מלוכהש ברויט ווּעסטו גנבענען?!

איז אָבער אַזוי אויך נישט גוט. ער וואָלט ליבערשט אַליין קראַנק געוואָרן. עך, ווען עמעצער פון זיינע גרוזטשיקעס וואָלט אים אָנגעבראָכן די ביינער! קומען אין קאָנטאָר און אַוועקלייגן אַ ספּראַווקע — כאַסאַן באָלנאָי, באָלנאָי, און פּטור.

ביינאַכט אויפן דיוואַן־בעט קאָן ער נישט איינליגן. קרעכצט. ברומט. טאַמאַראַ איז אַ מבין אויף כאַסאַנס העוויות... קומט זי אָן פון איר אַלקער מיטן העמד אויפן אָרעם. גייענדיק וואַרפט זי אַ בליק אין גרויסן שפּיגל, וואָס אויפן וואַנט. בלייבט אַ ווײַלע שטיין: אויסגערונדיקטע אַקסלען, שטייפע ברוסטן, דינער האַלדז און אַ שוואַרצער, שווערער צאָפּ, וואָס איז אַצינד צעלאָזן אין דער ברייט; געבוירן מזרח־טענץ אויסצוטאַנצן אונטער אַ ניגון פון אַ צווייסטרונעדיק צימבל. אַ ניגון פון אַ בלאָנדזשענדיקן קעמל אין מדבר: אָן אַן אָנהייב, אָן אַ סוף ציט זיך דער בענקענדיקער ניגון, איינטאָניק און אומענדלעך ווי דער סטעפּ. מיט צעוויגטע הענט און אויף שפּיצפינגער גייט זי נאָך דעם צעהוידעטן קעמל־גוף, מיט פאַרריסענעם קאָפּ און בלאָנדזשענדיקן בליק צום ריח פון אַ קוואַל. זי טאַנצט, טאַמאַראַ. אַ געזעמל באַזויפטע מענער, מיט פיס אונטער זיך, זיצן אַרום פאַנען

„פלאָוו" און „בישמארמאק"; מיט פאַרגאָסענע פייערדיקע אויגן מעסטן זיי איר יעדן קערפּערבויג, האַרכן מיט תענוגדיקע קרעכצן דאָס געזאַנג פון אירע טריט. זי טאַנצט און זיי פּעטשלען צו, פּעטשלען צום טאַקט פון איר באַוועגונג, ברוסט־ציטער און ברעם־אויפהויב; אַ פּעטשלדיק צע־פּיעשטשעטער שטומער טאַנץ פון אַ וואָר ווען אין חלום אַריין.

מיט שכורע טריט גייט טאַמאַראַ אַוועק פון שפּיגל. זי גייט איינשטילן דעם צעיושעטן לייב... זי האָט זיך צוגעזעצט צוקאָפּנס פון אים, מיט די פיס אונטער זיך. אַ ווילע, צוויי, אָבער כאַסאַן ליגט ווי פריער מיטן פּנים אַראָפּ. ער זעט זי נישט. אויך זיין קרעכצן איז אַנדערש ווי תמיד. עס האָט איר באַליידיקט און איבערראַשט.

— וואָס איז דיר, כאַסאַן? — פרעגט זי אַ דערשראָקענע.

אָנשטאָט אַן ענטפער הערט זי אַ נאָיענדיק וואָיען. דאָס וואָיען ווערט שטאַרקער, גייט איבער אין אַ געברום. אַזוי ברומט אַ לייב אין די אומבייט־שעהן, ווען די נאַכט גייט אויס און דער מאָרגן איז נאָך הינטער די בערג.

— וואָס איז מיט דיר? — האָט זי נאָך אַ מאָל געפרעגט.

טאַמאַראַ האָט געוווּסט, אַז כאַסאַן דרייט זיך די לעצטע צייט אַרום ווי אַן אַ קאָפּ. שרייט ביינאַכט פון שלאָף, אַ געשריי פון פּחד און אומרו. ביטאָג וואָרטשעט ער אין זיך אַריין, קלאָגט זיך אויף די גרוזשיקעס.

— וואָס וועט זיין? מיט וועמען די אַרבעט מאַכן? הונגעריק — זאָגט ער — פאַלן זיי פון די פיס. וואָלט מען זיי כאָטש געגעבן גרעסערע ברויט־פּאַיאָקן, וואָלטן זיי נישט געגנבעט, קיין קלעפּ נישט געכאַפּט און זיין, כאַסאַנס לעבן, נישט איינגעשטעלט.

אַוודאי האָט דאָס טאַמאַראַ געוווּסט, אָבער זי האָט דערויף קיין אַכט נישט געלייגט. — ווייס איך וואָס, ער וועט זיך שוין ווי עס איז אַן עצה געבן.

און דאָ גאָר אַזאַ געוואָי. כאַסאַן, דער שד, דער ווייבערניק, מיט די פלינקע פּיפּיקע אייגעלעך און שטאַרקע הענט, ער זאָל אַזוי ליגן. אַ טאָפּלט ציטערניש איז פּלוצעם אַריבער איבער איר לייב. דאָס ערשטע מאָל ווי זי האָט אויף אַן אמת געציטערט מחמת אַ פאַרגעפיל פון סכנה; דער פּחד

איבער כאַסאַנס פריזהייט, וואָס קאָן אויך אָנרירן איר גופא. זי איז אין די רגעס כמעט זיכער געווען דעריך, וואָרעם קיין מאָל צווייפלט נישט אַ מענטש אין דעם, וואָס קאָן אים פאַרשאַפן ווייטיק. גלייכצייטיק האָט איר, קאָן מען זאָגן, הנאה געטאָן.

מאָדנע: אַ פרייד־ציטער האָט שרעקעוודיק אין איר אַ וויבריר געטאָן. אַ פרייד־ציטער צוליב אַ געפיל, אַ געדאַנק, אפשר אויסער די גרענעצן פון איר פאַרשטאַנד. זי, די פרוי פון איינעם, וואָס שלאָגט און טרעט ווייבער מיט די פיס — האָט צוגעטראַכט עפעס... אַ שכל־זאַך: נישט שלאָגן מער די גרוזטשיקעס. נייך. זאָלן זיי „טראָגן"... מיטן פעלן פון וואָג איז גרינגער זיך צו ספּראַווען ווי מיט פעלן פון הענט. ער דאַרף זיך מאַכן נישט זען, אַוועקקוקן.

ביי דער מחשבה האָט טאַמאַראַ זיך געוואָלט אויפהייבן, אויסגלייכן, נאָר, ווייזט אויס, זיך פאַרגעסן, אָדער פאַרטראַכט זיך און שטיין געבליבן אויף די קני. דאָס העמד, וואָס זי האָט די גאַנצע צייט אונטערגעהאַלטן פון פאָרנט מיט דער גאַמבע, האָט זיך אַרויסגעגליטשט. זי איז שטיין־געבליבן אַ קניענדיקע מיט די הענט אויפן פנים, ווי צו אַ תפילה. אירע אַקסלען האָבן געציטערט ווי בעתן וויינען אין דער שטיל. טאַמאַראַ האָט נישט געוויינט. מיט אַ פאַרהויבענעם קאָפּ און נאַקעטע שולטערן, צווישן בלאַסע שאָטנס פון אַ קליין נאַכט־לעמפּל, האָט זי אויסגעזען ווי אַ מימאָזע. אַ מימאָזע, וואָס מאַכט צו אירע בלעטלעך, פילנדיק דעם באַריר פון עמעצנס האַנט.

כאַסאַן האָט אָבער דאָס נישט געזען. ער איז געלעגן אין אַן אומגעע־ענדערטער פּאָזע, מיטן פנים אַראָפּ. דאָס וואָיען האָט אויפגעהערט. ער איז געשלאָפן.

...שניי, ווייסער היישעריק. חמרים ברואים נישטערן אין דער לופטן. זיי פרעסן דאָס פאַרנעפּלטע ליכט פון טאָג, פּאַטשן אין פנים, אין די אויערן; זיי קריכן איבערן האַלדז צום נאַקעטן לייב. נישט קיין זון און נישט קיין ערד אונטער די פיס. בערג מיט שניי, שניי און שניי, עס שיט אָן אויפהער. ער גייט און גייט, אַ פאַרזונקענער אין פוילן שניינעפּל. גייט און

ש. וואַרזאַגער

שטייט אויף איין אָרט. טורקעסטאַן, זיין געבורט־שטאָט. זיין הויף, די סקלאַדן, די זעק תבואה... ווי קומט אַהער שניי? אַזאַ שניי־ווינט, אַזאַ וויוגע: עס פייפט, הודזשעט אין די אויערן, קולות, פנימער — — — פנימער — — — אָך, דאָס זענען זיי דאָך, די יונגען, די גרוזטשיקעס. וואָס טוען זיי דאָ אין סיביר? זיי שלעפּן די זעק תבואה... אָנגעפּולטע, שאַרן זיי זיך אַרויס פון די סקלאַדן, דורכן הויף אין דרויסן... וואַרפן גנבישע בליקן צו אים... און ער שמייכלט. פאַרוואָס שמייכלט ער? אָנכאַפּן זיי פאַרן קאַרק... דו, דו, גאָסודאַרסטווענע ברויט — — — נאָר פלוצעם הערט ער אַ שאָס, אַ קנאַל, וואָס פאַרלירט זיך אין שנייאיק־פאַרגליווערטן אַרום, ווי אַ קנאַק פון אַן איבערגעבראָכן צווייגל. ווו איז ער, ווו?

— פאַרויס, געגאַנגען, מאַרש! — הערט ער אַ מענטשלעך געשריי. ווער שרייט דאָס אַזוי? אויף וועמען שרייט מען? ער איז דאָך איינער, איינער אַליין אין וויסטן, ווייסן סטעפּ. טראַאַך, טאַ־טאַ, טאַ־טאַ־טאַק! אוי! מען שיסט. ווער? וועמען? אָ! אַללאַ! כאַסאַן וויל זיך אומקוקן אויף צוריק, קאָן ער נישט אויסדרייען דעם קאָפּ. זיין שטערן, די האָר, דאָס פנים — נאַס. ער וויל מיט דער שנייאיקער שפּיץ־פּאָלע פון סורדוט זיך אַ ווישׁ טאָן און — איבערגעקאַטשעט זיך מיט אַ געשריי:

— סיביר! סיביר! או! או! טאַמאַראַ!

— אָט בין איך.

זי האָט אַ פיר געטאָן מיט איר קליין וואַרעם הענטל איבער זיין שטערן און פייכטע האָר, אַריינגעקוקט אין זיינע צעשראָקענע, קליינע אָפּלען און געפרעגט:

— איז דיר עפּעס, כאַסאַן?

— אַ חלום, אַ שלעכטער חלום.

— אַ שלעכטער חלום איז אַ גוטער סימן.

— אויף סיביר, אויף סיביר וועל איך גיין! — האָט ער אַרויסגע־ברומט ווי אַ בוהיי, איבערדרייענדיק זיך אויפן רוקן.

— פאַרוואָס, כאַסאַן?

— די יונגען, די יונגען...

— איך האָב אַן עצה, הער אַ מאָל אַ ווייב, כאַסאַן.

— טאַמאַראַ ?...

— יאָ.

— וואָס ?

— ווייך נישט. פע, ווי פּאַסט עס פאַר אַזאַ ווי דו ? ס׳עט גוט זיין, כאַסאַן — האָט זי אָנגעהויבן מיט אַ שעפּטשעניש, וואָס איז איבערגע־גאַנגען אין אַ טאָן פון אַנטשלאָסנקייט.

— זאָלן זיי... מאַך זיך נישט זען. מלחמה, הונגער, אַלע טוען אַזוי; אַלע...

כאַסאַן האָט איר נישט געלאָזט ענדיקן. געכאַפּט, אַפּנים, דעם מיין פון אירע רייד און זיך אויפגעזעצט. געזען ווי ער געפינט זיך און בפירוש געוווסט, אַז ס׳איז אַ חלום, אַ פוסטער חלום געווען, דאָך האָט אים דער אומרו נישט אָפּגעלאָזט.

— און אַז ס׳וועט פעלן צו דער וואָג ? — האָט ער געפרעגט, רייבנדיק די אויגן.

— מיט פעלן פון דער וואָג קאָן מען זיך אַן עצה געבן... דו, אַלטער ספּעציאַליסט, פעלן פון הענט איז ערגער.

— האַ, טאַמאַראַ, אפשר ביסטו גערעכט — האָט ער צו זיך אַליין געמורמלט. ווידער זיך אַרומגעקוקט און נישט אַראָפּגענומען דעם ליבלעך־צעשראָקענעם, שווערן און תאווהדיקן בליק פון זיין ווייב. ער איז פון מינוט צו מינוט וואַכעדיקער געוואָרן. ווי פּאַספּאַר האָבן אַרויסגעלויכטן זיינע קליינע אָפּלען פון די שמאָל־צעעפנטע אויגנרעמלעך. די שטופּלעך אויפן פּנים — רייפע פּאַקן־בלאַטערלעך, האָבן זיך אָנגעצונדן מיט אַ ווייטיקלעכער שיין. נישט פון אינערלעכער באַזינענקייט איז דאָס געקו־מען. דאָס איז בלויז געווען אַ ליכט־שאַטירונג, אַן אָפּשיין פון טאַמאַרעס נאַקעטן גוף. זי איז געזעסן אַנטקעגן אים מיטן אַרונטערגעפּאַלענעם העמד, וואָס האָט אָפּגעדעקט די שיינקייט פון אירע איידעלע פיס און קני. זי האָט אין זיינע אויגן אויסגעזען ווי אַ לויכטנדיק טורעמל.

אירע קלוגע און באַרויקנדיקע רייד האָבן דאָס „טורעמל" נאָך מער אָנגע־פילט מיט כשוף און סוד.

כאַסאַן האָט שווער אָפּגעסאָפּעט. ווי אַ געיאָגטע חיה, וואָס זעט זיך מיט אַ מאָל אויסער דער געפאַר, האָט ער מיט גבורה און גלוסטונג זי אַ צי געטאָן צו זיך. זיינע קורצע, פעטע פינגער האָבן זיך איינגעקלאַמערט אין טאַמאַרעס שמאָלע, דינע אַקסלען:

— דו קליינע, דו שיינע, כיטרע.

— דו ביסט מיד, כאַסאַן.

— ניין, כ'בין נישט מיד.

— נו, גענוג... גיי שלאָפן.

פון דעמאָלט פירט זיך כאַסאַן אַנדערש. זי, זיין קליינע קלוגע טאַמאַראַ האָט אים אויסגעלערנט: קוקן און לאַכן. אַ דאַנק איר זיצט ער אַצינד ווי אַ מלך אויף דער שטול. זיצט און קוקט, זשמורעט מיט די אייגעלעך און ס'דאַכט זיך, אַז ער דרימלט. ניין, ער איז וואַכעדיק. ס'נאָגט אַפילו עפּעס אינעווייניק, טאַטשעט. צום יאַר מאַכט מען רעמאָנענט; דאָס וואָס מען טראָגט אַרויס אָן וואָג... מוז פעלן. מלחמה. און ס'איז שטרענג.

אַנדערש אַרבעט זיך אויך מאירן און סרוליקן. אַז דער מאָגן איז פול, זאָגט שרה, גייען גרינגער די פיס. כאַסאַנס קוקעלע שרעקט נישט מער. אדרבא, ווי נאָר זיינע אייגעלעך פאַרציען זיך, אַ ווייס שמייכעלע צענעמט זיין פנים, ווייסט מען: דאָס מאַכט ער זיך נישט זען. ווי באַלד אַזוי, קאָן מען נישט זיין קיין חזיר. פון צייט צו צייט שטופּט מען אים עפּעס אַריין אין האַנט. כאַסאַן פאַרמאַכט זי גלייך אין אַ פויסט; נישט אַמאָליקע פויסט, וואָס ר'האָט אַזוי פלינק און גרינג געלאָזט אין גאַנג. די פויסט לאָזט ער אַצינד פאַלן אין אייגענער קעשענע...

ביינאַכט, אויפן דיוואַנבעט, דערלאַנגט ער זיין טאַמאַראַ די מתנה, וואָס ער האָט געקראָגן. דאָס צאָלט ער איר אָפּ פאַר דער קלוגער עצה, פאַר איר געטריישאַפט, וואָס זי האָט אים אַרויסגעוויזן אין יענע קריטישע טעג און נעכט. זי באַקוקט עס פון אַלע זייטן, לאַכט און פרעגט קינדיש־איבערראַשט:

ז אַ מ ד

— גאָלד? אַ זייגערל?

— נישט דאָס און נישט יענץ.

— אַזוי קליינטשיק?

— קליין ווי אַ קערנדל און בליצט ווי אַ שטערנדל...

*

יענע נאַכט איז מאיר נישט געשלאָפן. אַ מידער אַוועקגעפאַלן אויפן געלעגער, דערהערט ער דער מאַמעס קול:

— מאיר?

— וואָס איז, מאַמע?

— דו שלאָפסט?

— ניין.

— איך אויך נישט. פּודן שרעק פאַלן אויף מיר. צו וואָס דאָס שטיקל ברויט, אַז כ'ווער, מיינע שונאים, דערשטיקט מיטן ביסן? פאַרוואָס האָסטו נישט קיין רחמנות אויף אונדז?

— ווער זאָגט עס?

— ס'איז נישט קיין לעבן, מיין קינד. מאיר, „דאָס קריגעלע טראָגט אַזוי לאַנג, ביז דאָס אויערל רייסט זיך אָפּ"...

נישט שווער געווען צו פאַרשטיין דער מאַמעס רייד. אַוודאי האָט מאיר געוווּסט, אַז ס'איז קיין לעבן נישט. גנבענען, כדי אַ גוט מאָלצייט אָפּצועסן? — גנבענען, פאַרגרעסערן די אַרמיי פון שעדיקער־פּאַראַזיטן? איז דאָס דער וועג? יאָ. ס'איז דער וועג צום לעבן. לעב! אַ גרוזטשיק ביסטו. זעקס־פּודיקע זעק שלעפּסטו פון וועגענער אין שפּייכלער, פון שפּייכלער אויף די וועגענער. מיט וועלכן כוח? מיטן כוח פון דעם פאַיאַק?

מאיר איז געווען איינזאַם אין זיין וועלט. דער איינציקער מיט וועמען ער האָט אַ מאָל אַ וואָרט איבערגעכאַפּט, סרוליק, ליגט אַצינד קראַנק, דיזענטעריע. שוין עטלעכע וואָכן אין שטאָטישן שפּיטאָל. נישט ווייט פון הויף, וווּ מען האָט געגראָבן דעם ברונעם. אָפט קומט צו אים זובאַנינס ווייב. זי ברענגט עפּעס איבערצוכאַפּן. הלוואי וואָלט ער געקאָנט עסן, זאָגט

סרוליק. מאיר קומט כמעט יעדן טאָג. די לאַגע ערגערט זיך. דער דאָקטאָר האָט געהייסן ליגן. דאָס לעצטע מאָל איז מאיר נישט אָפּגעטראָטן פון בעט. געהערט — זובאַנינס וויב — האָט ער געפרעגט:

— ווי אַזוי ווייסט זי פון דיר?

— דעם טאָג וואָס מען האָט מיך געברענגט אין שפּיטאָל, האָט מען אויסגעשריבן איר ייִנגעלע, אויף פלעקטיפוס געלעגן.

— אַזוי?

— יאָ. זי קומט אָפט אַריין. פרעגט זיך אויף דיר, אויף דיינע עלטערן, צי האָט איר גרוסן פון די ברידער. זי טרייסט מיך: — אייערע, זאָגט מען, וועלן צוריק אַהיימפאָרן, ווי נאָר די מלחמה וועט זיך ענדיקן.

— יאָ, אַהיימפאָרן... — האָט סרוליק מיט אַ שוואַך קול און פאַרשאָטנט געלעכטערל צוגעגעבן.

— הער שוין אויף מיט דיין לצעוועון — האָט מאיר געענטפערט און בעת מעשה געטראַכט: הלוואי זאָל ער נישט האָבן געטראָפן.

סרוליק האָט קוים גערעדט. פון פריילעכן שמייכעלע, וואָס איז קיין מאָל נישט אַראָפּ פון זיין פּנים, איז אַצינד געבליבן אַ מין אויסדרוק פון שולדיקייט; אַ שלאַבעריקער, פאַרלוירענער גרימאַס, וואָס מען טרעפט אויף די פּנימער פון שטערבלעך קראַנקע. מידע און מאַטע האָבן געקוקט זיינע שוואַרצע, אויסגעלאָשענע, איבערגעשראָקענע אויגן פון אונטערן בלוטלאָזן שטערן אַרויס.

— אַזוי גאָר, זובאַנינס וויב? — האָט זיך מאיר געוווּנדערט מער ווי ר׳האָט באַדאַרפט, כדי אָפּצולענקען זיינע, אפשר אויך סרוליקס, פּינצטערע געדאַנקען.

— נעכטן איז זי דאָ געווען. געזען דיינע סוכאַרעס נישט גערירט, איז זי געבליבן זיצן אַ מוראדיק טרויעריקע. זי האָט געוויינט. איך האָב אויך געוויינט.

— דו, פריילעכער סרוליק?... עך, ס׳פּאַסט פאַר באַבעס.

— איי, מאיר, מאיר... — זיין אָטעם האָט זיך פּלוצעם פאַרהאַקט. אַרום זיינע אויגן האָט זיך געקליבן אַ רויטלעך־פּיכטע גלאַנציקייט. זיי

זענען געריסער געוואָרן, פול מיט יסורים, געבעט און האַס. די ליידן פאַרגאַלן דאָס האַרץ, די חושים, זיי צערייסן אַלע זיבן הייטלעך פון אויג, שיסן מיט צאָרנדיקן פייער צו די נאָענטסטע, וואָס טוען אַלץ אים צו העלפן. די אָדערן אויף זיין דאַרן מוסקולירטן האַלדז זענען בולטער, בלויער געוואָרן. זיין פּנים האָט בעתן רעדן געמאַכט גרימאַסן פון איינעם, וואָס שטיקט זיך. ס׳האָבן אים געשטיקט די טרערן, אויפגערייצטע פון מאירס אָנוועזנהייט. מאיר, דער איינציקער מענטש, פריינט אין זיין קראַנקער וועלט. סרוליק האָט טאַקע די ערשטע ווערטער אַראָפּגעשלונגען. ער האָט ווי אָנגעהויבן פון מיטן:

— כ׳יי וואָלט איך עפּעס געוווסט פון זיי...

— וועמען מיינסטו?

— דאַרף איך פאַר דיר נאָך אַ מאָל איבערחזרן וועגן מיין אַנטלויפן?

— אַהאַ, דיין אַנטלויפן, ניין. נישט פאַרגעסן, סרוליק, אָבער צו וואָס אַצינד?...

— דווקא אַצינד, זעסטו, שטייען זיי מיר פאַר די אויגן: די פרוי, דאָס קינד, נאַכט פון פיר און צוואַנציקסטן יוני ניינצן איין און פערציק. בהלה. מאָביליזאַציע. רעכט נישט געקומען צו זיך נאָכן ערשטן אַנטלויפן... ניינצן ניין און דרייסיק. מאַלקין. מען טרייבט, מען שלאָגט, מען יאָגט צו דער גרענעץ און די גרענעץ איז פאַרמאַכט. שוין פאַרגעסן? וואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר, מיינסט כ׳רעד פון היץ? דו ווייסט דאָך, דיזענטעריע איז נישט קיין טיפוס; מען געדענקט אַלץ, אַלץ ביז דער לעצטער מינוט...

— פלאַפּל נישט קיין נאַרישקייטן, סרוליק. נישט אַצינד די צייט צו רעדן דערפון — האָט אים מאיר ווידער איבערגעשלאָגן.

— ס׳ווילט זיך, גוטער ברודער, געדענקען... אפילו קיין קוש נישט געטאָן מיין ווייב. דערלאַנגט נאָר די האַנט, אַ ווילע אונטערגעהאַלטן אין אירער. שטום זי אַרויסגעלאָזט. אַרויסגעלאָזט און אַוועק... פאַרוואָס איז זי נישט מיטגעגאַנגען? זי האָט געוויינט, אָן טרערן געוויינט... און דאָס קינד, מיין טייער פּערעלע... טאַטע, נעם מיך מיט... ס׳איז נאַכט, פינצטער, גיי שלאָפן... און דו, טאַטע, פאַרוואָס, כ׳וועל נישט וויינען, כ׳וועל מיטגיין...

נאָר גרויסע נעמט מען, קינד מיינס, דו דאַרפסט גיין אין שקאָלע לערנען... שפּילן זיך...

כ'געדענק...

— ס'רוליק, ס'איז נאַריש אַצינד דערפון צו רעדן.

— יאָ, דערפאַר האָב איך נישט ווער ס'זאָל אויף מיר וויינען, אויסער אַ גוטע גויע.

— צו וואָס וויינען? וועסט נאָך לאַכן... וועסט נאָך לאַכן...

אַ קרום שמייכעלע האָט זיך פאַרצויגן אַרום זיין מויל. זיין לאַנגע, ביינ‏יק־ווייסע האַנט, וואָס האָט זיך באַוועגט בעתן רעדן, ווי זי וואָלט וועלן דערזאָגן וואָס די ליפּן קאָנען נישט, איז אַ פאַרמאַטערטע ליגן געבליבן אויף זיין ברוסט. ליגן געבליבן ווי אַ וויאָסלע אויף אַ פישער־שיפל, צעפּאַטשט פון כוואַליעס און שטורעמווינטן; קוים, קוים זיך דער־שלעפּט דאָ אַהער פון ווייטע מרחקים. ווי לאַנג וועט דאָס שיפל דאָ רוען? וויפל טעג? און אפשר שעהן בלויז? מעגלעך, אַז דאָס זענען די רגעס, די לעצטע, ערב דער גרויסער נסיעה פון וואַנען מען קערט זיך נישט אום מער. באַלד, באַלד וועט עס אַ ריר טאָן, אַפּשווימען מיטן גרויסן, שטילן אָקעאַן פון יענער זייט לעבן.

ס'איז שוין געווען טונקל און מאיר האָט זיך געאיילט אַהיימגיין. סרוליקס רייד האָבן אים פאַרהאַלטן.

— גיי נישט אַוועק. זיץ נאָך אַ ביסל.

— ביסט מיד, רו זיך אָפּ.

— איך בין נישט מיד. ביינאַכט פיל איך זיך בעסער.

— וואָס איז? דו לויפסט נישט?... דו דאַרפסט נישט ביינאַכט?...

— כ'דאַרף, נאָר כ'לויף נישט... ס'איז מיר גוט צו ליגן, כאָטש כ'ווייס, אַז כ'מאַך אונטער זיך... זי וועט זיך בייזערן אויף מיר, די שוועס־טער. זאָל זי... ביינאַכט איז גרינגער צו שטאַרבן.

— רעדסט שוין ווידער נאַרישקייטן, סרוליק?

— פאַרוואָס נאַרישקייטן? איז סרוליקס שטים שטאַרקער געוואָרן, שנעלער פון זיינע קוים, קוים באַוועגלעכע ליפּן זיך געריסן פון זיין קעל

אַרויס. כאָטש עטוואָס פאַרענדערט און פרעמד, האָט אָבער די שטים מיט אַ באַרויקנדיקער גוטסקייט זיך דערטראָגן צו די אייגענע אויערן, געוועקט אַ גוואַלדיקע באַדערפעניש צו רעדן. נייע אומגעהויערע כוחות האָבן אַ פלייץ געטאָן אין אים. זיי קומען פון אומאויסשעפּלעכע קוואַלן: פון דער פאַרבאַרגעניש וואָס טראָגט אין זיך אַלע מענטשן־קינדער אידער זיי ווערן געבוירן. אַ פאַרשטראָמטער פון דעם אומגעזעענעם כוח, האָט ער געפילט ווי ס׳רייסט אים אָפּ פון זיינע רייד... וואָס גרינגער דאָס קול אַלץ שווערער די הענט, די פיס, דער האַלדז און נאַקן, דאָס גאַנצע געלענק, אַ צוגעשמידטס צום האַרטן, קאַלטן געלעגער. אויך דאָס בעטל, דאָס קישן אונטערן קאָפּ ווערט שווערער, קערט זיך איבער מיט אים און פאַלט... ער פאַלט און זיינע ווערטער, ווי פלאַטערנדיקע טויבן איבער אים, זיי ווערן ווייטער, העכער, העכער, פאַרשווינדן פון די אויגן, נאָר דער שאָרך פון זייערע פליגל דערטראָגט זיך צו אים... ער הערט... ער הערט זיין אייגן קול:

— מאיר... די טונקלעניש, די שווייגנדיקע רו פון דער נאַכט, העלפט איבערשפּאַנען די גרענעץ אָן ווייטיקן. פאַרטאָג איז ערגער. דער פאַרטאָג דערמאָנט אין געבורט. קינדער פאַלן אויף דער וועלט מערסטנס אין די באַגינען־שעהן. זייער ערשט, בלינד געוויין אויפן דעק פון לעבן — צענעמט. געווינעריגס קומען אויף, אויסגעלייזט פון יסורים, שמייכלען צום ניי־געבוירענעם... דער טאָג דערמאָנט; ערגעץ ווו הייבט זיך אויף אַ מענטש פון בעט, קוקט אַרויס פון פענצטער... די לאַסט פון טאָג, דער עול פון לעבן מאַכט אַזאַ גוואַלדיקן חשק... עס ווילט זיך נישט אַוועקגיין אין מיטן דערינען... אַ שאָד, אַ שאָד, חבר מאיר... די וועלט ברענט. וואָס וועט זיין איר סוף? איך בין שוואַך. אוי, איך וואַרט אויף דער נאַכט... נעם אַראָפּ פון מיר די אויגן...

— סרוליק, פאַרוואָס רעדסטו אַזוי צו מיר? באַרויק זיך, שלאָף איין, ס׳איז שפּעט.

— דיינע אויגן, דיינע אויגן... דיין גוטסקייט גיסט זיך אין מיר אַריין ווי קאָכעדיקער בוימל אין געפעסן. אוי...

זיינע ליפּן האָבן זיך אויפגעהערט צו באַוועגן. מאיר האָט געזען ווי

די ברוסט הייבט זיך אַרויף און אַראָפּ. איינגעשלאָפן — האָט ער זיך געטראַכט.

— גיב אָפּ אַ גרוס דיין מאַמען, דאַנק איר פאַר די שיסעלעך גריץ, פאַר די טעפּלעך טיי. איי, איי, דער בויך, ס'יאָגט. וווהין יאָגט עס מיך אַזוי?... מאיר, נעם צו די אויגן, ס'איז דאָך נישט מיין פּנים... פאַרוואָס וויל גאָט, אַז אַ מענטש זאָל שטאַרבן מיט נישט קיין אייגן פּנים?...

סרוליק האָט נישט געוווּסט, אַז ער רעדט שוין נישט. די לעצטע זאָגעכצן זענען בלויז געווען אָנונגען; עפּעס אַזעלכעס, וואָס ר'האָט געוואָלט זאָגן, געוואָלט און נישט געהאַט גענוג כּוח דאָס אַרויסצוברענגען.

די דינע קאָלדרע אויף סרוליקס גוף האָט זיך געגריבלט, געבערגלט, אויסבולטנדיק זיינע קנאַכל, קני און בויך־ריפּן, ביזן האַלדז אַרויף. ער האָט אין מאירס אויגן אויסגעזען ווי אַ זעקל ביינער.

איינגעשלאָפן — האָט מאיר זיך געטראַכט. ר'האָט זיך אויפגעהויבן און אַוועקגעגאַנגען.

אַז מאיר איז צו מאָרגנס געקומען אין שפּיטאָל אַריין, איז דער „זאַק" ביינער שוין געווען אַרויסגעטראָגן. אויפן בעטל איז געלעגן עמעץ אַנדערש. סרוליקס עסן — עטלעכע סוכאַרעס, אַ טעפּל טיי, אַ שטענגל וויינטרויבן, וואָס מאיר האָט נעכטן געזען ליגן אויפן טישל, איז געבליבן אומגערירט. איינער פון די קראַנקע, וואָס איז געלעגן „בעטל ביי בעטל", האָט מאירן דערציילט ווי אַזוי ס'איז געשען. אַ גערירטער, איבערגעגעבן די לעצטע ווערטער פון שטאַרבנדיקן:

— ברונעם, ברונעם — האָט ער געשריגן — נעמט פון מיר אַראָפּ דעם זאַק פון די פּלייצעס... אוי, עס דריקט, ער טרייבט מיך אין תּהום אַריין... אַליין געגראָבן פאַר זיך אַ קבר... אוואַ, אוואַ, אַזוי טיף... אוואַ, איך פאַל... וואַסער, העי, וואַסער, וואַדאַ...

מ'האָט אים דערלאַנגט אַ ביסל וואַסער. ווי צוואַנגען האָבן די טויטלעך־קאַלטע הענט זיך אַרומגעקלאַמערט אַרום די הענט פון דעם דער־לאַנגער. דאָס קווערטל וואַסער האָט זיך אויסגעגאָסן. דעם גוססדיקנס דאַרע פינגער האָבן זיך מיט אַ מאָל אויפגעעפנט...

ז אַ מ ד

— אַזוי שטאַרבן מענטשן, מיט אָפֿענע הענט... — האָט דער פֿרעמדער קראַנקער פֿאַרענדיקט דאָס דערציילן. — מען גייט אַוועק מיט ליידיקן...

*

צו יענער צייט האָט מאיר, דורך אַ צופֿאַל, זיך באַקענט מיט אַ משפּחה גאַנטשאַנסקי, אַ מאַמע מיט אַ טאָכטער. געוווינט האָבן זיי אין אַ קליין איינצימערדיק הייזקעלע, אַרומגערינגלט מיט אַ ליים־פּלויט. דער פּלויט וויקלט זיך אַרום שטיבל קרום און שלענגלדיק, מיט טיפֿע שפּאַלטן און לעכער פֿון אַרויסגעפֿאַלענע שטיינבלאָקן. אַריין און אַרויס איז מען געגאַנגען דורך אַן אָפּריס, די הייך פֿון אַ מענטש, איבער אַ קופּע צעקריי־שלטע ציגל. הינט, מיט פֿאַרדאַרטע פּריידיקעס און אַרויסשטאַרטשענדיקע ריפּן, האָבן זיך דאָרטן געדרייט; געגעסן מענטשן־צואה און מייז. בייטאָג ליגן זיי מיט איינגעפֿאַלענע בייכער, ווי פּגרים אויף דער זון. ביינאַכט בילן זיי לאַנג און צעצויגן, יאָמערן ווי שאַקאַלן. אויך זייער אויסזען דערמאָנט אין אַ מישלינג: הונט־שאַקאַל. קעץ שפּילן זיך מיט פֿאַרטריקנטע פּעלכעלעך פֿון נישט דערעסענע עכברים. סקאָרפּיאָנען מיט פֿאַרהויבענע קעפּלעך און עלאַסטישע עקן קלעטערן מיט ווייכן דראַפּ און געשיקטקייט אויף אַשיק־גראָע ליים־ווענט. מיט צעשראָקענעם בליק אין די אַרבעס־אייגעלעך און ציטער אין די לאַפּקעס אַנטרינען זיי אין די שפּאַלטן ביי יעדן אַניאָג פֿון מענטשלעכן שאָטן.

דאָס הייפּל שטייט קווער צו אַ געסל, וואָס פֿירט קאָרידאָרמעסיק צום באַזאַר. פֿאַרנאַכט, אַהיימגייענדיק פֿון באַזאַר איז עס געשען. אַ זאַמדווינט האָט פּלוצעם, ווי דער שטייגער אין דער געגנט, פֿון ערגעץ זיך אָנגעטראָגן. וויכערדיק אַ דריי געטאָן די לופֿט און פֿאַרהויבן שטויבזיילן ביז איבער די קעפּ און דעכער. מיטגעדרייט, אומגעוואָרפֿן און צעקאָלערט אַלץ, וואָס האָט זיך נאָר געלאָזט: ערדענע טעפּ, קרוגן, שמאַטעס, צעהאָנגענע אויף אַרעמס און הענט פֿון הענדלער. גליאיקער זאַמד, ווי בייסיקע ריטעלעך, האָט געשמיסן אין פּנים, אין די אויגן, געקראָכן אין האַלדז אַריין. ס׳האָט געשטיקט אין די גרגרת, געטרוקנט אין די נאָזלעכער, געקריצט אין די

ציין. דאָס זאַמד האָט געקלעפּט צום לייב, אַ שווייסיק, צעפּאַרעט פון היציקן טאָג. אין געציילטע מינוטן איז דער באַזאַר אויסגעקערט געוואָרן פון אַ לעבעדיקן נפש.

מאיר האָט געאיילט מיט אַ האַלב ברייטל, פאַרוויקלט אין אַ האַנטעך. ר'האָט עס נאָר וואָס אויסגעטוישט פאַר אַ צוויי־קילאָדיק זעקעלע ווייץ. מיטן פּעקעלע אונטערן אָרעם, פאַרנורעט קאָפּ אין קופּייקע, איז ער געלאָפן נישט אויפהייבנדיק די אויגן. וואָלט ער זיי יאָ אויפגעהויבן, איז סיי ווי אוממעגלעך געווען עפּעס צו זען. די גראָ־געלע וואָלקנס האָבן, ווי שטויביקע זעק, פאַרשטעלט דעם גאַנצן הימל. פון אונטער דער געדיכטער נעפּלדיקייט האָט די זון אַרויסגעקוקט, ווי אַ רונד צעגאָסן שטיק וואַקס. די לופט איז פול געווען מיט הייסן אָנטראָג, וואָס מאַכט בלינד, שטעכט אין די אויגן. לויפנדיק האָט מאיר נישט באַמערקט ווי ער פאַרקערעוועט פונקט אין אַ פאַרקערטער ריכטונג. אָנשטאָט צום טויער, אַהיים, איז ער אַריין אין אַ שמאָל געסעלע, וואָס פירט צו אַ מויער. אַן אויפגעבראָכן שטיק וואַנט, אַ בערגעלע מיסט. ער גיט אַ שפּרייז און שוין איז ער אינעווייניק. אַ טירל, אַ קייטעלע פאַלט. ער איז אַריין אין אַ שטוב.

דער אויסזען פון די צוויי פרעמדע מענטשן, דערצו פרויען, האָבן אים אין ערשטן אויגנבליק צעטומלט. גיך איז ער אָבער געקומען צו זיך, טאָקע צוליב די אומבאַקאַנטע צוויי פרויען. דערפילט אונטער זיך אַ בענקל און זיך אַוועקגעזעצט, אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און גלייך באַקומען לשון:

— בין איך, הייסט עס, צווישן אייגענע.

— יאָ, אויך אונדז פרייט צו זען אַן אונדזעריקן.

— שוין ווידער אַ זאַוויערוכע — האָט די אַלטע זיך געווענדט צו דער יונגער.

— זעסט דאָך, מאַמע, פליגן שפּרינגען אויף די שייבלעך. אַ פאַרנע־קייט, ווי פאַר אַ רעגן.

— אַהאַ, רעגן. האָסט פאַרגעסן, טאָכטער, ווו דו ביסט.

וואָס זשע זיצט איר אַזוי ? — האָט זי זיך געווענדט צום אַריינגעקומענעם, —

ר׳קענט אַראָפּוואַרפן פון זיך די קורטקע, דעם שטויב אָפּשאָקלען, ס׳וועט אַוודאי באַלד אויפהערן.

געזעגנט האָט די מאַמע. די טאַטע שווייגט. מאיר האָט אין איר שווייגן געזען אַ הסכמה צו דער מאַמעס רייד.

— אַראָפּוואַרפן פון זיך די קורטקע? צוזיצן?

דער טאַטעס פּנים האָט אַפילו אויסגעדריקט צופרידנקייט ביי די דאָזיקע ווערטער. און אפשר האָט זיך אים בלויז אַזוי אויסגעוויזן. וואָרעם מאיר האָט געשפּירט אויף זיך אירע גרויסע גרויע אויגן. זיי האָבן, דוכט זיך, געקוקט אויף אים אַ ביסל אַנדערש, ווי מען קוקט געוויינלעך אויף אַ פרעמדן.

מאיר געהערט נישט צום סאָרט מענער פון „ערשטן איינדרוק". אָבער זיין אומרויק אַרומכאַפּנדיקער בליק, דאָס קערנדיקע פּנים און די לעבע-דיקע גרימאַסן בעתן רעדן, האָבן יאָ אין זיך עפּעס אומגעוויינלעכס, אומ-דערקלערבאַרס, צוציענדיקס. ער באַזיצט אויך דאָס, וואָס איז בכוח צו וועקן נייגער, אינטערעס ביי מיידלעך אין דעם עלטער, וואָס קלייבן זיך נאָך נישט פונאַנדער אין די וועזנטלעכע איינצלהייטן פון אַנדערן מין. גענוג בלויז דער באַגריף „מאַן" אין דעם אויספּיקנדיקן באַוווסטזיין פון דער ווערנדיקער פרוי און בליץ-שנעל פאַלט דאָס דיבינקע מאַנטעלע פון נאַטירלעכער צניעות, דאָס ביסל צוריקגעהאַלטנקייט, אויסגעכאַוועט אין שעהן, ווען ס׳פעלט די ליבע. אין דער אָפּגעפרעמדקייט פון אַן אייגן פּנים און היימיש לשון איז אויפריכטיק געווען די פרייד מיט זיין אַריינקום. די תשוקה אין דער טאַטעס אויגן האָבן צו מאירן געערדט מיט אַ באַזונ-דערער שפּראַך. זיין אומגעריכט דערשיינען האָט קענטיק געצונדן גלויבן, האָפענונג אין די איינזאַמע נשמות פון מאַמע און טאַטער. די געסט-געבער האָבן אים געשיינט צו זיין סיי איבערגעטריבן אַריסטאָקראַטיש, סיי העפלעך-אינטים. אַ ביסל צו פיל אינטים אויף אַן ערשטער צופעליקער באַגעגעניש.

ער האָט ווידער דערפילט אַ מישונג אין קאָפּ, ווי בעתן אַריינקומען.

אַ קלאַנגען־כוואַליע האָט פאַרשטראָמט זיינע חושים, צעטומלט. ער האָט געענטפערט מיט אַ הייזעריק קול און באַהערשטן פרייד־געפּיל.

— אַ דאַנק. כ׳וועל אונטערזיצן, אָפּרוען אַ פּאָר מינוט; אין דער היים וואַרט מען אויפן ברויט, טאַטע־מאַמע זענען אוודאי הונגעריק.

— טאַטע, מאַמע? — דאָ אין טורקעסטאַן? — האָבן ביידע מיט פאַר־וווּנדערונג אין קול געפרעגט.

— יאָ, אויך ברידער. אויך אַ... — און מאיר האָט געוואָלט אַרויסזאָגן דער שוועסטערס נאָמען און זיך צוריקגעכאַפּט. פרעמדע, אומבאַקאַנטע, און די בליקן פון דער יונגער... עפּעס לייגט זיך נישט אויף דער צונג אַצינד די מעשה מיט זיין אומגליקלעכער שוועסטער. ער האָט אָנגעהויבן פון „זייער הויף", די גוטע אָפּאַ — די באַלעבאָסטע, און ווידער וועגן טאַטע־מאַמע, וואָס קלערן אַוודאי איבער. אַוועק אין דער פרי אויפן באַזאַר, היינטיקע צייטן, אַבלאַוועס... אָבער וואָס עפּעס קוקן זיי אויף אים מיט אַזאַ פאַרדאַכט, מעסטן זיין יעדן קער און ווענד? וואָס האָבן זיך עפּעס מיט אַ מאָל פאַרענדערט ביידנס פּנימער? די יונגע, מיטן צעפליגלטן נעזל, האָט אַזש אַ שפּרונג געטאָן פון אָרט ביים הערן אָט די אָפּגעריסענע ווערטער. זי איז שטיין געבליבן, גלייך געמאַכט זיך דעם „גרעק", וואָס האָט פון אויפשפּרונג אַרויסגעלאָזט צוויי האָר־שפּילקעס, און אַ געשריי געטאָן:

— מאַמעשי, כ׳וואָלט געשווירן, דאָס איז זייער זון. איז דיר נישט קענטלעך דאָס פּנים?

די מאַמע האָט געשוויגן.

— דערמאָנסט זיך דעם פאַל מיט דער אומגליקלעכער?

— אוי, אַ געזונט אויף דיר, טאָכטער — איז די מאַמע ווי צו זיך געקומען — אויך מיר איז דאָס איינגעפאַלן, קוקנדיק אויף דעם גאַסט. געטראָפן אים בעת מיר זענען אַרויסגעגאַנגען פון הייפל נאָכן איבערלאָזן דאָס פּעקעלע שמאַטעס. זי האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט און צוגעגעבן: — געדענקסטו ווי די מוטער האָט אין פאַרלוירנקייט גערעדט צו זיך אַליין: „זיבן זין געזוכט און די איינציקע טאָכטער פאַרלוירן".

— וואָס זאָגט איר ? דערציילט, דערציילט, ווי אַזוי איז דאָס געשען — איז מאיר שיער נישט אַרויס פון די כלים.

— יאָ. אַזוי.

ביידע האָבן אָפּגעזיפצט און אַנטשוויגן געוואָרן.

— אַזאַ צופאַל, אַזאַ צופאַל. זענט איר דאָס געווען די וואָס האָבן אין שטוב אַריינגעבראַכט די זאַכן ?...

— יאָ, צופאַל. „די צופאַלן גייען אום צווישן מענטשן", זאָגט אַ פּויליש שפּריכוואָרט. און אייער קומען אַהער, וואָס איז ? נישט צופאַל ?

— הם... קומט אייך, הייסט עס, אַ דאַנק.

— נישטאָ פאַר וואָס.

— נישטאָ פאַר וואָס — האָט מאיר איבערגעחזרט, פאַרטראַכט זיך און באַלד צוגעגעבן :

— מ'זאָגט זי האָט געבעטן וואַסער, אַ דאָקטאָר, מיין שוועסטער, אמת ?

— יעדער טויט האָט זיין אויסרייד.

— אָבער אַ טויט צו אַ טויט איז נישט גלייך. אַזוי יונג...

— אויך עלטערע מענטשן שטאַרבן ווי קינדער.

— וואָס מיינט איר דערמיט ?

— כ'מיין פּריצייטיק. יעדער טויט, מיין הער, איז פּריצייטיק. צופאַל זאָגט איר ? אין מלחמה זענען דאָס נאָרמאַלע דערשיינונגען.

— קענט איר, אויב אַזוי, מיינע עלטערן ?

— יאָ. איין מאָל האָב איך נאָך דעם געטראָפן אייער פאָטער. ר'האָט זיך געדרייט אויפן באַזאַר. איין מאָל, נישט מער. איך בין נישט צוגע־גאַנגען צו אים.

— גוט, גוט האָט איר געטאָן. בעסער אַזוי...

יענעם אָוונט איז מאיר פאַרבליבן ביז שפּעט. ווי דער שטייגער אין אַזעלכע פאַלן האָט מען די גאַנצע צייט גערעדט וועגן צופאַלן, מלחמה, הונגער, פאַרוואָגלטקייט. גערעדט האָבן נאָר מאיר און די מאַמע. עטלעכע מאָל האָט זי דערמאָנט איר טאָכטער, אָנגערופן איר ביים נאָמען „בראָנקע".

בראָנקע האָט אָבער געשוויגן. ערשט צום סוף, ווען מאיר האָט זיך אויפ־געשטעלט גיין, האָט זי געזאָגט:

— געננוג, מאַמע, גערעדט וועגן טויטע.

נאָך דעם האָט זי שטיל עפּעס געפרעגט דער מאַמען אויפן אויער. די מאַמע האָט צוגעשאָקלט אויף „יאָ", זאָגנדיק:

— פאַרוואָס נישט? גיי באַגלייט אַרויס דעם הער.

— ס'איז אַזוי פינצטער דאָ. ווער ס'ווייסט נישט קאָן פאַלן איבער די שטיינער — האָט בראָנקע צוגעגעבן און אַרויס די ערשטע. מאיר האָט באַדאַנקט און נאָכגעגאַנגען.

— אַ גוטע נאַכט.

— אַ גוטע נאַכט. זייט נישט קיין גאַסט.

מאיר איז נישט געווען קיין גאַסט. בראָנקעס ווייכער און וואַרעמער האַנט־דרוק, אַ האַנט־דרוק פון צוויי וואָס טראָגט אין זיך אַן אַלטן, אייביק יונגן סוד האָט באַקרעפטיקט דער מאַמעס בקשה.

בעתן געזעגענען זיך האָט לעבן זיי פאַרבייגעשליכט אַ מענטשן־געשטאַלט, שמאָל און הויך. פלינק איז ער אַריין דורכן וואַנט־אָפּריס אין שטוב פון וואַנען זיי זענען נאָר וואָס אַרויס. ר'האָט געלאָזט נאָך זיך אַ לאַנגן שאָטן און, דאַכט זיך, אויך אַ מורמל אויף פויליש: „דאָברי וויעטשור", אַ גוט אָוונט.

— אַ גוט אָוונט, טאַדוש, וואָס עפּעס אַזוי שפּעט? — האָט בראָנקע אים באַגריסט. קיין ענטפער איז נישט געקומען.

דער פרעמדער נאָמען, די ווענדונג אויף וועלכער יענער האָט נישט ענטפערנדיק זיך געלאָזט גלייך אין שטוב אַריין, האָט אין מאירן געוועקט אי נייגער, אי פאַרדרוס. די דאָזיקע מחשבה האָט אים אָבער אויסגעזען נאַריש און לעכערלעך אין די אייגענע אויגן. ער האָט תיכף, מיט געמאַכ־טער, דרייסטער זיכערקייט אַ פרעג געטאָן:

— זענט איר מאָרגן אין שטוב?

זי האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ.

בעתן אַהיימגיין האָט מאיר ווידער געזען פאַר זיך דעם סילועט פון איר

דין געשטאַלט, דאָס בלייכע פּנים, די גרויע אויגן, וואָס האָבן אין דער נאַכט־טונקלקייט געגלאַנצט קעציש־אכזריותדיק. איר ווייך און וואַרעם הענטל, וואָס זי האָט בעתן געזעגענען זיך געלאָזט אין זיינער אַ ביסל לענגער ווי מען באַדאַרף, האָט פאַריאָגט יעדן ספק...

*

דאָס גרוי־אויגיק מיידל האָט פאַר מאירן אַ נייע ווירקלעכקייט באַשאַפן, מיט אינהאַלט אויסגעפּילט זיינע טעג און נעכט. אַ ניי און באַרוישנ־דיק געפיל איז אין אים אויפגעגאַנגען. אַ געפיל צו וועלכן ער האָט ביז אַצינד זיך נישט צוגעהערט, און אַפשר בכיוון עס פאַרטויבט — ליבע.

פאַר דער מלחמה, אַלס ייִנגל, אויף דער שוועל פון בחורשאַפט, האָט ער אויך פאַרקערט צווישן מיידלעך. פייערדיקע יאַטעכעס מיט שפּיציקע בוזימלעך, ווי שפּראָצנדיקע הערנערלעך; בעקעלעך, ליפּן, ווי צערויטלטע עפּל; אַ טויאיקע מראה אויף זיי, נאָר אַ זויש און אַ ביס טאָן. עד, סאָראַ דרייסטע, אָפנהאַרציקע, מיט לייכטקייט פון צעפּרילינגטע ביימלעך, וואָס שיילן אויס פון זיך אַ נייע קאָרע, האָבן זיי געוואָרפן די „אַלטע באַגריפן", „בירגערלעכע פאָראורטיילן". גערעדט פון „פרייער ליבע" מיט פינקל אין די אויגן און ציטער אין די פינגער. זיי האָבן צו אים ווערטער־בריקן פאַרוואָרפן. ער האָט זיי באַגערט. נאָך שטאַרקער פון באַגער איז געווען זיין ווילן, וואָס האָט זיך געבונטעוועט: האַ? אויך דו, דער אַוואַנגאַרד פון אַרבעטער־קלאַס?... מאיר אברהם שרה'ס וועט זיך פאַרקוקן אויף די בירגערלעכע עלעמענטן? און מאיר האָט געפרעגט ביי זיך אַליין און אַליין זיך געענטפערט:

— עס איז אַ פאַראַט לגבי דער רעוואָלוציע. אַ זינד... אַפריער דאַרף מען באַזאָרגן אַלע אָרעמע און אונטערדריקטע מיט ברויט, מיט ליבע, מיט וווילטאָג; נאָך דעם, יאָ, נאָך דעם וועט ער מעגן...

מאיר האָט אין זיין דעמאָלטיקער אידעען־וועלט, גאַנץ און פאַר־שלאָסן, ווי אַ קרייז פון אַ זייגער, נישט געהאַט געגנוג צייט דערויף, נישט געגנוג פּלאַץ. עס האָט אים אויך אויסגעוויזן צווייטראַנגיק, ווי אַ זאַך

וואָס וועט אים נישט אַנטלויפן... דאַקעגן האָט ער דאָס געוואָלטע, סובלי־מירטע, וואָס איז פון זיין פריסטער יוגנט אַריינגעדרונגען אין אים ווי אַ צווייטע נאַטור, דערהויבן צו דער מדרגה פון „ערשטן״, נאַטירלעכן. דערפאַר האָט עס פון אים אַצינד געשריגן דורך אַלע רוינעס פון זיין חרוב געוואָרענער וועלט...

בראָנקע האָט דאָס דערשפּירט באַלד אין אָנהייב פון זייערע באַגעגע־נישן. דערשפּירט מיט שרעקיק־זיסן, אומבאַגרייפלעכן, נייעם געפיל, וואָס האָט שטאַרקער געמאַכט דאָס קלאַפּן פון איר האַרץ, אָט די גלוסטונג מאַכט די יונגע מיידלעך פאַר דרייסטע ברואים. בראָנקע האָט פאַרשטאַנען ווי אַזוי אונטערטראָגן מאירס גייסטיקן עלנט די נאַטירלעכע טרייסט — זיך אַליין.

נישט אָן כוונה האָט זי מאירן, אויף פאַרשידענע אופנים, צו וויסן געגעבן ווער און וואָס זי איז: שטאַמט פון אַ פאַרמעגלעכער, אַסימילירטער פאַמיליע. פרעמד און וייט פאַר זיי געווען דער באַגריף: הונגער. רייכטום — אַ ירושה זאַך, ס׳איז אויך אָפּהענגיק אין פערזענלעכע פעיקייטן, גורל. איר פאָטער — אַ שותף צו אַ גרויסער אַקציע־געזעלשאַפט פון פישפאַנג־נעצן מיט אַגענטורן אין לעמבערג, דאַנציג, פּויזן און אין אויסלאַנד. איין מאָל אין יאָר האָט פאַן גאַנטשאַנסקי, בראָנקעס פּאַפּאַ זיך געטראָפן מיט יידישע יידן; קאַפּאָטעס, טליתים, בערד און יאַרמעלקעס. דאָס איז געווען אום יום־כפור.

געוווינט האָבן זיי אין אַ זעקסצימערדיקער וווינונג אויף „קראַקעווער פאַרשטאָט״, פון די שענסטע גאַסן אין וואַרשע. בראָנקע מיט איר עלטע־רער שוועסטער, פּאַולאַ, האָבן געהאַט באַזונדערע שלאָפצימערן, באַזונדערע ביורקעס לעקציעס צו מאַכן, קליידער־שענק, פּליושענע טאַפּטשאַנעס. נאָר איין זאַך האָבן זיי געהאַט בשותפות — אַ פּיאַנאָ אין דעם סאַלאָן. די סאַלאָן־פּאָדלאָגע איז נישט געווען געפאַרבט אויף רויט־ברוינעם נוס־קאָליר, ווי די פּאָדלאָגעס אין אַלע חדרים. זי איז געמאַכט געווען פון דעמבענע פּאַסאַדזקע־קלעצלעך, סימעטריש איינגעפּאַסט אין רוימישע פינפן. יעדעס יאָר האָט מען זיי געהובלט, געשניצט און פּאָלירט מיט וואַקס. די פאַרב

גיט צו אַ באַזונדערן טונקעלן גלאַנץ און אַ פרישקייט פון געדעמפטן בוימל.ביידע מיידלעך האָבן זיך געהאָדעוועט ביי דערציערינס. דינסטן זענען גאַנצע טעג נאָכגעלאָפן מיט פולע הענט עסנוואַרג נאָך די קינדער און ליבלעך זיך געבייזערט: „פּאַלקני מאַמע־לעבן״, שלינג אַראָפּ, מאַמע־לעבן.

בעתן אַנטלויפן, ניינצן ניין און דרייסיק, האָט פּאַולאַ זיך פאַרלוירן אין וועג. דער פאָטער איז געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַטאַק. מיט אַ שקאַטולקע צירונג און גאָלד האָבן מאַמע און טאָכטער זיך געלאָזט צוזאַמען מיטן מענטשן־שטראָם. מען איז אַנטלאָפן פון דייטש. זייער ווייטערדיקער וועג — דער וועג פון אַלע „ביעזשענצעס״, וועמענס גרויל קיינער האָט נאָך דערמאָלט נישט פאַרויסגעזען.

דער יחוס איז געווען אויסגעגאָסן אויף בראַנקעס אײדעלן, בלאַסן פּנים, אויפן שטאָלצן קוק פון אירע וויאָלעטע אויגן. מען האָט עס געקאָנט אַראָפּלייענען פון איר עטוואָס פלעגמאַטישן, אָבער באַזאַכטן קער און ווענד. זי האָט אויך געוווּסט ווי אַזוי „די הויכקייט״ צו דערהאַלטן. זי איז אַצינד געווען אין דעם עלטער, וואָס סיי דאָס פּנים, סיי די האַלטונג דעמאָנסטרירן מיט באַזונדערער אויסדריקלעכקייט אייגענע שיינקייט. אַ שיינקייט אָנערקענט פון זעלבסטבאַוווּסטזיין פון אַ רייף־ווערנדיקער פרוי. כאָטש די איצטיקע לאַגע, די בייזע גורלדיקע האַנט, האָט דאָס געוואָלט פאַרווישן, פאַרטונקלען, ווי אַ שויב אַ שפּיגלענדיקע געשטאַלט, האָט איר גאַנץ וועזן קעגן דעם זיך געווערט.

דאָס דאָזיקע האָט גראָד צוגעגעבן חן. איר פאַרריסנקייט און תמימות — דער פּלוס־מינוס־שטראָם — האָט מאירן עלעקטריזירט. פּונקט ווי ערב יעדער פאַרליבטער דערנענטערונג, אַזוי אויך שפּעטער, איז די דאָזיקע קראַפט, דער אַראָמאַט פון איר לייב אים נאָכגעגאַנגען. די גלוסטונג צו איר האָט זיס געצויגן די שעהן פון תענוג און פאַרברענגען; קורץ און צו נישט געמאַכט די צייט, די טעג פון שווערער אַרבעט. די גרויסע בענקשאַפט צו גענוס האָט יעדן „נאָך דעם״ פאַרוואַנדלט אין אַ „פאַר דעם״, אין אַ נייעם שטראָם באַגערן פון דערנענטערונג.

מאיר האָט געהערט צו די וואַרעמע נאַטורן. זיין כאַראַקטער — אַ דינער ספּיראַל־געוועב, וואָס פירט איבער היץ און קעלט ביי לייכטסטן לופט־דרוק. אַ קרעכץ פון דער מאַמען, די דערמאָנונג וועגן דער שוועס־טער, סרוליקן, אַ שלעכטע פּראָגנאָז־ידיעה, אַן עשעלאָן פאַרוווּנדעטע, וואָס ר׳האָט צופעליק באַמערקט אויף דער סטאַציע, האָבן מיט פיינלעכער אוממיטלבאַרקייט זיך אויסגעווירקט אין שטימונגען. אָפט דערפירט צו צווייפל און זעלבסט־מוסר.

— די וועלט גייט אָפּ אין בלוט, מלחמה־אַנגסט, אַ קאָך־קעסל איז דאָס לעבן, און דו שוימסט אָפּ פאַר זיך אַ ביסעלע גליק... געפונען אַ צייט. די שטוב ברענט און דער זייגער גייט...

— ניין, נישט אַזוי — האָט ער „געלייענט דאָס בריוול אויף צוריק״ — איך האָב קיין שום אמת נישט אָפּגעשטויסן פון זיך. אדרבא: כ׳קלאַמער זיך אין אים, ווי איינער מיט אויפגעריסענע אויגן פון שלאָף — אין מיטן פון אַ גוטן חלום... זאָל איך אַצינד באַרויבן זיך פון ביסל פאַרגעניגן צוליב וועלכן אמת?

די דאָזיקע שמועסן מיט זיך, אַזוי ווי זיי זענען געקומען, אַזוי זענען זיי אַוועק. דער ווייטיק איז געבליבן. דער ווייטיק, ווי נאָך אַ געליבטער, וואָס האָט פאַרראַטן. ביידע, סיי דער פאַרראַט, סיי די „פאַררעטערין״, זענען אין אים טיף און שטאַרק, ווייל זיי זענען ערלעך.

קאַפּיטל פינף

ליבשאַפט

טעג פון שווערער אַרבעט, מידע, שלאָפלאָזע נעכט האָבן אויסגעפּילט מאירס לעבן. די אָפטע באַגעגענישן מיט בראָנקען, דאָס נייע, אָנוואַקסנדיקע געפיל, — האָט אָבער גיך צעטריבן סיי די מידקייט, סיי די אומקלאָר־קייטן, ספיקות. גרינג איז אים געוואָרן דער גאַנג איבער די ברעטער־טרעפּן אין די תבואה־שפּייכלערס, פון די שפּייכלערס — אויף די וועגע־נער. אויך די שרעק אַרויסצוטראָגן אַ זעקעלע ווייץ אָדער „אָנשיטן זיך" — איז אָפּגעטראָטן. מאיר האָט נישט איין מאָל זיך אַליין באַוווּנדערט: פון וואַנען אַזאַ איינשטעלערישקייט, אַזאַ דערפינדערישקייט ביי דער מלאכה? — אָנשטאָט זעקלעך אָדער „אַרבל", פלעגט ער אַהיימשלעפּן האַלבע און גאַנצע זעק ווייץ. דאָס איז געמאַכט געוואָרן בשותפות מיט כאַסאַנס וועכטער, נישט אָן דעם וויסן פון באַלעבאָס.

— פולע זעק — האָבן די וועכטער געטענהט — חוץ וואָס עס לוינט זיך, איז עס אויך אַ סך זיכערער. דאָס פעלן פון אַ זאַק תבואה באַמערקט מען נישט, בעת „אַרבל" לאָזן נאָך זיך רעשטלעך. אַט די איבערבליי־בעכצן מסרן אָפּ... היינט דאָס שלעפּן ביסלעכווייז — פאַרטאָפּלט די סכנה און דעם פאַרדאַכט.

— אַנומלט — דערציילט פּאָפּ — איז ער אַרויס מיט אַ זעקעלע. אין דעם קומט אים אַנטקעגן דער הויפּט־וועכטער. פּאָפּ פאַרגיכערט דעם שפּאַן. יענער פוילט זיך אָבער נישט און אויגנבליקלעך פאַרהייבט ער דעם פוס און וויל מיטן שפּיץ שטיוול דערטאַפּן דאָס שווער־באַמבלדיקע אין זיין האַנט. פּאָפּס טראָט, בכיוונדיק זיכערער און שנעלער, מאַכט דאָס זעקעלע אין האַנט גרינגער און העכער; העכער מיט אַ פּאַסיקל לופט פון יענעמס אויפגעהויבענעם פוס... דאָס פלעפּט אַ ביסל דעם וועכטער. דערצו

קומט אַלץ פאַר אין געציילטע סעקונדן, ווען ביידע גייען אין פאַרקערטע ריכטונגען. עס געשעט אַזוי שנעל, אַז דעם אויסדאַכטעניש סטייעט נישט קיין צייט צו באַשליסן: צי לוינט פאַר אַזאַ קלייניקייט פאַרהאַלטן פאָפּן?

אַלץ איז אַדורך בשלום. אָבער אַ וואָרענונג איז עס דאָך. תיכף זענען צו טאַמאַראַן דערגאַנגען די ידיעות. זי איז אויך געווען ביי דער מיינונג, אַז פולע זעק איז בעסער, זיכערער...

אין שעהן פון ערב טאָג — שטיל אין הייפל, אברהם און שרה שלאָפן — זענען אויף אייזעלעך אָנגעריטן די אָפנעמער, מערסטנס עלטערע באַבאַיען. זיי קומען אין באַגלייטונג פון ווייבער, וואָס גייען ביי דער זייט פון רייטנדיקן. מאיר וואַרט זיי אָפּ דרויסנדיק פון שטוב, לעבן אים די סחורה. מיט איין פוס־הייב זענען די רייטער אויף דער ערד. מיט שעפּ־טשענדיקע רייד, פאַרזיכטיקע, מיט געהעמטע באַוועגונגען פילן זיי אָן די עקסטראַ צוגעגרייטע טאָרבעס, פאַרוואָרפן אויפן אייזל־רוקן, וואָס גיט בעת־מעשה אַ דריגע פון שווערקייט. אַ מינוט, צוויי, דויערט דאָס איבער־שושקען זיך פון די שאָטנס, דאָס שטופּן די פּאַפּירענע פּעקלעך רובלס פון האַנט אין האַנט. ווי פאַרשטאַנדיקע ברואים הייבן אָן רירן די אייזעלעך, באַלאָדנטע מיט משא, טריטלען צו צום טויערל און בלייבן שטיין. ערשט ווען דער באַלעבאָס פאַרוואַרפט אַ פוס, און די לאַנגע סורדוטן דעקן צו די סחורה, נעמען זיי גיין. פון טאָפּלטער משא ווערן זייערע בייכלעך נידערי־קער צו דער ערד — אָט, אָט ברעכן זיי זיך איין. ס׳דאַכט זיך אָבער אַזוי. אַ שטאַרקע מיטן בייטש־שטעקעלע אין קאַרק, אָדער צווישן די אויערן און ס׳אייזל־קאָפּ גיט אַ פאַרציטערטן טרייסל, אַ דריי, ווי בעתן ווענלן אַראָפּיאָגן אַ בייזע פליג, און דינע פיסעלעך נעמען לויפן. אַ וווּנדער־לעך שטיל האָפּסלען מיט קאָפּיטקעס אין זאַמד, וואָס גייט איבער מיט יעדן ציפּ פון שטעקעלע אין אַ ריטמיש טענצלדיקן גאַנג.

מאיר שטייט עטלעכע מינוט ביים טירל, ביז די הוידענדיקע שאָטנס ווערן ווייטער, קלענער, נעלם, דאַן גייט ער אַריין אין שטוב. אין דרויסן שאַריעט. די שעה, צוויי, וואָס איז אים געבליבן ביזן גיין צו דער אַרבעט, איז צו ווייניק צו שלאָפן און צו פיל אויף־צו־זיין. אַן אָנגעטוענער האָט

ער זיך צוגעזעצט אויפן בעטל, איבערוואַרטן. אויך טאַטע־מאַמע האָבן נישט געקאָנט איינליגן אויף זייערע געלעגערס. זיך געראַנגלט מיטן שלאָף. די ערשטע האָט אָנגעהויבן די מאַמע:

— מאיר קרוין?

— וואָס שוין ווידער, מאַמע? זעסט דאָך, כמעט אַלע לעבן אַזוי, אַנישט קומט דאָך אויס צו שטאַרבן פון הונגער.

— און ברויט מיט גאַל? ווייניק צרות אויף מיין קאָפּ... תפיסה, פינצטערע קאַזעמאַטן פעלן מיר נאָך צו?

תפיסה, קאַזעמאַטן... די ווערטער האָבן מאירן אין עפּעס דערמאָנט. ער האָט געשוויגן.

— געדענקסט, נישט היינט געדאַכט, די בריוו פון טורמע — האָט שרה וויטער געצויגן.

— באַרעכן נאָר, באַרעכן, פאַר וואָס האָט ער דעמאָלט איינגעשטעלט זיין לעבן, און היינט פאַר וואָס? — האָט אברהם מיט ביטערן גרימצאָרן זיך געווענדט צום ווייב און געקוקט צום זון.

— פאַר ברויט — האָט מאיר אַריינגעוואָרפן און צוריק אַנטשוויגן געוואָרן.

„בריוו פון טורמע"... יאָ, ער געדענקט זיי גוט. די בריוו וואָס ער האָט געשריבן... ווינטער ניינצן דריי און דרייסיק. די גרעסטע פּרעסט וואָס פוילן געדענקט. דאָס ביסל וואַרעמע וואָסער, די „טיי", וואָס מען האָט געגעבן פאַרן שלאָפן, איז צוגענומען געוואָרן. אויך די שעניקעס און די קאָלדרעס געהייסן אָפּגעבן. דאָס זענען געווען די ערשטע טריט פון אַ קייט סאַנקציעס פאַר נישט וועלן אָנטאָן אַרעסטאַנטסקע קליידער. נאָכן ענדיקן מיט אַ געוויינעם הונגערשטרייק, האָט מען די קאָלדרעס „פאַר־געסן" צוריקצוגעבן. „מאַמע, ס'איז קאַלט אין צעל. שיק מיר וואַרעמע וועש" — האָט ער געשריבן. אויפן דריטן טאָג האָט ער דערהאַלטן אַ קליין פּעקעלע, דעם טאַטנס האַרצלייבל. אַרויפציענדיק אויף זיך דאָס גראָע האַרצלייבל, דערפילט ער עפּעס האַרטס, שטעכיקס ראַצט אים אין פּלייצע. ער טוט עס צוריק אויס דורכן קאָפּ און באַמערקט, אַז אויף דער לינקער

זייט איז צו דער באַרכאַטנער האַריקייט צוגעקלעפּט אַ שטיקל פאַרבאַקן טייג. אַ געררוך פון שווייסיק לייב, ראַשטשינע, אויסגעשייערטן אויוון, האָט אים אַ זעץ געטאָן אין נאָז. אין דער רגע האָט ער פאַר זיינע אויגן געהאַט דאָס סוטערינעלע: אין איין ווינקל די עטלעכע זעקלעך מעל, אין צווייטן — די דייזשעס. דער טאַטע פּרווט מיט אַ פינגער דעם אויפגייענדיקן טייג, גיט זיך בעת־מעשה מיטן טייג־פינגער אַ קראַץ אין דער נאַקעטער פּלייצע, אַ צעפּאַרעטע פון היץ און שוויס. ס'ברויט אויף די ברעטער איז גרייט אין אויוון אַריין; מען דאַרף עס אָפּמיסקעווען, די וואַסער־פּאַס איז אין דרויסן. דער טאַטע כאַפּט אַרויף אויף זיך דאָס האַרצלייבל און לויפט אַרויס מיט דער קוואַרט אין האַנט.

אין איין העמד, מיטן לייבל אין די הענט, איז ער דעמאָלט געשטאַנען אין דער איינצל־צעל און געברענט פון פאַרדרוס. די קעלט פון די אייזיק־גראָע קעסטלעך הימל, וואָס האָבן מיט פאַרגליווערטער עקשנות זיך געשניטן דורך די קראַטן, האָט ער נישט געפילט. אַ געררירטער פון ליב־שאַפט און בענקעניש האָט ער צום ערשטן מאָל נאָך פיר יאָר תפיסה זיך צעוויינט.

— און אַז מען וועט דיך, חלילה, כאַפּן — האָט די מאַמע איבערגע־ריסן מאירס פאַרטראַכטקייט — אַז טאַמאַרע וועט אַוועק פון איר אַלטן, געשטופלטן מאַן און אָפּמסרן? אָדער ווען זי וועט זיך אָנעסן מיט גאָלד, מיט די זייגערס, מיט די פינגערלעך, בריליאַנטן?

— אוי מאַמע, מאַמע, געגוג. שפּעט. כ'דאַרף באַלד גיין צו דער אַרבעט.

— אוי, די אַרבעט, האָסט כאָטש געהערט וואָס נעכטן איז געשען?

— ניין.

— די גאַנצע געגנט קלינגט און דו האָסט נישט קיין צייט צו הערן. נאָר: בראָנקע — אַרבעט, אַרבעט — בראָנקע.

— וואָס עפּעס אַזעלכע רייד?

— ווייל דו האָסט פאַרגעסן דעם עיקר... — ברומט ווידער אַרויס אברהם.

— דער עיקר איז לעבן, טאַטע, איבערהאַלטן די מלחמה.

— הם... לעבן... און דו שפּילסט זיך מיטן טויט.

— נו, דערציייל, דערצייל בעסער וואָס איז געשען.

— כאַסאַן האָט געשלאָגן אַ קליין ייִנגעלע, נישט ווייט פון הויף, מען זאָגט אַ טשעטשעניעץ. דו זעסט דאָך זיי, קריע־בליע דרייען זיי זיך אַרום, זוכן אַ קרישל עסן אין די הייפן, אויף מיסטפּלעצער, שמיעטניקעס, עסן ווילד־גראָז, פּאַפּיר, מאַקוך. אַזאַ רחמנות אויף זיי. כ׳זאָג דיר, ס׳רייסט דאָס האַרץ; אויסגעסאָכניעטע, לויזיקע, גייען אויס פאַר אַלעמענס אויגן.

— דאָס ווייס איך דאָך אַליין — האָט מאיר איבערגעריסן אומגעדולדיק — דערצייל וואָס איז געשען. ס׳איז שוין שפּעט, מען דאַרף באַלד גיין צו דער אַרבעט.

— מערדערלעך האָט ער אים געשלאָגן. געקאָפּעט מיט די פיס אין בייכל אַריין, געטראָטן מיט די שטיוול, ווי מען טרעט אַ שרץ. ווי האָט מען עס נישט קיין ברעקל רחמנות, ווילדע חיות. ווען נישט די פאַרבייגייער, וואָלט ער דאָס קינד געמיתט. און פאַרוואָס מיינסטו? געפונען ביי אים אַ ביסל פּראָסע, עטלעכע זשמעניעס פּראָסע. אפשר צונויפגעקליבן, אפשר סתם אויסגעשיט זיך פון אַ לעכערדיקן זאַק אויפן וועג. יוייניק גייט דאָ ניוועץ? געוואַלד! געוואַלד! אָן אַ גאָט אין האַרצן זענען זיי.

מאיר האָט דערויף גאָרנישט געענטפערט. דאָס איז פאַר אים קיין נייעס נישט. נישט דאָס ערשטע מאָל טרעפן אַזעלכע פאַלן פון צאָרן־אויסברוכן איבער אומשולדיקע, מאַכטלאָזע, הונגעריקע. ווילדע נכפּה צינדט אָן זייערע אָדערן; אַ קינד, אַ פרוי, אַלט, יונג, נישט קיין נפקא מינה. דאָס איז ביי זיי קודם געוואוינהייט; צווייטנס, כעס אויף זייער אייגן שלעכט לעבן, קענען וועלכן זיי האָבן זיך מורא צו ווערן. דאָס איז רעוואָל־טירנדיקע שוואַכקייט, פּחדנות און הכנעה פאַרן שטאַרקערן... אַהאַ, מאיר קען זיי אויסגעצייכנט, די קאַלטע שלעגער מיט הייסע פאַנטאַזיעס, האָבן ליב צויבער־מעשהלעך און פּרימיטיווע מוזיק. אָפּט זענען זיי געגליכן צו אינדיאַנער שלאַנגען. פאַראַן אַ מין שלאַנג וואָס לאָזט זיך באַרויקן, איינשלעפערן אין האַלבן דרימל דורך מוזיק. צו אַרבעט זענען זיי אָבער פויל, די קאַזאַכן, פויל און פלעגמאַטיש. האָבן מורא פאַר מלחמה, ווי

זייערע אור־עלטערן פאַר בייזע אַנשיקענישן, שדים. מסרן איינע די אַנדער׳ע און וויינען בציבור אויפן טויט פון איינעם.

דערפאַר, — זייער מאַסנווייז אַנטלויפן פון די פראַנטן, אויסדרייען זיך פון די וואָיענקאָמאַטן. דערפאַר — די אָפטע אַבלאַוועס, פון וועלכע ס׳ווערן געטראָפן גראַד די היימלאָזע און שוצלאָזע עוואַקויִרטע.

ס׳איז געוואָרן טאָג.

מאיר האָט זיך אָנגעטאָן, געכאַפּט עפּעס אין מויל אַריין און אַוועק צו דער אַרבעט. דער מאַמעס און טאַטעס רייד האָבן אים פאַרפאָלגט; זייער ליבשאַפט, שרעק און ליידן צוליב אים, ווי דעמאָלט אַזוי היינט, האָט אים ווי געטאָן. גראַד אַצינד ליבשאַפט, אַצינד, ווען גאָט און מענטש יאָגן זיך אין פייערדיקן ווילדן קרייז פון מעת־לעתן; ביידנס ליבשאַפט צאַרנט:

מענטש, איך האָב דיך פון זיך באַשאַפן
און מיין וואָרט דו ווילסט נישט הערן.
גאָט, טרינקסט דאָס בלוט פון קינדער־שקלאַפן
דיינע, און מענטשלעכער דו ווילסט נישט ווערן.

דאָס זענען די ערשטע פיר שורות פון אַ ליד, וואָס מאיר האָט אין זיך אַרומגעטראָגן.

מאיר איז פון תמיד באַשאַנקען געווען מיט אַ סגולה פון אַריינלעבן זיך אין פרעמדנס געפילן־וועלט; איבערנעמען זיך מיט יענעמס ווייטיק און פרייד. דאָס איז געטאָן געוואָרן מיט אַזוי פיל אינערלעכער ליכט און גלויבן, אַז תיכף האָט עס, ווי אַ כשוף־רייף, איבערגעוואָרפן זיך אויפן צווייטן און אויגנבליקלעך איז דער בונד געשלאָסן געוואָרן. די דאָזיקע מידה האָט שוין פון לאַנג געוועקט אין אים אַ באַדערפעניש צו שרייבן, אויסדריקן זיך אויף זיין באַזונדערן שטייגער. ער האָט געוואַרט אויפן מאָמענט, ווען אַלץ וועט אויפהעלן און קלאָר ווערן. ער וועט זיך דעמאָלט אַ נעם טאָן; מיט דער פשוטקייט פון זיין מאַמעס לשון, מיטן ערנסט פון טאַטנס קלוגן שווייגן — דערציילן. דער מאָמענט איז אָבער נישט געקומען. פאַרקערט, אַלץ ווייטער און ווייטער האָט אים דער מאָמענט אויסגעזען, ווי אַ לאַמטערן־פייערל, וואָס עמעץ האַלט אין האַנט און דרייט דערמיט

אין דער לופטן... אַ מאָל איז דאָס פּייערל נאָענט און וואַרעמט, אַ מאָל ווייט און פאַרנעפּלט, ווי אַ צעציטערטער שטערן. קיין מאָל איז דאָס „פּייערל" פון די אויגן נישט אַנטרונען, קיין מאָל האָט ער אָבער דערלאַנגען דערצו נישט געקאָנט...

אַ קינד אָן אַ קינדהייט. אַ יוגנט אָן פריידֿ. צו פערצן יאָר פאַרזוכט דעם טעם פון תּפיסה. זון דורך טיף־געוועלבטע פענצטערלעך. אַנשטאָט ברויט, באַגדאַנאָוס „פּאָליטישע עקאָנאָמיע", בוכאַרינס „היסטאָרישער מאַטעריאַליזם" האָט אָנגעפילט דעם מוח. מעטערלינגס „בלויער פויגל" האָט פאַרטראָגן ווייט, ווייט פון דער אָרעמער „גייער צאַל". ער האָט געחלומט פון „יענער זייט גרענעץ", וווּ מען ווייסט נישט פון קיין אומ־רעכט און עקספּלואַטאַציע, וווּ אַרבעט, פרייהייט און ליבע פאַראייניקט אַלע פעלקער אין מענטשן־ברידער... אַרומגענומען פון דער ליכט און ליבשאַפט, וועט ער אויסזינגען זיין ליד. נו, און אַצינד?

„פאַרגעסן דעם עיקר... בראָנקע — אַרבעט, אַרבעט — בראָנקע"... יאָ, אוודאי זענען זיי גערעכט. אויסערלעך זעט עס אַזוי אויס. אָבער אינעווייניק? צי וועט אים ווער גלייבן, אַז גייסטיק איז ער ווידער אַליין. בראָנקע האָט נישט דעם ווילן און די פעיקייט אַריינקוקן אין אים. אָבער איז פרעמד זיין כאַראַקטער, אַזאַ טיפּ ווי ער. דערפון דאָס ווייניקע אינטע־רעסירן זיך מיט זיין פאַרגאַנגענהייט. דער פאַקט פון איר הייסן באַגערן אים שטעקט, ווי מאָדנע די זאַך זאָל נישט אויסזען, אין אויבנאויפיקן געפעלן צוליב זיינע צופאַסונגס־אייגנשאַפטן און לעבנספעיקייט. גראָד די „מעלות" זענען פאַר אים חסרונות, וועלכע ער וויל אין זיך באַקעמפן — דאָס איז דאָך זיין „צווייטער איך", וואָס איז גרויס געוואָרן און געוואַקסן אויפן מיסטיקן באָדן פון היגער מלחמה־ווירקלעכקייט. בראָנקען איז דאָס דווקא יאָ געפעלן. תּמיד זוכט מען דאָס, וואָס מען האָט נישט.

מאיר האָט געהערט צו דעם סאָרט מענער, וואָס האָט קודם געזוכט „זיין וועלט", און אין איר — די פרוי. ער האָט זי נישט געפונען. אָן תּמצית איז זייער ליבשאַפט. זי קומט נישט פון געפעלן ווערן, ליב האָבן און אַריינוואַקסן זיך אין אינטימער פאַרקניפּונג. גיכער איז עס ביי אים

אַ מין שיכרות, צוכאַפּן זיך צו אַ נישט צוטריטלעכן קוואַל... אַ טרינקען ביזן פאַרגעסן דעם תמצית... „פאַרגעסן דעם עיקר"...

אַנומלט, שפּעט ביינאַכט, פאַרן אַהיימגיין, האָט זי אים פּלוצעם אַ זאָג געטאָן:

— דו ווייסט, פאַראַן אַזעלכע שטערן, וואָס זענען שוין פון לאַנג חרוב געוואָרן, זיי הערן אָבער נישט אויף צו לייכטן...

— וואָס עפּעס אין מיטן דרינען מיט שטערן?

— סתם אַזוי, אַ שיינע נאַכט היינט. וואָס, נישט אינטערעסאַנט דיר צו הערן?

— כ'האָב עס נישט געזאָגט.

— ס'נעמט זיך, האָט אונדז דער לערער פון פיזיק דערקלערט, פון גוואַלדיקן מהלך, דאָס פאַלן פון אַ שטערן דויערט יאָרן, אַ מאָל עפּאָכעס. בשעת מיר אויף דער ערד קוויקן זיך מיט זייער ליכט, זענען דאָס שוין אויסגעלאָשענע וועלטן...

— טאָקע אינטערעסאַנט. אָבער צו וואָס אַצינד לעקציעס וועגן אַסטראָנאָמיע? אויסגעלאָשענע וועלטן?... נעכטיקע טעג?...

— וויכטיקער פון דיינע „מאָרגנדיקע טעג" און דיינע „חרובע וועלטן", וואָס דו רעדסט וועגן זיי אַזוי פיל.

— אַזוי, ווילסטו מיר, זע איך, ווייַ טאָן?

— כ'האָב עס נישט געמיינט.

— נישט געמיינט, יאָ געמיינט: מאַכסט אַ טעות, טייערע. דיין „שטאָך" פאַרשאַפט מיר גראָד פאַרגעניגן: וואָרום דווקא דעם ליבסטן און נאָענטסטן וויל מען ווייַ טאָן...

— צו וואָס די לעקציעס וועגן פּסיכאָלאָגיע?

— איז קוויט. לאָמיר אויפהערן מיטן פאַרלוירענעם. בעסער זיך נעמען צום געפונענעם. איידער מיליאָנען שטערן צעהאָנגענע אין הימל, בעסער איין געפאַלענעם אין די הענט.

— געפאַלענעם?

— דו האָסט דאָך אַזוי געזאָגט.

זאמד

ביידע זענען געזעסן אויף אַ גרויסן ליים־ציגל דרויסנדיק פון טויערל. מאיר האָט זיך צוגעבויגן צו בראָנקען, אַרומגענומען זי און אַ קוש געטאָן. ער האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן. אָפּשטופּנדיק אים האָט זי צוגעלייגט איר הענטל צום מויל:

— שווייג בעסער, שווייג.

— ניין, כ׳וועל נישט שווייגן. כ׳מוז דיר דערציילן, אַז דאָס האָב איך פּאַראַפראַזירט מיין מאַמעס אַ ווערטל: „בעסער איין פליגל אויפן טעלער איידער אַ קאַטשקע אויפן וואַסער״...

— כאַ, כאַ, כאַ.

— אָ, אַ חכמת דיין מאַמע.

— אינגאַנצן געראָטן אין זון...

— נו, נו. „סאַמאַ כוואַלאַ וו קאַנטשע סטאַלאַ״ *).

— אויב אַזוי, וועל איך דיר זינגען אַ לידעלע, וואָס מיין מאַמע האָט געזונגען מיידלווייז. זי פלעגט עס יאָרן שפּעטער איבערדערציילן. איך געדענק איין סטראָפע, אָדער צוויי.

— נו, טשיקאַווע.

...אַרומגערינגלט האָט מען אונדז,
אַזוי ווי אַ רייף אַרום אַ פאַס;
אויף די היינטיקע יינגעלעך
טאָר מען זיך נישט פאַרלאָזן, —
אַזוי ווי אַ הונט אויף דער גאַס...

בראָנקע האָט ווידער זיך צעלאַכט הויך אויפן קול. מאיר האָט האַלב באַליידיקט, האַלב אין גלעכטער איבערגעפרעגט:

— ס׳געפעלט דיר אפשר נישט?

— ווער זאָגט?

— אפשר נישט שענער פון אייער טשאַרלעסטאָן און סטאָפּקעס?

*) דאָס לויבן זיך אַליין, בלייבט אין ווינקל שטיין.

ש. וואַרזאַגער

— ווער דער „אייער״?

— די פּאַצעטן, מיין איך, פון דער „גאָלדענער יוגנט״...

— איך האָב עס דאָך נישט געזונגען.

— און איך האָב עס דיר געוואָלט דערמאָנען.

— זאָל איך דיר דערמאָנען די לעקציע פון „וועלן ווי טאָן״?...

— גערעכט. איז הער זשע טאַקע נאָך אַ סטראָפע; די רגע דערמאָנט זיך:

...די פייערדיקע ליבע
טוט אין האַרצן ברענען...
ליבן ליב איך דיך מיין זיס קינד
און נעמען קאָן איך דיך נישט נעמען...

— איך האָב דיך נישט געבעטן...

בראָנקעס איבערוואָג אין בילדונג, סיסטעמאַטיש וויסן, אירע מאַנירן און אַנדערשקייט, האָט מאירן געלאָקט. דאָס פרעמדע און אומדערגרייכבאַרע, וואָס האָט תמיד ביי אים אַרויסגערופן שטאָלצע שנאה און אייפער, האָט אַצינד געבוירן ליבע און הכנעה. — דאָס האָט אים ווי געטאָן. ער האָט אָבער געליבט און געליטן.

די תאווה צום לעבן האָט געפייניקט. די זעלבסט־פּיין צוליב דער תשוקה צו דעם „אַראָפּגעפאַלענעם שטערן״, האָט די תאווה פאַרצערט.

ספקות, פּחד פאַר „פאַרגעסן דעם עיקר״, דאָס זיך באַפעסטיקנדיקע געפיל אין נצחון פון אמת, אַז די מלחמה וועט זיך ענדיקן און אַ סוף מאַכן צו דער אַנאָמאַליע — האָט אים מבולבל געמאַכט. דאָס דאָזיקע געפיל אין אים איז געווען סיי זיין גבורה, סיי זיין שוואַכקייט.

יענע נאַכט האָט מאיר זיך געדרייט אויפן געלעגער און נישט געקאָנט איינשלאָפן. ס׳איז געווען די נאַכט פון שבת אויף זונטיק — וויכאָדנאָי *).

---

*) רו־טאָג.

אין דרויסן האָט געטאָגט. אויף דער וואַנט, אַנטקעגן לאָדנפּענצטערל, האָט אויף אַ זונלייטערל זיך געדראַפּעט דער מאָרגן.

גוט אַצינד צו זיין אין דרויסן. אין דער שעה ליגט די זון, רוי, ווי אַ שטיק שעפּסנפלייש, אין אַ ווינקל פון הימל־בעקן. ווי צעדריבלטע ווייסע וואַטע־קנוילן זענען די צעשוווּמענע וואָלקנדלעך, באַפּאַרבטע מיט יונגגן ראָז. ער פרייט זיך, דער טאָג. דאָס זענען די שענסטע שעהן פון זיין לעבן. באַלד וועט באַפאַלן די טעמפּע היץ. אָנפּילן דעם חלל מיט מאַטער בלייענער שווערקייט. אומגעלומפּערטע קעמלפּיס און אייזלטריטלעך וועלן אויפהייבן אַ שטויב, וואָס פאַלט ווי וויסער מיאַל אויף די נישט ברוקירטע וועגן, מאַכט ווייכער די פאַרטרוקנטע, אָדערדיק־צעפּלאַצטע רויט־ליימי־קייט. אויף באָרוועסע פיס פון היימלאָזע, מידע גייער, טוט ער זיך אָן, דער שטויב, אַ קויטיקער, אַשיק־גראָער. זעצט זיך אויפן פּנים און מאַכט עס מאָכיק, אַלט און מיט קאַרבן — אַ גראָע גרויל־מאַסקע פון אַ זקן, אין לויף פון איין טאָג. דער מידער מענטש זעט דאָס נישט אויף זיך. ער איז אָבער אַ שפּיגל פאַרן צווייטן. דערפאַר, דער טרויער און די נאַכלע־סיקייט אין גאַנג. פון די אויגן שלאָגט אַ מאַטע שיין, ווי די שיין פון וואַקסענעם הימל בעת עס פאַרציט זיך אַ נעפּל פון אַן אָניאָגנדיקן מדבר־ווינט. ווייט פון שטאָט און מענטש דרימלען נאָך די פעלדער. אַ באַרג־פויגל לאָזט זיך פון ערגעץ ווי אַ פליענדיקער צלם, האָט מסתמא ערגעץ ווו אַ נעסט. מאיר איז אים מקנא — ער וואָלט אויך וועלן איינאָטעמען אין זיך די פרישע פעלד־ריחות, דעם אַראָמאַט פון ווילדע רויזן, שלאַנקע כלאָפּאָק־ריטלעך, אַדורכגעוואָמענע מיט טויט און באַרג־לופט. דערווי־דער זענען אים די סקלאַדן מיט די יונגען, דער שטויב און שווייס פון זייערע לייבער, דער זויערער געדוך, די צעפּאַרעטקייט פון כאַסאַנס פּעטן גוף. אַפילו דער שליסל־קלאַנג, דער טויבער פרענטן־פּאַל ביים עפענען די מאַגאַזינען — צו וואָס? צו וואָס אים דער גאַנצער האַרמידער און די שרעק? — „דאָס קריגעלע טראָגט אַזוי לאַנג, ביז דאָס אויערל רייסט זיך אָפּ“... און טאָמער וועט טאָקע עפּעס געשען? מאיר האָט אַצינד געזען אַלץ מיט די אויגן פון טאַטע־מאַמע.

„פריידקע, איין און איינציקע שוועסטער, ערגעץ אויפן אָפענעם פעלד דיין אומבאַקאַנטער קבר. קיין מצבה, קיין ברעטל נישט געווען דיין נאָמען אויפצושרייבן. אַ הוראַגאַן וועט פאַרווישן, אַ ווילדער שלאַקסרעגן וועט אַראָפּשווענקען דעם איינזאַמען שטיין, וואָס עמעץ האָט אַוועקגעלייגט".

שמואל, דער „פאַרלוירענער זון", וואָס האָט זיך ווערבירט אויף אַרבעט — נישט געזען און נישט געהערט. דערפאַר, אפשר, דערמאָנט מען נישט זיין נאָמען. איין מאָל האָט די מאַמע עפּעס אַ מורמל געטאָן סתם אַזוי:

— כ'יי וואָלט איך געוווּסט, אַז ער לעבט.

ערגעץ נישט ווייט, אין די קוילנגרובן, זאָגט מען, געפינען זיך די פינף ברידער. זיי זאָלן האָבן אַריינגעשמוגלט זיך אין דער פוילישער אַרמיי. שיקאָרסקי שלעפּט ביסלעכווייז אַרויס, דערציילט מען, זיינע טרופּן — דורך אַשכאַבאַד, פּערסיע — קיין איראַק און סיריע. מען שמועסט, אַז אַ סך כאַפּן זיך אַריבער קיין ענגלאַנד און אויך קיין פּאַלעס־טינע. מעשיות אויף מעשיות דערציילט מען זיך אָן. מען ווייסט פון יידן, היגע יונגעלייט, וואָס האָבן זיך דערשלאָגן קיין ירושלים און זענען דאָרט פאַרבליבן. אַ סך פון זיי — גלייך אַוועק אין דער יידישער בריגאַדע. אויב דאָס זאָל אמת זיין, זענען זיי דאָך גוראַטעוועטע. אפשר טאַקע ארץ־ישראל?... און אפשר ווידער אַרבעטס־לאַגערן, „טרודפראָנט", פּלאָגע־נישן? עס האַלט אַזוי שלעכט אויף די פראָנטן. ראַדיאָ־הילכערס דערציילן וועגן גאַסן־שלאַכטן אין די פאָרשטעט פון סטאַלינגראַד, כאַרקאָוו — צום צווייטן מאָל אין די דייטשע הענט. כמעט גאַנץ קרים אַריינגע־פאַלן, נאָך שווערע קאַמפן, צום שונא. ער גייט אויף קאַווקאַז. מאיר האָט, ווי תמיד, נישט דערטראַכט ביזן סוף, נישט פאַרענדיקט דעם חשבון סיי מיט זיך און סיי מיט דער וועלט.

די אַרבעט אין די סקלאַדן האָט געיאָגט. דריי גרוזטשיקעס האָבן געפעלט: טעלעמענקאָ און פּאָפּ, אויך דער ניי־צוגעקומענער — וואָלאָדיאָ. אַ מעשה מיט אַן אַבלאַווע. טעלעמענקאָ און פּאָפּ זענען צוריקגעגאַנגען פון טאַלטשאָק מיט די איינגעהאַנדלטע מציאות אין די הענט. איינער האָט

געטראָגן אַן איבערגעניצעוועטע פּוילישע מאַרינאַרקע און דער צווייטער — אַ פּאָר יאַפּאַנער גאַטקעס פון מעטקאַל, מיט לאַנגע בענדלעך. אַזעלכע גאַטקעס פון שטאַרקן לייוונט און בענדלעך ביי די פיס, זענען נאָך אַלץ געווען באַקוועמע און זיכערע אונטערוועש פאַר אַ גרוזטשיק... עס גייען זיי אַנטקעגן צוויי ציוויל־געקליידטע. יענע פרעגן עפּעס און זיי ענטפערן נישט. קוקט מען זיך איבער. אַ בליק אויף אַ וואָרט, אַ וואָרט אויף אַ בליק, דער צוויי־מעטערדיקער הייבט אויף די גאַטקעס און טוט אַ וויש איינעם איבערן פּנים. יענער האָט נישט צוריקגעגעבן. ער נעמט עפּעס אַרויס פון קעשענע און ווייזט פּאַפּן. ער פרעגט שטיל:

— פּאַספּאָרט, וואָיענסקי בילעט?

פאַרשטאַנען אַז דאָס זענען איבערגעטוענע מיליציאָנערן, טוט פּאַפּ אַ פינטל מיט די אויגן, נעמט זיי רייבן מיט דער לינקער זייט פון דער גרויסער האַנט און כאַפּט זיך צו דער קעשענע, אָבער אַנשטאָט די דאָקומענטן, שלעפּט ער אַרויס אַ פּעקל טשערוואָנצעס. אָנגעטרעטן טעלעמענקאָן אויפן פוס, ר'זאָל זיך מאַכן אַוועקקוקן, האָט פּאַפּ געציילט דאָס געלט מיט אַ מינע פון קלאָמפּערשט זוכן די דאָקומענטן... דעם איבער־געטוענעם מיליציאָנער, נידעריקער פון פּאַפּן מיט אַ קאָפּ, איז דאָס געלט געקראָכן גלייך אין די אויגן אַריין. ר'האָט אָבער אויף דעם קיין אַכט נישט געלייגט. שטיל, ווי פריער, איבערגעחזרט:

— פּאַספּאָרט, וואָיענסקי בילעט?

— איך האָב נישט ביי מיר.

— זוך גוט.

— געזוכט. וואָס ווילסטו?

— איר זאָלט גיין מיט אונדז — האָט געענטפערט דער צווייטער.

— געגאַנגען! — האָבן ביידע באַפוילן.

דער וועג צום קאָמיסאַריאַט, וואָס ביי דער סטאַציע, איז אַ ווייטער. צוליב דעם אויך אַ נישט זיכערער. די געכאַפּטע דרייען זיך אָפּט אַרויס פון אונטער די הענט און ווערן נעלם. אַזאַ לענג פון אַ חברהמאַן — איז מסתמא נישט פויל אויפצוהייבן אַ האַנט — האָט זיך דער מיליציאָנער

געטראַכט. כהרף עין, האָט ער באַשלאָסן צו גיין צוריק מיטן וועג צום טאָלטשאָק, נישט ווייט פון דאָרט, ווו ס׳איז דאָ אַ קליין דיזשורנע־שטיבל, אַ ציטווייליקער אַרעסט. יאָ, ער האָט ביי זיך די שליסלען, האָט דער מיליציאָנער פעסטגעשטעלט אַ טאַפּ טוענדיק זיך אין קעשענע, פאַרמאַכן זיי און מעלדן ווו מען דאַרף.

כאָטש טעלעמענקאָ און פּאָפּן האָט די זאַך גוט פאַרדראָסן, האָבן זיי פונדעסטוועגן נישט געקלערט צו אַנטלויפן. פאַר אַזאַ זויש מיט די גאַטקעס, האָט פּאָפּ געטראַכט, קאָן ער אין ערגסטן פאַל באַקומען אַ פאַרוואָרף, אָדער איין טאָג אַרעסט. די טשערוואָנצעס האָט ער טאַקע געציילט נאָענט פון מיליציאָנערס אויגן, אָבער פראַפּאַנירט האָט ער אים דאָך גאָרנישט. ער, פּאָפּ, איז אַפילו גרייט מיט דעם סוואָלאָטש אויסצוטרינקען.

אין עטלעכע מינוט אַרום זענען זיי אָנגעקומען. די צוויי גרוזטשיקעס זענען אַריינגעלאָזט געוואָרן אינעווייניק. געהערט ווי מען פאַרלייגט אַ שלאָס דרויסנדיק פון דער טיר.

דאָס איינצימערדיקע אַרעסטל אויפן טאָלטשאָק האָט אויך געדינט פאַר אַ ציטווייליקן זאַמלפונקט פון די געכאַפּטע בעת די אָבלאַוועס. דעם זעלביקן טאָג איז פאָרגעקומען איינע פון די גרעסטע אָבלאַוועס וואָס די שטאָט געדענקט. ס׳איז געוועזן נאָכן רוף: „דאָס דריי און פערציקסטע יאָר דאַרף ברענגען די מפּלה פון שונא. אַלץ אויפן פראָנט, פאַרן פראָנט. יעדער איינער וואָס קאָן עפּעס טאָן, דאַרף העלפן אין גרויסן פאַטערלענדישן קריג״. די וואָס זענען נישט פּעיק צו געווער, דאַרפן העלפן מיט אַרבעט. אַרבעט! אַרבעט! יענעם טאָג האָט מען אין קליינעם צימערל, ווו טעלעמענקאָ און פּאָפּ זענען געזעסן, אויף דערווייל, אַריינגעלאָזט אַ מאַן דרייסיק. מען האָט אַפילו נישט באַוויזן לייטיש איבערצוווערטלען זיך איבער אַן אָרט צום זיצן, שטיין, ליגן. איידער וואָס און ווען, האָבן די טירן זיך ברייט צעעפנט. מען האָט אַלעמען באַפוילן אַרויסגיין, אונטער אַ שטרענגער וואַך, אויף דעם ספּעציעל צוגעגרייטן לאַסט־אויטאָ. אויפן אויטאָ האָט מען ביי יעדן אָפּגענומען די דאָקומענטן און היידאַ אין שטאָטישן וואָיענקאָמאַט אַריין.

זאַמד

עס האָט נישט געהאָלפֿן טעלעמענקאָס אויפֿקלערן און דערציילן די גאַנצע מעשה מיט פּאָפּן. יאָ, באַשטעטיקט פּאָפּ, צוליב אַ טשעפּוכאַ, אַ נאַרישקייט... און פּאַרוואָס באַדאַרף ער, זיין חבר, ליידן צוליב אים און אַז מען גיט „ניעטשיינע" אַ וויש אַ מיליציאָנער, וואָס האָט דאָס צו טאָן מיטן וואָיענקאָמאַט?

— איך אַרבעט אין „זאַגאָט זיערנאָ", בין „בראָנירט" — האָט ער געשריגן.

— איך בין אַראָפּגענומען פֿון וואָיענני אוטשאָט *) — האָט געטענהט טעלעמענקאָ.

— ריטשע נישט, קריגסט באַלד אַ כמאַל!

— און דו, מאַנקעראַנט, פֿאַרמאַך דעם פּרעסער! — האָט איינער, אַ טונקל־פּנימדיקער מיט אַ שראַם אויפֿן שטערן זיך אָנגערופֿן צו טעלעמענקאָן.

— סוואָלאָטש, שוויג! — האָט אים פּאָפּ געענטפֿערט.

— העי, ברודערקע, זעץ זיך אויפֿן הינטן, פֿאַרשטעלסט מיר דעם פּראָנט.

די דאָזיקע חכמה פֿון איינעם, אַ קליין, דריבנעם קאַזאַכל, וואָס האָט נאָך קלענער אויסגעזען צוליבן זיצן אין אַ ווינקל פֿון אויטאָ, האָט אַלעמען לאַכנדיק געמאַכט.

מיט בייזע, רוישיקע געלעכטערס, געשרייען און קללות, וואָס לאָזן נאָך זיך אַ שווערע, פּוסטע שטילקייט, האָט די מאַשין אַ ריר געטאָן פֿון אָרט.

די מעשה איז דעם זעלביקן טאָג צוגעטראָגן געוואָרן כאַסאַנען. צו מאָרגנס, ווען מאיר איז געקומען צו דער אַרבעט, האָבן דערפֿון שוין אַלע געוווּסט.

און וואָלאָדיאַ? ער איז תּיכף, נאָך עטלעכע טעג אַרבעט אַוועק, פּונקט אַזוי גיך ווי ר'איז געקומען. אַ יונגער יאָט אין אַ געפּאַסטער גימנאַס־

*) מיליטער־רעגיסטער.

טיאָרקע אויפֿן געוויקסיקן, דינעם גוף. אַ פּאָר בלאַנדע, שמאָל־ראַזירטע וואָנסעלעך און קיילעכדיקע, שעלמישע אויגן. בעתן לאַכן האָבן זיי גרעסער געמאַכט זייערע אָרביטן, אויסגערונדיקט זיין פּנים. געלאַכט האָט ער בשעת איינער פון די גרוזטשיקעס פלעגט זיך אַ גליטש טאָן, אָדער פאַלן. — זשאַלקאָ, זשאַלקאָ *), — פלעגט זיך וואָלאָדיאַ צעכאַכאָטשען — אָ, ווי שיין, שיין.

אַ בייזער, אַ הפקר־יונג, מיט „שלאַגפּערטיקע" הענט. האָט זיין געלעכטערל אַ מעלה געהאַט, ס׳האָט געראַטעוועט פון קלעפּ, אַפילו אין זיינע בייזסטע מאָמענטן. בייזע מאָמענטן און קלעפּ זענען ביי וואָלאָדיען געווען איבערגעגנוג אין די ווייניקע טעג וואָס מאיר האָט מיט אים געאַרבעט. כאָטש קיינער פון די גרוזטשיקעס איז נישט קיין מלופים־קינד האָט מען דאָך פאַר וואָלאָדיען מורא געהאַט.

פון וואַנען, ווי אַזוי איז ער אַהער געקומען, האָט מען נישט געוווּסט. נישט געוווּסט אויך זיין אַפּשטאַם. לויטן נאָמען און אויסזען — אַ רוס. רעדט גוט קאַזאַכיש, אוזבעקיש, פאַרשטייט דאָס לשון פון די טשעטשענצעס; מיט איינעם פון זיי אַפילו זיך געחברט. ביידע, האָט מען געזאָגט, „האָבן אַ האַנט" אין די איבערפאַלן, וואָס דריי־פיר־פּערזאָניקע שייקעס פירן אויס ביינאַכט אויף פאַרבייגייער. וואָלאָדיאַ האָט געזאָגט אויף זיך, אַז ר׳איז קאָנטוזשעט געוואָרן אויפן פינלענדישן פראָנט. ס׳איז גיכער געווען אַ „פריי מאַכן זיך דעם וועג" אויף כל מיני פאַרברעכנס, הולטייסטווע און דעזערציע. אויסטאָן אַ מענטש און לאָזן אַ נאַקעטן אין מיטן גאַס, אויס־ליידיקן די קעשענעס, אָנבויקערן און אַהיימטרייבן; באַפרייען איינעם פון פּאָליצייאישע הענט, אָדער וואַיענקאָמאַט — דאָס איז געווען זיין אַרבעט. דערפאַר איז אָבער וואָלאָדיאַ דער ערלעכסטער גרוזטשיק. ער האָט קיין גראַם ווייץ נישט אַרויסגעטראָגן. אויך נישט זיין עסק, אַז עמעצער „גייט אַ גאַנג". וואָלאָדיאַ, מיט די לאַכנדיקע אויגן און בייזע הענט, וועט נישט שיטן אין די הויזן אַריין. גנבענען בעת יענער פאַרקוקט זיך — פוי!

---

*) אַ שאָד, אַ שאָד.

דרעקפּרעסער, מייז, פּחדנים. גלייכער אַ ליאַפּ אין פּרעסער אַריין, יענער זאָל די ציין קלויבן. — איך בין נישט קיין גנב. אַ שלעגער בין איך — האָט וואַלאַדיאַ געזאָגט. ער האָט זיך דאָ געשטעלט אַרבעטן, האָט ער דעם ערשטן טאָג דערציילט, ווייל כאַסאַן האָט צוגעזאָגט גוט באַצאָלן.

קיין אַנדערע מענטשן אויף זייער אָרט זענען דערווייל נישט געקומען. שווער, אומדערטרעגלעך איז געוואָרן די אַרבעט. צוליב דער קריטישער לאַגע אויף די פראָנטן איז אויך די קאָנטראָל שטאַרקער געוואָרן. ביי דער וואָג, אין די סקלאַדן און ביים טויער, האָט מען געקוקט אויף די הענט, געמאָסטן מיט די אויגן יעדן קער און ווענד. שטרענגער געוואָרן אויך ביים אַרויסבאַקומען די ברויט־קאַרטן, ביים צעפירן דאָס ברויט אין די געוועלבער און אויף די צעטייל־שטעלעס ביי די פאַבריקן. צו דעם אַלעמען — די עפנטלעכע פאָלקס־משפטים פאַר כאַפּן ביי דער קלענסטער גניבה, מיסברויכן, כאַבאַר. צום בולטסטן האָט זיך די נייע געשפּאַנטקייט געלאָזט מערקן אויפן באַזאַר. מען וואַרפט זיך מיטן געלט: פּעקלעך רובלס פאַר אַן אָפּגעטראָגן העמד, אַ לעדערנעם פּאַסעק, אַ קלעצל פאָדעם, אַ פּאָר קאַלאָשן. מען פאַרקוועטשט די קאַליריקע פּאַפּירלעך אין האַנט, אָדער מען פאַרשטופּט אין קעשענע אומגעציילטערהייט. אַ סודותדיקע פאַר־טייעטקייט קוקט אַרויס פון די קאַסאָקע אויגנווינקלען, צעצונדענע פון הפקר־פייערלעך, פון די פּנימער וואָס דערמאָנען אין אַ סטעפּ פאַרן אָניאָג פון אַ זאַמד־ווינט. ווי אַ זאַמד־ווינט איבער אַ סטעפּ צעטראָגט זיך די פראָנט־נייעס:

„גאַנץ קאַווקאַז אין די הענט פון דייטש".

„אַ ליאַדע טאָג וועט פאַלן סטאַלינגראַד".

„לענינגראַד גיט זיך אונטער".

„מען פאַרלאָזט די קישלאַקן (פראָנטן)".

היטלער, זאָגט מען, וועט די קאַזאַכן נישט טשעפּען. נאָר די פּרעדסע־דאַטעלעס וועט ער אויף סיביר שיקן. צעלאָזן די קאָלכאָזן. ערד, ברויט און ווייבער וויפל מען וויל. נאָר דעם „פּאָלשעוויק" (באָלשעוויק) און די „יעברעיען" (יידן), מיינט ער, היטלער. אָהאָ, די „יעברעיען": טאָמער

ווייניק וואָס זיי האָבן די מלחמה געבראַכט, באַפאַלן זיי ווי היישעריקן די שטעט און דערפער, עסן אָפּ די תבואה פון די פעלדער, ברענגען מיט זיך קראַנקהייטן און מגיפות... אויך דער רעגן, וואָס האָט באַדאַרפט קומען, אָנפילן די „אריקס״ *), האָט היי־יאָר זיך געשפּעטיקט: דער צווייטער האָרבסט אַזוי, צוליב די „יעברעיען״.

באָבע־מעשיות — האָט מאיר געענטפערט בראַנקען, בעת זי האָט מיט שרעק אין אירע שיינע אויגן און ציטער אין שטים איבערדערציילט די דאָזיקע נייעסן. ער האָט אָבער געוווּסט, אַז עפּעס אמת איז יאָ פאַראַן דערין. די סיבה איז די קריטישע לאַגע אויף די פראָנטן.

*

צו יענער צייט האָבן זיך אָפּגעשפּילט די סאַמע בלוטיקסטע קאַמפן, אַטאַקעס, און קאָנטראַטאַקעס אויף אַ פראָנט פון טויזנטער קילאָמעטער. כאָטש די לאַגע פון די רוסישע פאַרטיידיקונגס־כוחות איז געווען קאַטאַסטראָפאַל, איז אָבער שוין געווען פאַרויסצוזען דעם סוף פון נישט געלונגענעם „בליץ־קריג״. דאָס סאָוויעטישע מיליטער האָט אויף אַ טייל פראָנט־אָפּשניטן אויפגעהערט זיך צוריקציען. אויך געפּרוּווט איבערגיין אין קליינע אָנגריפן. אין ביידע פאַלן איבערגעלאָזט הונדערטער און טויזנטער טויטע פון שונא. אַחוץ קרבנות, האָט דער שונא געצאָלט פאַר יעדן שפּאַן רוסישער ערד מיט צייט. צייט איז געווען דאָס היילמיטל פאַר די סאָוויעטישע צעקלאַפּטע אַרמייען, וואָס זענען שוין ווידער פעיק געווען זיך אַנטקעגנצושטעלן דעם מוראדיקן דרוק פון די דייטשישע אַטאַקירנדיקע כוחות.

פאַר די וואָס האָבן קנאַפּע צוויי יאָר געטראָגן די לאַסט און געליטן פאַרלוסטן פון רויִנירנדיקן קריג, איז אָבער נאָך ווייט געווען צו דער

---

*) ספּעציעל צוגעגרייטע קאַנאַלן, וואָס זאָלן אָפּלענקען דאָס רעגנוואַסער אויף די פעלדער.

גדולה. הונגער, מידקייט און אויסזיכטן אויף אַ זיך פאַרציעענדיקער מלחמה האָבן געבווירן און געיוירן אַט די שטימונגען.

לעונינגראַד איז ווירקלעך געווען אין קלעם. די דייטשן מאכן גוואַל־דיקע אָנשטרענגונגען, אויך מיט אומאויפהערלעכע, מוראדיקע לופט־אָנגריפן, צו באַזעצן די שטאָט. דאָס זעלבע געשעט מיט דער הויפּטשטאָט: מאָסקווע.

לעונינגראַד לעבט מיטן פּראָוויאַנט, וואָס ווערט אַראָפּגעלאָזט מיט עראָפּלאַנען. די ברויט־נאָרמעס זענען אומגעווינלעך קליין: הונדערט און פופציק און צוויי הונדערט גראַם אויף אַ נפש. מען פאַלט אין די גאַסן פון די כסדרדיקע באָמבאַרדירונגען, פון באַשיסונגען; מען שטאַרבט אין די גאַסן פון הונגער.

די פאַבריקן פון לעונינגראַד, פּונקט ווי פון מאָסקווע, זענען נישט עוואַקואירט. פאַראַן, זאָגט מען, אַ באַפעל: אין די צוויי שטעט טאָר דעם שונאס פוס נישט אַריינטרעטן. נישט געגוג דאָס פאַרטיידיקן, מען דאַרף אויך די פאַבריקן אין גאַנג לאָזן. פאַרהונגערט, פאַרחלשט, אָן כוחות שטייט מען ביי די מאַשינען. פאַלט מען, פאַרנעמען אַנדערע די אַרבעטס־פּלעצער.

*

אַן אומרו האָט מאירן באַהערשט. אין די אָפּרו־טעג, אין די פרייע שעהן כאַפּט ער זיך צו צו דער סטאַציע. דאָרט זעט מען אַ ניי פּנים. אַן עשעלאָן, אַהין־ און צוריק־פאָרנדיקע באַנען. מען קאָן אַ וואָרט הערן, אַ לעצטע פראָנט־ידיעה.

לאַנגע וואַגאָנען־קייטן. אַ הייזעריק פייפן פון לאָקאָמאָטיוון, אַ גרילצנ־דיק ריטשען פון שינעס אונטער שווער באַלאָדענע וואַגאָנעס, פאַרצויגענע מיט פּלאַנדעקעס. מיליטער, טאַנקן, אַמוניציע, שטאָל און אייזן, ברויט. אַלץ פאָרן פראָנט, פאַרן אָפּעטעם, אומגעזעטיקטן פייערדיקן פּיסק. און צוריק? צוריק פון די פראָנטן — פאַרריגלטע טיעפּלושקעס מיט פאַר־וווּנדעטע סאָלדאַטן. דורך קליינע קראַטן־פענצטערלעך, דורך ברעטער־ריסן, דורכגעשאָסענע ווענטלעך און שפּאַרעס זעט ער פאַרבאַנדאַזשירטע

קעפּ, בערדיקע פּנימער, יסורים־גרימאַסן אַרום די אויגן, אויגן, נישט קיין בייזע און קריגערישע, נאָר רחמים בעטן זיי. צעוויטיקטע געשרייען, הילפס־רופן, הייזעריקע קרעכצן, אַ וויינענדיק זידלען זיך. אָפּט הערט זיך אַ פראַנט־ליד. אַ שטיל און האַרציק מענער־קול פול מיט בענקשאַפט און וויטיק. אַ געזאַנג וואָס פאַרגייט זיך אין אַ ספּאַזמאַטיש־צאַרנדיק־געהעמטן אויסגעשריי: „מאַמעלע, מאַמעלע״. ווי קינדער, גרויסע קינדער פון איין אין יסורים־אָפּגייענדיקער מאַמען, ליגן זיי, די פראַנט־זין. זיי זענען אומ־מעכטיק, צעווונדיקט, מיד, נאָר איינשלאָפן קאָנען זיי נישט. זיי דאַרפן אַ מאַמען, דאָס ווייב, די געליבטע, אַ שוועסטער. אָ, ביז זיי וועלן דערפאָרן צו אַ שפּיטאָל, צו אַ פאַרבייפלאַטער פון אַ ווייסן פאַרטעך, ווייסע, ווייכע פרויען־הענט, אַ קאַלטן קאָמפּרעס צו היציקע שלייפן, אַ ביסל רו!

מיט איבערמענטשלעכן רחמנות און חיהשער נייגעריקייט האָט מאיר זיך איינגעקוקט אין די פּנימער. איין מאָל האָט ער זיך געפּרווט דערנענ־טערן צו עטלעכע וואַגאָנעס. אַ סאָלדאַט, מיט אַ ביקס אויפן אָרעם, וואָס דרייט זיך אַהין און צוריק אויף דער לענג פון טאָר, האָט אַ הוקע געטאָן:

— ניעלזאַ — מ׳טאָר נישט.

מאיר איז שטיין געבליבן. אַ סעקונדע האָט זיך זיין געדאַנקען־בליק פאַרהאַלטן אויף אַ דערינערונג. פאַרוואָס גראָד אין דער מינוט — איז אים אַליין אומפאַרשטענדלעך געוועזן. טויזנט ניין הונדערט פופצן. אַ יאָר דריי איז ער מסתמא דעמאָלט אַלט געוועזן. אַ קליין שטעטעלע ביים בוג. עטלעכע צעיושעטע זעלנער פאַלן אַריין אין שטוב, וואָס איז גלייכ־צייטיק געווען די „בעקעריי״. זיי זוכן ברויט. שבת אין דער פרי איז עס גראָד געווען.

— כ׳קאָן אייך געבן מיינע חלות — זאָגט דער טאַטע — און אַ סיטנע, וואָס כ׳האָב פאַר זיך איבערגעלאָזט.

זיי נעמען דאָס צו און הערן נישט אויף צו פאָדערן:

— זאָג, ווו האָסטו דאָס ברויט באַהאַלטן, אַנישט וועט מען דיך טויט־שלאָגן! — האָט איינער פון זיי געשריגן.

דער טאַטע צענעמט די הענט און שווערט זיך באמנות, אַז ר׳האָט

נישט מער. אין דער מינוט, גיט אים אַ צווייטער אַ כאַפּ פֿאַרן אָרעם, רייסט פֿון אים דאָס העמד און פֿאַרהייבט דעם ראַפּניק. די מאַמע מאַכט אַ געוואַלד, ער און די רעשט קינדער פּלאַצן אַרויס מיט אַ געוויין. און די סאָלדאַטן טוען זייערס: בלויע שינאַקעס לויפֿן אויף אַרום דעם טאַטנס פּנים, האַלדז און האַלב־נאַקעטער פּלייצע. דאָס גאַנצע לייב פֿון אונטער אַראָפּגעריסענעם העמד איז רויט. דער טאַטע פֿאַרקרומט זיך אין ווייטיק־לעכע גרימאַסן, ער בייגט זיך אונטער די פֿאַלנדיקע שמיץ, פֿאַרשטעלט זיך די אויגן מיט די הענט. „אַזאַ גרויסער, אַזאַ שטאַרקער, דער טאַטע... פֿאַרוואָס לאָזט ער זיך שלאָגן?" — האָט ער געטראַכט און נישט אויפֿגעהערט וויינען. יאָרן איז אים דאָס בילד נאָכגעגאַנגען, פֿאַרפֿאָלגט אים.

קינדיש אוממעכטיק, ווי דעמאָלט, שטייט ער היינט און וויינט אין־זיך פֿון חרפּה און פֿון גרויס ליבשאַפֿט צום געשלאָגענעם.

דער צוג האָט גענומען רירן. ערגעץ פֿון אַ וואַגאָן האָבן זיך דער־טראָגן האַרמאָניע־קלאַנגען פֿון אַ פּראָנט־ליד. מיטן געריוש און געוואַקל פֿון זיך אָפּשלענגלענדיקן באַן, איז דאָס געזאַנג, באַגלייט פֿון אייניקע סאָלדאַטסקע שטימען, שוואַכער און שטילער געוואָרן. די פּנימער וואָס האָבן זיך אַרויסגעזען דורך די ברייטע האַלב־צערוקטע טירן, ווערן מטושטשער און פֿאַרשוווּנדן. מאירס נאָכלויפֿיקער בליק האָט קוים געקאָנט אויפֿכאַפּן די רויטע, פֿעטע שריפֿט פֿון די לאָזונגען אויף די לעצטע צוויי וואַגאָנעס:

„אונדזער זאַך איז אַ גערעכטע".
„מיט אונדז איז דער נצחון".

פֿון קאָבישעוו זאָל מען פֿירן אויף אוראַל און מזרח־סיביר. אוראַל, דער קוואַל פֿון רוסישן גאָלד — דאָרט ווערט אויך איבערגעשמידט דער אוצר פֿון אַלע אוצרות — דער סאָלדאַט. צוזאַמען מיט די איבערגעפֿירטע און ניי־אויפֿגעבויטע פֿאַבריקן, אָרגאַניזירט זיך צוריק די אַרמיי און מען גרייט זיך דערלאַנגען דעם אמתן קלאַפּ. אוראַל, רייך אין מינעראַלן, מעטאַלן, אייזן, קוילן, ניקל, צינק, אייל, קופּער, איז אויך געוואָרן דער קוואַל פֿון מענטשלעכע כּוחות. מען פֿאָרמירט נייע פּאָלקן, ראָטעס, דיוויִ־

זיעס, מיליטערישע אַקאַדעמיעס. זיי זענען פול מיט רירעוודיקע, אומ־רויקע, יונגע קאָמאַנדירן, אַלטע קעמפער פון בירגער־קריג, דערפאַרענע פּאַרטייער, פּאָליטרוקן. ערשט אַצינד, בעת דער שונא ווערט מיד פון נצחונות, גרייט זיך דאָס גרויסע, גראָע לאַנד צו מלחמה, צום קעגנאָנגריף.

כאָטש מאירן איז קלאָר דער ציל און די נויטווענדיקייט פון זאַמלען און צונויפברענגען אָט די כוחות, האָט ער דאָך זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון פאַרפאָלגנדיקן בילד ביים געדאַנק פון טראַגישן, גרויזאַמען סוף וואָס דערוואַרט זיי. די לעבנסוויליקע, שטערבלעכע מענטשן־קינדער. איינס ווי איינס, אָ, גראַנדיעזער, שוידערלעכער אָפּקלייב. מענטשלעכער זשעני פאַרוואַנדלט זיך אַליין אין אַ סטאַדע צעמוקעטע פּי, געטריבן דורך טאָג און נאַכט פון אַן אומברחמנותדיקער האַנט, אויפן וועג צום שעכטהויז...

ביים דאָזיקן געדאַנק האָט דאָס בלוט פון די אָדערן מיט טאָפּלטער קראַפט אַ שלאָג געטאָן אין מוח; פאַרטונקלט יעדן שמץ פון באַרעכטיקונג, פאַרדאַמט די צוגעטראַכטע, באַנאַלע ווערטער: „אידעע״, „הייליקער ציל״, „פאָטערלאַנד״.

*

מאָדנע, אויך מיט זיך גופא מאַכט מאיר דעם חשבון אויף אַהין־און־צוריק. אויסגעטשוכעט זיך פון די ערשטע קלעפּ, האָט ער ווידער באַקומען די פעיקייט פון טראַכטן. ער זעט אַצינד זאַכן אין זייער געהעריקער ליכט, רופט זיי אָן ביים ריכטיקן נאָמען. „אויב מען געפינט נישט דעם אַבסאָלוטן אמת, מוז מען נישט גיין מיטן שקר״ — האָט ער זיך געטראַכט. שקר איז שאָטן; שאָטן איז פינצטערניש. וואָס איז דען פינצטערניש אויב נישט נאָך נישט־אַריינגעדרונגענע ליכט...

ווידער איז זיין וועלט „אַ חורבה״, אַ גרויסע און וווּנדערלעכע, געוואָרן דער צענטראַל־פּונקט פון זיינע טראַכטענישן. ווי אין אַ טויבנשלאַק, זענען די געדאַנקען אַרויס און תיכף זיך צוריקגעקערט. מאיר איז געווען צעריסן: קלוגשאַפט, בטחון און לעבנס־תשוקה פון זיין גבורהדיק־קליין מאַמעלע; ערלעכקייט און איבערגעטריבענער פעסימיזם פון זיין טאַטן — האָבן אין אים געבוירן שטימונגען, אומצייטיקע באַשלוסן. אויך אַצינד האָט

אַ סוביעקטיווער ווילן פון אידענטיפיצירונג, פון תכליתדיקייט אים נישט צו רו געלאָזט.

פיזישע און מאָראַלישע פּייניקונגען, שלעכטס און אומרעכט איז געוואָרן דער מקור און די סיבה פון שלעכט־זעעריי, פאַרלייקענונג פונעם יש.

מאיר האָט אפשר אַליין נישט באַמערקט, אַז מיט די דאָזיקע רעיונות דערנענטערט ער זיך צו זיך אַליין, בעת ביז אַצינד איז ער געגאַנגען פון זיך — צום דרויסן... אַ גרויסן חלק אין דעם קער האָט דווקא און ווידער דער מענטש, דער נייער סאָוויעטישער מענטש. נישט אין הינטערלאַנד, אַוודאי נישט אויף די באַזאָרן טרעפט מען אים, נאָר אויף די פראָנטן.

בעתן ריקצוג האָט ער זיי געזען אין די הונדערטער. עס געדענגט זיך: מען טרעט אָפּ, מען לויפט אויף מינסק, די הויפּטשטאָט פון סאָוויע־טישן ווייסרוסלאַנד. אַ גוואַלדיקער ווילן צום לעבן טרייבט, יאָגט פאָרויס. וואָס ווייטער פון די מיט פייער שפּריצנדיקע דייטשע טאַנקן, פון געפּאַנ־צערטע שטורעם־בריגאַדעס, וואָס האָבן אַדורכגעריסן די פראָנט־ליניע, דעם שאָסיי ביאַליסטאָק—מינסק. זיי רוקן זיך קלינעסוויז אין האַרץ פון די צעקלאַפּטע סאָוועטישע דיוויזיעס. ער און די רעשט, וויניק־פאַרבלי־בענע פון זיין פּיעכאָטע־פּאָלק, גרופּירן זיך אַרום אַ נידעריקן, ברייטפּליי־ציקן מאַן אָן אַ היטל, אין אַ שינעל פון אַ סאָוויעטישן שטאָב־קאָמאַנדיר. פון אַ קליין, פאַרשטויבט אויטאָמאָבילעכל שפּרינגט ער איטלעכס מאָל אַרויס. ער שמועסט זיך איבער מיט אייניקע אָפיצירן, גיט אינסטרוקציעס און שוין לויפט ווידער דאָס מאַשינדל. ער פאָרט פאָרויס און אויף צוריק. אָט נעמט עס זייטיקלעך און ווידער — אָפּגעשטעלט און ער שפּרינגט אַרויס. זיין העל, רירעוודיק פּנים איז וואַך. אַ יוני־ווינטל צענעמט די שיטערע, בלאָנדע הערעלעך, וואָס פאַלן אים אין די אויגן אַריין, אין די נערוועז־אומרויקע. מאיר שטייט נאָענט פון אים, זעט דעם ברייטן שמייכל אויפן נישט ראַזירטן פּנים, זיין פאַרעקשנטע פּלייצע און קלוגע פינגער בעת ער ווייזט אויף עפּעס. דער שמייכל, די פרייע, אומגעשראָקענע האַלטונג פון קאָמאַנדיר אין סאַמע מיט פון סכנה, האָט געוועקט צוטרוי,

אַנגעפּילט מיט נייע כוחות. אָט דער, לפי ערך יונגער סאָוויעטישער מיליטערמאַן, איז געווען דער לעבעדיקסטער נערוו פון יענער, צום טויט־דערשראָקענער, מידער מענטשן־מאַסע.

אין דער זעלביקער נאַכט איז ער מיט נאָך עטלעכע סאָלדאַטן אַריינ־געפאַלן מיטן דאָזיקן מאַן אין אַ פויערישער כאַטע איבערצוגעכטיקן. אַ יונגע פרוי שטייט אין דער טיר. מיט פריידיקע טרערן אין די אויגן און הענט צענומענע אין דער ברייט, באַגעגנט זי די געסט:

— פּאַזשאַלוסטאַ.

דאָס עלעקטרישע לעמפּל אויף דער סטעליע איז איבערגעצויגן מיט שוואַרצן טוך. אויף דער פּאָדלאָגע — צוויי קליינע וואַליזקעלעך, אַ פּעקל בעטגעוואַנט. דערנעבן ליגן דריי קינדערלעך אין אָנטועכץ מיט די פּנימלעך אַראָפּ.

— מידע פון שרעק — זאָגט זי מיט אַ טאָן פון פאַרענטפערונג — זענען זיי אַוועקגעפאַלן. אַנטשולדיקט פאַר דער פינצטערניש, אַ פאַראָר־דענונג אַזאַ, באַמבאַרדירונגען... אפשר עפּעס עסן? חברים?

זי רעדט גיך, אַ ביסל איבעראַשט און בעט זיי זעצן זיך אויף די בענקלעך. רעדנדיק בייגט זי זיך אַראָפּ, נעמט זיך פאַרען ביי איינעם פון די קעסטלעך. די סאָלדאַטן קוקן זיך איבער, וואַרפן אַ בליק אויפן קאָמאַנ־דיר. פיר טעג און פיר נעכט קיין ביסן נישט געהאַט אין מויל. דאָס איבער־קוקן זיך און שווייגן פון די מענער וואַקסט מיטן אויסגלייכן זיך פון דער באַלעבאָסטע איבער אַן אָפן וואַליזקעלע. אַ גערוך פון פריש, געבייטלט ברויט פאַרגייט אין נאָז. נאָר אידער זי האָט דאָס ברויט פון דער פּאַטשיילע אויסגעוויקלט, האָט זיך דערהערט דעם קאָמאַנדירס קול:

— ספּאַסיבאָ, אַ דאַנק, מיר זענען נישט הונגעריק.

— ליבינקע, אפשר אַ גלעזל מילך, טיי?

— אַ דאַנק, גראַזשדאַנקאַ.

— עסט, עסט, טאָוואַרישטשי, איר זענט דאָך אַוודאי הונגעריק. פאַרוואָס זאָגט איר מיר אָפּ, פאַרוואָס זאָל עס צום געמאַן אַריינפאַלן... אַזוי נאָענט... נאָענט... אוי, האָספּאָדי!...

— נו, נו, באַרויק זיך, ס׳פּאַסט נישט פאַר אַ סאָוויעטישער מאַמע. מ׳־ט טרערן וועט מען זיי נישט פאַרטרייבן...

— אַנטשולדיקט. אַנטשולדיקט. ניין, כ׳וויין נישט.

זי האָט זיך אויך אַוועקגעזעצט.

— ווו איז דער מאַן? — האָט געפרעגט דער קאָמאַנדיר מיט אַ געמאַכטער גלייכגילטיקייט. — אַוודאי אויפן פראָנט?

— אויפן פראָנט. אַ טאַנקיסט.

— הם...

— שוין אַ וואָך ווי ר׳איז אַוועק.

הם... נו, אַ דאַנק. באַאומרויק זיך נישט, מאַמעלע, ער׳ט שרייבן... מלחמה...

פאַרטאָג האָט מען פאַרלאָזט די כאַטע. אין דרויסן האָט דער שטאַב־קאָמאַנדיר אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף מאירס אַקסל און געזאָגט:

— כ׳וויס, רעביאַטאַ, אַז איר זענט הונגעריק ווי די וועלף. נו, און די דריי קינדערלעך?... צי קאָן אַזאַ ביסן אַראָפּ?

קאַפּיטל זעקס

די באַגעגעניש

מיט אַ געפיל פון אויפליײטערנדיקער פרישקייט, ווי נאָך אַ לאַנגער קרענק און שווערע קריזיס־מינוטן, האָט מאיר אויפגעכאַפּט זיך היינט. אַ האַלב־וואַכעדיקער, מיט פאַרשלאָפענע אויגן, האָט ער מיטן געדאַנק אַ כאַפּ אַרום געטאָן די נעכטיקע נישט־דערטראַכטע מחשבות. ער האָט, ווי זיין טבע, נישט סכהכלענדיק דאָס אַלטע, אָנגענומען אַ נייעם באַשלוס: אַ שפּאַציר טאָן הינטער דער שטאָט.

גוט וואָס היינט איז זונטיק. די מאַמע האָט אים געבעטן ברענגען אַ ביסל כלאָפּאָק־ריטלעך. נישטאָ מיט וואָס, זאָגט זי, אַ לעפל וואַרעמס אָפּצוקאָכן. אויך בראַנקעס מוטער האָט אים געגעבן אָנצוהערן: „וואָס האָט זי דערפון, אַז דער רובל איז דאָ, אַז מען קריגט קיין שטיקל האָלץ נישט צו קויפן״. היינט מאַכט ער עס, האָט ער צו זיך געזאָגט, אויפשפּרינגענדיק פון געלעגער. ס׳איז אַ שיינער טאָג. דעם וועג קען ער גוט, דעם וועג פון דער סטאַציע אין שטאָט אַריין. אָהאָ, גאַנצע דריי חדשים צו פוס געגאַנגען, צוועלף קילאָמעטער אַהין און צוריק. היינט איז עס אַ ביסל אַנדערש. אַן אַנדער געמיט און אַנדערע כוחות. אגב, וועט ער צוריקקומענדיק אַ רעד טאָן מיט בראַנקען. אַ שוואַרצע קאַץ איז צווישן זיי דורכגעלאָפן. עפּעס איינער אַ טאַדוש. ער מיינט, אַז ס׳איז יענער, וואָס האָט זיך דורכגעשלייכט ווי אַ שאָטן בעת ר׳איז מיט בראַנקען צום ערשטן מאָל אין הויף געשטאַנען.

מאיר האָט געליען ביי איינעם פון די גרוזטשיקעס אַ העקעלע און זיך געלאָזט אין וועג אַריין. פאַר טאָג. נישטאָ נאָך די מיד־גראָע פאַרנעפּלטקייט, וואָס מאַכט גליווערן בוים, בלאַט און גרעזעלע. אַלע ווייטקייטן

זענען אָפּן און אָפּגעדעקט. אַ שפּע פון יונגער, דורכזיכטיקער זוניקייט ליגט אויף אַלץ אויסגעגאָסן. צופוסנס פון באַרג־הויכקייטן שטייען עטלעכע ווייסע הייזקעס. איינגעטונקענע אין ליכט, וואָס טייעט אויף דער מאָרגן־בלויקייט ביי די הימלראַנדן, זעען זיי אויס ווי פענצטערלעך אין טאָג אַריין. נישט דאָס ערשטע מאָל זעט מאיר די בערג, אָבער קיין מאָל האָבן זיי אויף אים אַזאַ פרישן איינדרוק נישט געמאַכט. ער האָט זיי תמיד געזען אין טאָגליכט, ווען דער הימל דעקט אָפּ זייער אָפּגעבליאַקעוועטע נאַקעטקייט, ערטערווייז — אַשיק־גראָע שוואַרצקייט, ווי די לאַדרע פון אַן אַלטן קעמל.

אַצינד איז סוף אָב. אָבער דאָס ווינטל, די אַרומיקע פרישקייט, דערמאָנט אין פרילינג. ווי אין פרילינג, גייט דאָ אויף צום צווייטן מאָל דער ווייץ אויף די פעלדער. צוויי מאָל אין יאָר זייט מען און מען שניידט. די קאָמביינען שניידן, בינדן און פירן פירקאַנטיקע פעקלעך אין די שפּייכלערס, פון דאָרט — מיט קעמלען צו דער סטאַציע. די באַנען צעפירן די קערנער צוזאַמען מיטן אַראָפּגענומענעם כלאָפּאָק — דאָס „ווייסע גאָלד" — אין די וויטסטע פונקטן פון גרויסן און ברייטן לאַנד.

צוויי מאָל אין יאָר גייען־אויף די כלאָפּאָק־קעפּלעך אין גרינע שפּיציק־צעעפנטע קנאָספּן־קיישעלעך אויף הויכע דינע שטענגלעך. זיי זעען אויס ווי פּוכיקע, איינטאָגיקע הינדעלעך אויסגעפּיקטע פון איי. זיי טוליען זיך איינע צו די אַנדערע און וואַרטן אויף מענטשנס הענט, וואָס זאָלן זיי אָפּנאָפּלען פון צווייגלעך. דאָס זענען מערסטנס פרויען־הענט. פלינק און גרינג דרייען זיי אַראָפּ די קעפּלעך און וואַרפן זיי אין די פאַרטעכער. פון די פאַרטעכער שיט מען זיי אויס, יעדע בריגאַדע אויף אַ באַזונדער בערגל. אַצינד, אין די שווערע מלחמה־טעג, טוען עס אויך שול־קינדער, עלטערע מענער, באַפרייטע פון מיליטער־דינסט און אינוואַלידן, וואָס ווילן אַרבעטן. לאַנג לאָזט מען די אָנגעהויפטע בערגלעך כלאָפּאָק נישט ליגן אויפן פעלד. מיט הויכע, צוויי רעדערדיקע „אַרבאָ"־וועגענער פירט מען זיי אין די מאַגאַזינען, מען קלאַפּט זיי מיט שטעקנס, מען לייגט זיי אין ספּעציעלע מאַשינען, וואָס צעדריבלען, צעפּלעטשן די צעריבענע קעפּעלעך אין וואַטע־

קנוילן. נאָך דעם — אין די פאַבריקן, אויף די „סטאַנקי" פון די פּימאַ־קאַטנע צעכן.

אַ ביסל ווייטער פון די פעלדער, נענטער צו דער סטאַציע, פון וואַגאָן מאיר קומט אַצינד, — אַ הונגער. אַ צעקריגטקייט צווישן מענטש און נאַטור. אַ זשעדנעקייט אין אַ ביסל מעל. דאָ, אויף דער סטאַציע, אָדער באַזאַר, איז דאָס שטיקל ברויט באַהאַלטן פאַרן אויג. אונטער שטיקלעך לייוונט, קאָפּטיכלעך, האַנטעכער; אין קוישלעך און אונטערן איינציקן העמד אויפן לייב — ליגט דאָס שטיקל ברויט באַהאַלטן, ווי אַן אוצר. נאָר פּאָר שווערע פעקלעך רובלס, פּאָר אַ גוטן חפץ קאָן מען עס אויסלייזן. אויפן גראַם, ווי גאָלד, ווערט דאָס ברויט געוווֹיגן. גאַנצע, האַלבע, פערטעל־ווייז, גייט עס איבער באַהאַלטענערהייט פון האַנט צו האַנט. דאָ, נענטער צום מענטש, דעם באַאַרבעטער און אויסכשופער פון דער שפע, איז אויך די לופט אַ פאַרדאַרבן־הונגעריקע, ווי דער מענטש, וואָס אָטעמט זי איין אין זיך. ער אָטעמט די לופט צוזאמען מיטן פּחד פאַר הונגער־טויט, וואָס איז גרויזאַמער פון הונגער. אַנדערש זעגען אויך דאָ די גראָע קיביטקעס מיט אָפענע טירן, ווי אַנצייניקע מיילער. עסן, שרייען זיי, עסן! — פרייכן די ערדענע פאָדלאָגעס, ווי טרוקענע גומענס. עסן — שטומען אויס די היימ־לאָזע גייער ביי די טויערן פון באַזאַר, טאַלטשאָק, וואָקזאַל און צופוסנס פון די ברויט־קראָמען. הונגער וויינט אַרויס פון די מענטשלעכע צורהס אין שמאַטעס. גרויסע, ראָבע פליגן און בלויע פעטע בינען שפרינגען, קרייזן אַרום מיט שטאָלענעם געזשום און זעצן זיך אויף גוסטדיקן לייב, פּנים, אויגן, אויערן, מויל. אָנגעזויפטע מיט לעצטע טראָפּנס בלוט פון די לעבע־דיקע מתים, באַפאַלן זיי יעדן אָפּגעדעקטן קערפּער־טייל, פון קאָפּ ביז די נאַקעטע פוס־זוילן, צעקאַרבטע ווי מיט אומפאַרשטענדלעכע שריפט־צייכנס. אַ קרעכץ, אָדער מידער מאַך פון האַנט, יאָגט זיי אָפּ אויף אַ ווייל, די נאָגנדיקע ברואים; זיי בלייבן שטיין אין דער לופטן און לאָזן ווידער זיך אַראָפּ, מאַכן רעדלעך, ווי קליינע, רוישיקע אַוויאַנדלעך, פאַרוווּנדן, הרגענען די מאַכטלאָזע קרבנות.

ס'איז געווען אַרום צוועלף בייטאָג. כדי נישט צו וואַרפֿן זיך אין די אויגן די פֿאַרבייגייער, די כאַפּער, וואָס „וואַקסן ווו מען זייט זיי נישט", איז מאיר נישט געגאַנגען מיטן הויפּטוועג. ער האָט זיך פֿאַרנומען מיט אַ זייטן־שטעגל.

דאָ, אויף וויאַרסטן ווייט און ברייט, צווישן שטאָט און דערפֿער־קאָלכאָזן, האָט די גרעטסע טייל פֿעלדער געפּוסטעוועט. דער געל־רויטער באָדן איז פֿאַרטרוקנט, מיט אָדער־שפּאַלטן און לעכער פֿון שלאַנגען און עקדישן. ווילדע קוסטעס און שטעכיקע דערנער, באַדעקטע מיט שטויב און מאָך. מוראַשקעס בויען זיך פּאַלאַצן, שפּינען וועבן לופטיקע וועלטן, שפּרייטן אויס זייערע נעצן און פֿאַרכאַפּן די גרויסע, בייזע פֿליגן, פֿלאַטער־לעך, קאָמאַרן. אויסגעשעפּטע, בלוטלאָזע בלייבן זיי הענגען, ווי קנופּן פֿון נישט־זעבאַרע פֿעדעם. מאיר האָט זיי צעריסן מיט זיין זיגזאַגיש היפּערדיקן גאַנג, ווייל דאָס שטעגל איז ערטערווייז אויך פֿאַרוואַקסן געווען. האַלבע און גאַנצע פּלאַכטעס האָבן זיך געקלעפּט צו זיינע שיך און הויזן. זיי זענען געווען אַזוי שטאַרק, אָט די שטויב־פֿעדעם, אַז מאיר האָט נישט איין מאָל מיט די הענט זיי באַדאַרפֿט פֿונאַנדערנעמען און דורכשלאָגן זיך אַ וועג. ער האָט געזוכט די „קעסטעלעך" כלאָפּאָק־פֿעלדער, וואָס זענען ווי נייע לאַטעס אויף אַן אַלט אָפּגעטראָגן בגד דאָ און דאָרט געלעגן. אַהין צו האָט ער געאיילט מיטן העקל אין האַנט.

אין דעם חודש זענען שוין די פֿעלדער געווען נאָכן אָראָפּגענומענעם ביינוול. ענדלעך צוגעקומען צו די פֿאַרטריקנטע, הויכע כלאָפּאָק־צווייגלעך. מיט קענטשאַפֿט זיך גענומען צו דער אַלטער מלאכה. ער האָט אונטער־געהאַקט אַ סך ריטלעך, געמאַכט אַ בינטל, פֿאַרוואָרפֿן אויפֿן אַקסל און זיך געלאָזט גיין. געגאַנגען און געזוכט אַ שאָטן, ווו זיך אָוועקצוזעצן, דעם אָטעם אָפּכאַפּן פֿון לאַנגן וועג אַהין און צוריק. אין די שעהן איז אַלץ אָפּגע־שטאָרבן. די דרימלענדיקע וויסטעניש אונטערן בלויען, אומבאַפֿלעקטן הימל ווערט ליידיקער, אויסגעצויגענער. די ווייניקע פֿוסגייער, אייזל־און קעמל־רייטער, וואַרטן איבער די ברענענדיקע זומער־שעהן אונטער אַן איינזאַמען בוים, אָדער אין די נישט־טיפֿע וואַסער־קאַנאַלן (אַריקס), וואָס

ציען זיך לענגאויס ביים הויפּט־וועג. אַצינד זענען די קאַנאַלן טרוקן, באַ־וואַקסן מיט ווילדגראַז. אויפן קרומען שאָטן פון אַ דערבייאיק רוענדיקן קעמל, קאָן מען זיך צוזעצן, איבערוואַרטן ביז זון־פאַרגאַנג. אין דער שעה, ווייסט מאיר, זענען אויך די באַזאַרןליידיק. אַלע רוען. מען זופּט אַ גלעזל קוואַס, טיי, אַ קענדל „בוזא". די שטוביקע זיצן אין די גערטנער, אונטער אַ שאָטן־ביימל אָדער אינעווייניק, אויפן דיוואַן־בעט, אויף אַ וואַטענער קאָלדרע. אויך אין די טשייכאַנאַס זיצן גרופּקעלעך. מען רעדט מידע, אָפּגעהאַקטע רייד, מען דערציילט זיך מלחמה־מעשיות לעצטע פראָנט־ידיעות. אונטער דער צונג האַלט מען גרינע קרייטעכצער, מען נאָגט זיי מיט די ווייסע ציין און מען שפּייט אויס. נאָכן צווייטן־דריטן שפּיי שיטן זיי ווידער אַ מאָל אַרויס פון די עקסטרע טאָרבעלעך און טאַבאַק־פּושקעלעך אויף דער האַנט־פּלאַך די קרייטעכצער און וואַרפן עס אונטער דער צונג. מעלה־גרהן דעם קלייסטער און וווּנדערן זיך:

— אַזוי פיל אין דער „קיסלאַרמיע" (רויטער אַרמיי), אוודאי אַ גרויסע מלחמה...

— אוהו, אַללה...

ערשט נישט לאַנג איז מאיר פאַרבייגעגאַנגען אַזאַ „רעדל", געהערט ווי איינער דערציילט:

— הערנער פון אַ הירשין זענען געהאַנגען ביי אים אויף דער וואַנט, אַ מתנה פון זיין מאַרזשאַס זיידן. פון מאַנדזשוריע האָט מען זיי געברענגט. אַהאַ, ווייט, ווייט, פון טייגע וואָס ביים אָקעאַן, זאָגט מען, ביי כינעזישער גרענעץ. דאָרטן, ביי די כינעזער, האָט דער זיידע דערציילט, ווערן די הערנער געהאַלטן אונטער גלאָז, אַ סגולה אַזאַ. מען היילט מיט זיי קראַנקע און ס'איז אויך אַ רפואה צו שלום־בית.

— אוהו, או, וואָס הייסט אַ רפואה צו שלום־בית?

— ס'הייסט, כל זמן די הערנער זענען גאַנץ, וועט קיין קריג נישט זיין. נישט אין שטוב, נישט אין לאַנד. פאַרשטאַנען, אייזלקאָפּ? און נישט סתם קיין הערנער, נאָר הערנער מיט אַ שטיק שטערנבייך. דאָס טרעפט מען ביי די גאָר רייכע כינעזער.

זאמד

— נו, נו, איז וואָס איז געשען?

— אַראָפּגעפּאַלן און צעבראָכן געוואָרן. אַ שלעכטער סימן, ברידער־לעך, מלחמה...

— און איך האָב געזען, — גיט אַ צווייטער אַ שפּיי אין אַ זייט ס׳גרינע פון מויל און הייבט אָן: — אַנומלט, פאַר טאָג, האָב איך געזען אַ געדיכטן רויך־וואָלקן. ווי אין וואַטע געוויקלט האָבן פון אים אַרויסגעקוקט פאַר־באַנדאַזשירטע קעפּ, צעפלאַמטע פּנימער, נעז, אויגן. גלגולים פון די געפאַלענע אויפן „קיסלאָק" זענען דאָס... דאָס זענען זייערע אויסגע־הויכטע נשמות וואָס גייען אַרויף אין הימל אַריין, צו אַללאַ.

אַלע האָבן אונטערגעקרעכצט, פאַרהויבן די שווערע קעפּ און פאַר־מאַכט די אויגן. אייניקע האָבן אויך עפּעס געפּרעפּלט אין דער שטיל...

מאיר איז געגאַנגען, געטראַכט וועגן די מעשיות, האַלב־וואָרע, האַלב־אויסגעטראַכטע, און מיט די אויגן געזוכט, געוואָלט געפינען אַ שטיקל שאָטן. ער זעט איינצלנע פאַליעס, וואָס שטייען ווייט, אין דער זייט פונעם וועג. די שרפהדיקע היץ, די זון־פעדעם, וואָס וועבן די מאָנאָטאָנקייט פון קאַזאַכסטאַנער העק, האָבן מידער, פאַמעלעכער געמאַכט מאירס טראָט. אַ בענקשאַפט איז אים פּלוצעם באַפאַלן. ווען אַצינד, אַ שטייגער, אין מיטן פרייען פעלד, וואָלט פּלוצעם אויסגעוואַקסן פאַר די אויגן אַ מענטשן־געשטאַלט? אַ פּנים! — האָט ער זיך געטראַכט. און אפשר טאַקע איינער פון די ברידער... זיי פאַרפאָלגן אים לעצטנס; חלומות, האַלוצינאַציעס...

מאיר האָט אַ סך געלייענט וועגן דער סיבה פון אַזעלכע דערשיינונ־גען — טעלעפּאַטיע, דאָס זען אויף מרחקים. כאָטש מען פּרוווט דאָס די לעצטע יאָרן דערקלערן מיט כלערליי וויסנשאַפטלעכע השערות: פּאַראַ־פּסיכיע, פאַרבאָרגענער צוזאַמענהאַנג צווישן מענטש און קאָסמאָס, — ענדיקט זיך יעדע פעסטשטעלונג מיט... „נאָך סיבות, אומבאַגרייפלעכע פאַרן מענטשלעכן שכל". מען לאָזט, הייסט עס, אָן אָפן טירל פאַר אייגענע היפּאָטעזן, איינרעדענישן, אַבערגלויבן. מאיר האָט אַצינד, אין קעגנזאַץ צו זיין שכל הישר, געגלויבט אין אַזאַ מין נס. אין יעדן אָביעקט, פון אַ מוראַשקע ביז אַ שניי־ווייס וואָלקנדל אויפן אומבאַפלעקטן בלויען הימל

האָט ער געזען אַ טייל פון איין גרויסער גאַנצקייט. ער האָט זיך דערנענטערט צו איינער פון די פּאַלמעס — מקנא איז ער אים געווען דעם בוים. ער ווייסט נישט פון קיין עלנט, דער סטעפּ איז זיין היים. שטייט און גלאָצט מיט גרין־גראָען צעשויבערטן בלעטער־קרוין אין הימל אַריין. דער בוים איז אַ נעסט פאַר די ווילדע, ווייסע טויבן מיט שפּיציקע שפּאַרבער־פליגל. פול איז די געגנט מיט די דאָזיקע פייגל. זיי געהערן אַוודאי צו דער משפּחה „טויבן״, אָדער אַ מישלינג „באַטשאַן־טויב״. די זעלביקע דינע, בייניק־מוסקולירטע פיסלעך, עלאַסטישער גאַנג און לאַנגע שנאָבלען. די שנאָבלען זענען רויט ווי ביי טויבן, און די פיסלעך, קלענער ווי ביי די באַטשאַנעס. אָט טוט זיך אַ טשאַטע אַ הייב אַרויס פון בלעטער־קרוין, שניידנדיק מיט די פליגל דעם חלל, קרייזן זיי אַרום דעם בוים, און זעצן זיך צוריק. פּלוצעם... סאַראַ ווונדער, וואָס זעט ער דאָרט ווייט? אַ מאַן אויף אַן אייזל, צי אַ פרוי מיט אַ פּעקל אויף די פּלייצעס? אַ קעפּעלע קוקט אַרויס פון פּעקל, ווייזט אויס אַן אַנגעהאָנגענע קאָלדרע און אַ קינד ליגט דערין. ביי דער האַנט פירט זי עמעצען און אויפן קאָפּ אַ בינטל האָלץ. ניין. ס׳איז קאָנטיק, צוויי קליינעביימלעך. זיי באַוועגן זיך דאָך, טראַכט ער, און קאָן נישט באַשליסן. צוויי פלעקן זעט ער, אַ שטייענדיקן און אַ גייענדיקן. סיי ווי, עפּעס לעבעדיקס. פון מינוט צו מינוט ווערן זיי אָנזעעוודיקער, בולטער. ער קאָן שוין געגנוי פעסטשטעלן — אַ מאַן מיט אַ זעקל אויף די פּלייצעס, הינטער אים — אַ בוים. אַ הויכער, ברייט־צעצווייגטער בוים, מען זעט נישט אַזעלכע אין דער געגנט. מאיר האָט זיך דערפרייט. אויך צייט געהאַט אַ טראַכט צו טאָן: סאַראַ ווונדער, האָט טאָקע זיין בענקשאַפט אַרויסגערופן דעם גייער? צי האָט יענעמס דערנענטערנדיק געשטאַלט, הינטערן זע־קרייז פון אויג, געוועקט אין אים די מחשבה, די באַדערפעניש פון „אַ לעבעדיק באַשעפעניש״? טעלעפּאַטיע, פּאַראַפּסיכיע און נאָך סיבות, אומבאַגרייפלעכע פאַרן מענטשלעכן שכל....

מיטן זייט פון וועג, איבער אַ שמאָל אָדער־שטעגל, איז געגאַנגען אַ מענטש. העכער פון מיטעלן וווקס. אויף שמאָלער, געבויגענער פּלייצע, טראָגט ער אַ פּעקל. זיינע אויגן — טונקעלע, גרויסע, אַ לענגלעכע נאָז

מיט אַ קליינעם הייקערל אין מיטן, שיער נישט אַ יידיש האָרבעלע. אַ שוואַרץ, קוואַדראַטמעסיק בערדל מאַכט לענגלעך זיין מאָגער, פאַרשטויבט און פאַרמאַטערט פּנים, וואָס דריקט אויס אַ פאַרלאַנג צו באַפרייען דעם אַקסל פון פּעקל. ער טראָגט אויף זיך אַ לאַנגן כאַלאַט פון גראָען טוך, אַרומגענומען מיט אַ רויטן גאַרטל. ס׳האָט אויסגעזען, ווי נישט די היץ און נישט דאָס פּעקל, נאָר די שווערע געוואַנטענע קאַפּאָטע דריקט אויף אים. דאָס איינציקע העלע, וואָס טיילט זיך בולט אויס פון דער גאַנצער גראָער געשטאַלט, זענען די ווייסע הענט. זיי האַלטן פעסט דעם האַלדז פון זעקל, וואָס שווערט אַראָפּ זיין אַקסל, מאַכט אים געבויגענער, נידעריקער.

— אַ גוט מאָרגן — רופט זיך אָן מאיר — פאַרקערעווענדיק זיך צום שטעגל־אויסבויג מיט וועלכן דער פרעמדער קומט אָן.

— סאַלאָם אַלעיקעם — ענטפערט יענער גאָרגלדיק, צעצויגן און הילכיק און טוט דערביי אַ שמייכל. דער שמייכל פון אַנטקעגנקומענדיקן און די אייגענע מידקייט האָט מאירן ווייטער נישט געלאָזט גיין. ער נעמט אַראָפּ דאָס בינטל צווייגלעך פון פליצע און לייגט עס נאָענט פון פרעמדנס פיס, וואָס האָט אויך, אַפּנים, באַשלאָסן שטיין בלייבן.

— ווהין אין אַזאַ שעה?

— צו דער סטאַציע.

— אין אַזאַ היץ?

— אַרויס בין איך פאַר טאָג צוליב אָט די „אוזופּאַיאַ״־שטעקעלעך און זיך אַ ביסל פאַרבלאָנדזשעט.

— פון וואַנעט ביסטו, יונגערמאַן? אַוודאי אַן עוואַקואירטער?

— ווער האָט עס אייך געזאָגט?

—ווער דאַרף זאָגן? דערקענט ווערדליק דעם אָנטאָן, די שפּראַך. אַליין?

— ניין. אַ טאַטע און אַ מאַמע. אויך ברידער, נאָר נישט דאָ.

— פון וואַנען געקומען?

— פון פּוילן.

— אַ פּוילישער?

— אַ פּוילישער ייִד.

— סאַלאַם אַלעיקעם, יונגערמאַן — האָט יענער נאָך מער צעצויגן און באַטאָנט די צוויי באַגריסונגס־ווערטער. ר׳האָט זיך פאַרנייגט און צוגעלייגט אַ האַנט צום שטערן, צום מויל און צו דער ברוסט, ווי דער מנהג דאָ ביים באַגריסן זיך מיט אַ באַקאַנטן, אַלטן גוטן פריינט, און געזאָגט:

— דו רעדסט מיט אַ בוכאַרער ייִד. אַ ייִד, אָבער קיין ייִדיש קען איך נישט.

— ניטשעוואָ, נישט די שפּראַך איז וויכטיק, נאָר דאָס וואָרט.ביידע האָבן גערעדט אין אַ גרייזיקן רוסיש.

— וואָס טראָגט איר דאָ אין פּעקל? — איז מאיר געוואָרן דרייסטער.

— אַ קשיה. יעדער איינער האָט זיין פּעקל. צו וואָס שטייך דאָ אין דער היץ? — האָט דער בוכאַרער ווייטער געצויגן — לאָמיר זיך אָפּרוען דאָ אונטערן בוים, דער וועג צו דער סטאַציע איז נאָך ווייט.

זיי זענען אַרונטערגעגאַנגען און זיך צוגעזעצט. ערשט אַצינד האָט מאיר באַמערקט דעם פייגנבוים. אַזוי נאָענט און אַזוי מעכטיק גרויס, פאַרוואָס האָט ער באַלד נישט געזען, האָט עס אים געוווּנדערט אויף זיך אַליין. אַ דיקער שטאַם מיט קאַרבן, אָנוווּקסן און טיף אַריבערגעוואַקסענע קנייטשן, ווי דאָס פּנים פון אַ זקן. נידעריק איבער דער ערד בייגט זיך אַראָפּ ס׳געצווייג, אין דער לענג און דער ברייט — אַ ריזיקער שירעם. די געדיכטע בלעטער־קרוין, די צווייגן — שווער און גראָב וויביימער, האָבן אָפּנים, דעם שטאַם פון אָרט גערירט. וואָרום ער איז געשטאַנען קווער, די וואָרצלען אָפּגעדעקט, אָט־אָט צום אומפאַלן. ניין, נישט קיין וואָרצלען. ס׳האָט אויסגעזען ווי פינגער פון קראַמפּהאַפטע הענט קלאַמערן זיך אין דער ערד, פאַרהאַלטנדיק דעם בוים אין זיין לעצטער מינוט פון פאַלן. געראַטעוועט אַוודאי פון אַ זאַמד־שטורעם.

געזען מאירס וווּנדערן זיך, האָט דער בוכאַרער אַ זאָג געטאָן:

— דו זעסט, יונגערמאַן, דעם בוים? ער איז דער איינציקער אין

דער געגנט. סטעפּ האָט ליב פּאַלמעס און נישט קיין פייגנביימער. די שלאַנקע פּאַלמעס באַקריינען די ליידיקייט. דערפאַר האַלטן זיי די זאַמדן פעסט, בריען אויס די נאַרונג פון זייערע וואָרצלען. זייער פאַררייסענע קיילעכדיקע דינקייט, וואָס אַ ליאַדע ווינט, דאַכט זיך, קאָן זיי איבער־ברעכן — זענען געכפּלט מיט כוח און פאַרהאַרטעוועטקייט פון מער ווי איין שטאַם. דאַקעגן פייגנביימער האָבן „ליב" שטייניקן באָדן. ממש צווישן פעלדזן וואַקסן זיי. אין פּאַלעסטינע זעט מען זיי אַ סך: מערסטנס אין ירושלים.

— פּאַלעסטינע, ירושלים — רייסט אים מאיר איבער אין מיטן — זענט איר דאָרט געווען?

— אַוודאי, אַלס קינד. צוריקגעקומען אַהער ווען די גרענעץ איז אָפן געווען. מען האָט דעמאָלט געהאַלטן אין איין וואַנדערן פון פערסיע און אַפגאַניסטאַן.

— ווען?

— בשעת מען האָט זיך געשלאָגן מיט די באָלשעוויקעס. איך בין דעמאָלט געווען אַ קינד פון אַ יאָר צען. די מאַמע מיט נאָך דריי ברידער־לעך זענען געבליבן אין חדרה.

— אַזוי גאָר? — האָט מאיר אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגן.

— אַזוי, יונגערמאַן. די מאַמע איז דאָרט, אין דער זומפּיקער געגנט, געשטאָרבן פון מאַלאַריע. די קינדער זענען געבליבן אין אַ קיבוץ, הינטער חדרה. היינט — ביימער, גרינס, ס'איז נישט צו דערקענען דאָס אָרט.

— פון וואַנען ווייסט איר דאָס אַלץ?

— איך באַקום פון מאָל צו מאָל גרוסן פון טאַטנס באַקאַנטע. הם... אייגנטלעך... דאָ רעדט מען נישט אַזעלכע זאַכן. אָבער... דו ביסט דאָך אַ פּוילישער, זאַגסטו. אַנשטענדיקע מענטשן, די פּוילישע, ליידן, נעבעך.

— נו, נו, דערציילט. צום ערשטן מאָל זע איך אַ בוכאַרער ייד, כאָטש געהערט פון זיי האָב איך אַ סך. אינטערעסאַנט, דערציילט.

—יאָ, מיר האָבן דאָ, אין טורקעסטאַן, געוווינט עטלעכע יאָר. דאָס דאָזיקע אָרט פאַרבייגעגאַנגען נישט איין מאָל. דעם בוים, פלעגט מיין

טאַטע דערציילן, האָט קיינער נישט געפּלאָנצט. ער איז פאַרטראַגן, האָט ער געזאָגט, פון אַ סאַמום־ווינט, וואָס קומט פון סאַהאַראַ. יעקב אבינו, האָט ער גערופן דעם בוים. וואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר, יונגערמאַן? אַ פּוילישער דאַרף וויסן ווער איז געווען יעקב אבינו, באר שבע, שוין פאַרגעסן חומש? ער האָט זיך געראַנגלט מיטן מלאך... און דער בוים — מיטן סאַמום־ווינט. טאַקע אויסגעלענקט, שיער אים נישט אומגעוואָרפן. דו זעסט ווי ער שטייט?

— האָט איר געלערנט חומש?

— אַוודאי, געלערנט, אין חדרה. כ'האָב אָבער שוין פאַרגעסן. נאָר דאָס וואָס דער טאַטע האָט מיר דערציילט וועל איך תמיד געדענקען.

— זאָגט מיר, כ'בעט אייך, וואָס מיינט מען „סאַמום"? שוין צוויי מאָל דערמאָנט דאָס וואָרט.

— אַ ווילדער זאַמד־ווינט אין סטעפּ. דעמאָלט, ווען דער בוים־זאָמען איז אַהער פאַריאָגט געוואָרן, האָט נאָך קיין מענטשלעכער פוס דאָ נישט געטראָטן. טשימקענט, אַלמאַ־אַטאַ זענען געווען דערפלעך. פון דאַנען אַהין צו האָבן זיך געשלעפּט קאַראַוואַנען. ווילסטו אפשר עפּעס איבער־כאַפּן? — האָט דער בוכאַרער אַ נעם געטאָן זיך צום זעקל.

— אַ דאַנק, געגעסן. מען דאַרף באַלד גיין.

— נייך, ברודערקע, אַצינד רוט מען. טאַקע אַ נייער, זע איך. אַזאַ שאָטן לאָזט מען נישט אַליין אין מיטן טאָג. אויך איך האָב צו אים געצויגן. געזען אַ מענטש פון דער ווייטנס, האָב איך זיך, וואָס אַן אמת, אַ ביסל דערשראָקן. אַ קשיה — היינטיקע צייטן. דאָס האַרץ האָט מיר אָבער געזאָגט, אַז כ'וועל עמעצן באַגעגענען... אַ סך עוואַקואירטע דרייען זיך אויף די וועגן.

דער בוכאַרער האָט צוריקגענומען די האַנט פון זעקל און זיך אַוועק־געזעצט מיט די פיס אונטער זיך. אַרויסגענומען פון אונטערן כאַלאַט אַ טאַבאַק־פּושקע, צעעפנט און מיט צוויי פינגער, ווי מען נעמט אַ שמעק טאַבאַק, אַריינגעוואָרפן אַ ביסל שוואַרצן מיאַל צווישן די ציין און צונג. זיין פנים איז מיט אַ מאָל ליכטיקער געוואָרן. אין די גרויסע אויגן האָט

אויפגעגלאַנצט אַ פּאָספּאָר־שײַן. אַזאַ אויסטראַלנדיקע שײַן, האָט מאיר ערגעץ ווו געלייענט, טרעפט מען אויף די רוקנס פון פיש. דער גלאַנץ באַלײַכט זיי דעם וועג אין די וואַסער־טיפענישן, ווו די זון קומט נישט צו... די רוקן־ליניע וואָס באַשטייט פון קליינע קאַנאַלעכלעך, גיט איבער די קלענסטע וויבראַציע אין דרוק־ענדערונג און היט אַזוי אָרום אויס דעם פיש פון געפאַרן.

— דערציילט, דערציילט — האָט מאיר אים צוגעגעבן מוט, אָוועקזעצנדיק זיך אַנטקעגן אים אויפן בינטל שטעקעלעך, — איר רעדט אינטערעסאַנט. שוין לאַנג נישט געזען אַזאַ ייד. דאָס האָט מיין בענקשאַפט צו מענטש אייך אויסגעכישופט אין דעם וויסטן, ווילדן העק.

— דו, חברל, ביסט מיר אויך אַ מאָדנער, אַ טשודאַטשנער פּאַרין *) — דער בוכאַרער האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט, נישט אַראָפּנעמענדיק די אויגן פון מאירן. ער האָט אָנגעהויבן, פונדעסטוועגן, פון דער „נייטראַלער" טעמע: קעמל.

— קעמל־קאַראַוואַנען האָבן זיך דאָ געצויגן. ווייסטו וואָס פאַר אַ קלוגע חיה דער קעמל איז?

— ווי ביי אונדז דאָס פערד.

— נישט קיין שלעכטע חכמה געזאָגט. שוין פון אוראַלטע צייטן איז דאָס די נוצלעכסטע חיה אין אַזיע. די ווייטע וויסטענישן און סטעפּן, אָרעמע אין וואַסער און אין פלאַנצן, קאָנען באַוווינט ווערן פון מענטשן נאָר אַ דאַנק דעם קעמל. ער גיט זיי אַלץ וואָס איז נייטיק צום לעבן: שמאַלץ, פליישׁ, מילך, פעל און וואָל. אַפילו זיין מיסט דינט דאָ אַלס הייץ־מאַטעריאַל. נאָר אויפן קעמל איז מעגלעך דורכצורייזן די טרויעריקע, זאַמדיקע און שטיינערנע מדבריות. מען רופט אים דעריבער „די שיף פון מדבר". זיין הויקער איז פאַר אים אַ מאַגאַזין פון פעטס, אַ דאַנק דעם קאָן ער לאַנג איבערטראָגן הונגער. ער ווערט איינגעשרומפּענער, קלענער אין

*) אַ מאָדנער יונגערמאַן.

הונגער־צייט און גרעסער — בעת ער עסט גוט. זיינע לאַנגע, שטאַרקע פיס האָבן נאָר צוויי קליינע קלאָען, וועלכע זענען צונויפגעוואַקסן אין איין ברייטער, האַרטער פוס־זויל. דערפאַר זינקען נישט איין די פיס אין שיטערן זאַמד. זיי פאַרהיטן אויך פון וווּנדן און ווילדע, שטעכיקע געוויקסן. אַזעלכע פאַרהאַרטעוועטע ערטער געפינען זיך ביים קעמל אויך אויף דער ברוסט און אויף די קני, ווייל די דאָזיקע אברים באַרירן די ערד בעת ער ליגט. אויך די ליפּן, די צונג, דאָס מויל זענען באַדעקט מיט אַ פאַרהאַר־טעוועטן, דיקן פלאַסט. דערפאַר עסט דער קעמל די שטעכיקע מדבר־געוויקסן. אין זיין מאָגן געפינען זיך עקסטרע קעמערלעך, וואָס פאַרמאַכן זיך, ווען זיי ווערן אָנגעפילט מיט וואַסער. דאָס גיט דעם קעמל די מעג־לעכקייט איבערצוטראָגן דאָרשט. ער קאָן זיך אויך דערנערן מיט זאַפּ־טיקע פלאַנצן. וואָכן־לאַנג קאָן ער דעריבער אויסקומען אָן אַ טרונק.

מאיר איז געזעסן מיט אָפן מויל און אויערן. ער האָט נישט איין מאָל געזען די מדבר־חיה: איינציקווייז און מחנותווייז. ער האָט אויך עפּעס געהערט וועגן זיי, אָבער אַזוי געניי, קיין מאָל נישט. מאיר האָט, ווי זיין טבע אין אַזעלכע מאָמענטן, נישט אויסבאַהאַלטן זיין אַנטציקונג. בפרט, אַז דער פּרעמדער איז קיין פרעמדער נישט. אַ שטאָם־ברודער. צוויי צווייגן פון איין בוים, ווי אָט אַ דער, אונטער וועלכן זיי זיצן. צוויי צווייגן פון איין בוים, וואָס דער „סאָמום", די מלחמה, האָט זיי פאַרוויעט דאָ, אונטער איין שאָטן... זיין אייגענער פאַריידישטער רוסיש, דעם בוכאַרערס האַלב־פּערסיש, האַלב־אוזבעקישער „יעווריעסקי" ידיש, יעקב אבינו און חומש — איז מאירן אַצינד אייגן און נאָענט געוואָרן. ווי אַמאָל, אַ יינגל, פאַרכאַפּט פון די באָבע־מעשיות, וואַנדערער, דאָרפסגייער, האָט מאיר פאַרגעסן אין דער אַרומיקער היץ, דאָרשט און אין דער שפּעטער שעה.

און איידער מאיר האָט באַשלאָסן ביי זיך, צו פרעגן וואָס איז זיין באַשעפטיקונג — האָט דער בוכאַרער ווייטער דערציילט: פון פאַך איז ער אַ וועטערינאַר, געענדיקט אַ זוראַטשעבנע אוטשילישטשע*), געאַרבעט

*) אַ מעדיצין־שול.

אַלס ברילִיאַנטן־שלייפער, אַ מבין אויף גאָלד, און לעבן לעבט ער פון שיך־פּוצעריי.

— בעסער, בעסער אַזוי — גיט ער צו.

דאָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט מאירס נייגעריקייט. ער איז זיצן געבליבן ווי אַ געהאַרכזאַם ייִנגל, בעת דער בוכאַרער האָט ווייטער געצויגן:

— דער קעמל גייט גיך, מיט לאַנגע, ברייטע טריט. בעתן גיין באַוועגט ער צו גלייך מיט ביידע פיס פון איין זייט, נישט אַזוי ווי אַנדערע פיר־פיסיקע. צו ערשט מיטן לינקן הינטערשטן און רעכטן פאָדערשטן פוס. וואָרום זיינע פיס זענען לענגער ווי ביי אַנדערע חיות, ער וואָלט אַנגעטראָטן איינעם אויפן צווייטן און אומגעפאַלן. דעריבער, טאַקע, שאָקלט ער זיך גייענדיק. דער שאַרפער חוש־הריח פון קעמל ווייזט אים אָן, אויף אַ מרחק פון עלטעכע וויאָרסט, אויף אַ קוואַל, מעג דער קוואַל זיין פאַר־באָרגן אונטערן זאַמד. ער פילט אויך דאָס אָנקומען פון ברענענדיקן מדבר־ווינט, אַ סך פריער פאַרן רייזנדער, וואָס אויף זיין רוקן.

— און פון וואַנען שטאַמט ער, דער קעמל — האָט מאיר געפרעגט מיט קינדערישן אומוויסן.

— ער שטאַמט פון אַראַביע.

מאיר האָט שוין לענגער נישט געקאָנט אויסהאַלטן:

— לעבט איר טאַקע פון שוכפּוצעריי, אָט דאָ, אין טורקעסטאַן?

— ניין. אין אַשכאַבאַד בין איך. כ׳קום אַהער אָפּט צו באַקאַנטע. דו ווייסט דאָך — פון זיצן אויף אַן אָרט איז נישטאָ קיין פּרנסה... אין מלחמה־צייט וואַנדערן פעלקער, וואַנדערן מענטשן. מען אַרבעט ביי אַ סך אַרבעטן און כדי אָפּצועסן מוז מען אויך אונטערהאַנדלען. דאָס לעבן דאָ איז — ווי זאָל איך עס דיר זאָגן — אַזוי ווי ביי אַ מענטש אויפן האַרצן: עפּעס איז דאָ און עפּעס פעלט... יאָ, אין אַשכאַבאַד בין איך אַ שיך־פּוצער...

אַשכאַבאַד, פּערסיע, גרענעץ, עטלעכע מאָל האָט מאיר געהערט די ווערטער און ערשט אַצינד, צום סוף פון בוכאַרערס רייד, זיך פאַרטראַכט. עס האָט אים דעמאָנט אין די וואָס רייסן זיך אַהין. מעגלעך, אַז ס׳זענען

אויך אמת די מעשיות, וואָס מען הערט זיך אָן, די קלאַנגען וועגן אַריבער־כאַפּן זיך. אפשר איז פּאַרט וועמען פון די ברידער געלונגען ?...

אויך דער דערציילער האָט, אַנטשוויגן ווערנדיק, פּלוצעם זיך פאַר־קוקט. ער נעמט נישט אַראָפּ זיינע צעעפנטע טונקל־גלאַנציק־צעשיינטע אויגן פון מאירס פּנים, גלייך אָקערשט, אין דער מינוט, וואָלט ער אים דערזען. פון אונטער דעם בוכאַרערס געדיכטע ברעמען האָט, ווי אַ זון דורך אַ נעפּל, געגומען אַרויסשלאָגן יענער פאָספאָר־גלאַנץ. דאָס אומבאַ־קאַנטע יידישע פּנים פון יונגנמאַן האָט אין זיין זכרון, אויגנבליקלעך, איבערגערופן זיך מיט נאָך צוויי מענטשן־פּנימער, מיט וועלכע ר׳האָט זיך עטלעכע טעג פאַרן לאָזן זיך אין וועג אַריין צופעליק געטראָפן. אַצינד, גראָד אין דער רגע, באַמערקט ער ערשט די ענלעכקייט. לאַנג, שאַרף, קלוג און פאַרהוילן — אויף היגן, אַזיאַטישן שטייגער — האָבן זיינע בליקן, דורכדרינגלעך און פאַרשעריש באַטראַכט דעם פרעמדן, מיט וועמען ער זיצט שוין דאָ עטלעכע שעה. קוקנדיק אין יוגנמאַנס גראָלעך־גרינע אויגן, שאַרפע קינבאַקן, פּעטלעכע, עטוואָס פאַרהויבענע ליפּן — ווערן אים יענע צופעליקע פּנימער נענטער.

וואָס האָבן זיי געוואָלט פון אים, די צוויי יונגעלייט ? זיי האָבן געזוכט אַ פּאַסט.

— צו וואָס אַ פּאַסט ? — פרעגט ער.

— אַ טעלעגראַם, אַ בריוו אַהיים. מיר זענען פון דער פּוילישער אַרמיי, מען ריכט זיך אַ ליאַדע טאָג אָפּגעטראַנספּאָרטירט צו ווערן אויף יענער זייט גרענעץ.

— ווו איז אייער היים ? וועמען האָט איר דאָרט ?

— אַ טאַטן, אַ מאַמען, אויך ברידער. מיר זענען פּוילישע יידן, מאָביליזירט געוואָרן אין טורקעסטאַן.

און דער בוכאַרער האָט איבערגעריסן דאָס שוויגן מיט אַ פראַגע :

— אַ פּוילישער, האַ ? האָסט דאַכט זיך געזאָגט, האָסט דאָ עלטערן, ברידער ?

ער האָט נישט געוואָרט אויף אַן ענטפער. נאָך אַ מאָל אַ קוק טוענ־

דיק אויפן מיטשמועסער, וואָס זיצט אַ פּאַרטראַכטער, האָט ער ווייטער גערעדט. ער האָט איבערגעגעבן וואָרט ביי וואָרט וועגן דער באַגעגעניש מיט די צוויי אויפן אַשכאַבאַדער וואָקזאַל, אויסגעמאָלט זייער אויסזען.

— אַך, גאָט! גוטער ייד, וואָס שווייגט איר?!

— איך דערצייל דאָך.

— פאַרוואָס האָט איר די גאַנצע צייט געשוויגן? — איז מאיר אויפגעשפּרונגען פון אָרט, אָנגעכאַפּט דעם בוכאַרער פאַר די הענט און געפאַלן אים קושן.

— נו, נו, נו, — האָט ער אים פריינטלעך צוריק אָוועקגעזעצט — ווי רופט מען דיך?

— מאיר, מישאַ, וואָסער נפקא מינה? האָבן זיי אויך געזאָגט ווי זיי הייסן?

— ניין. נישט איינגעפאַלן צו פרעגן. מיינסטו טאַקע, אַז דאָס זענען דיינע ברידער?

—איך בין כמעט זיכער. עך, גערעטעוועטע, געראַטעוועטע. תמיד טראַכט איך דערפון. ניין, ניין, עס קאָנען נישט זיין קיין אַנדערע. דאָס זענען מיינע ברידער, לויט אַלע סימנים מיינע ברידער. — די לעצטע ווערטער האָט מאיר צו זיך אַליין גערעדט.

פון פריידיקער אויפרעגונג האָט ער נישט געפילט, ווי ער פאַלט ווידער צו צום פרעמדן און נעמט אים טרייסלען:

— אַזאַ בשורה, אַזאַ בשורה, און איר שווייגט.

— נישט גלייכער איבערוואַרטן ביז ס'וועט קומען אַ בריוו — האָט דער בוכאַרער געפרעגט מיט צוריקגעהאַלטנקייט.

— קעגן וואָס?

— קעגן איבערדערציילן אין שטוב. אפשר... כ'וויס...

— וואָס רעדט איר? וואָס? נישט אַנדערש — די ברידער. כ'האָב געהאַט אַזאַ פאַרגעפיל... בריוו? — ס'איז פאַלג מיך אַ גאַנג. די מלחמה וועט זיך פריער ענדיקן.

דער שאָטן פון פייגנבוים האָט זיך דערווייל אויסגעברייטער'ט, גרעסער

געוואָרן. די זון האָט זיך געזעצט, שטרייפנדיק דעם הימל מיט האַלבע און גאַנצע רינגען. דער פאַרנאַכט האָט געניִדערט אויף די פעלדער. די טאָלן, צופוסנס פון די בערג, האָט אַ וויאָלעט־רויטלעכע טונקלקייט באַפאַרבט.

— ס׳ווערט נאַכט, מען דאַרף גיין — האָט דער בוכאַרער געזאָגט אויפהייבנדיק זיך. מאיר האָט אים געהאָלפן פאַרוואַרפן דאָס זעקל אויף די פּלייצעס. זיי האָבן זיך געזעגנט ווי אַלטע, גוטע פריינט מיט אַ וואַרעמען האַנט־דרוק און אַ פאַרנייגנדיקן „סאַלאָם אַלעיקים". מאיר האָט אים געבעטן נישט פאַרגעסן, פאָרן אַהיימפאָרן, אַראָפּכאַפּן זיך צו זיי אין שטוב אויף סטאַכאַנאָווסקאַיאַ 72.

— אויב איך וועל פּאָספּעיען — פּאַזשאַלוסטאַ.

— איר מוזט, איר מוזט.

מאיר האָט אויפגעשריבן דעם אַדרעס אויף אַ שטיקל ציַיטונגס־פּאַפּיר, וואָס ר׳האָט דערטאַפּט ביי זיך אין קעשענע און אים אַריינגע־שטופּט אין בוכאַרערס הענט. זיי האָבן זיך נאָך אַ מאָל געזעגנט.

— מיין אַדרעס פאַרשרייב — האָט געזאָגט דער בוכאַרער — אוליצאַ קראָפּסקאַיאַ 125, אַשכאַבאַד. די מלחמה וועט זיך דאָך ענדיקן. אייערע, ס׳הייסט די פּוילישע, וועלן — זאָגט מען, צוריק אַהיימפאָרן. און אפשר טאַקע, השם יתברך, וועט העלפן — פּאַלעסטינע...

די לעצטע ווערטער האָט ער אַרויסגעזאָגט מיט עצבות אין קול. מאיר האָט אַ כאַפּ געטאָן אויף זיך דאָס בינטל ריטלעך.ביידע האָבן זיך פאַרנומען אויף באַזונדערע וועגן.

קאַפּיטל זיבן

מיכאל רופא

שוין העכער אַ יאָר קומט ער, מיכאל, אַריין צו די גאַנטשאַנסקיס. רעדט מיט בראָנקעס מוטער אויף „פּאַני גאַנטשאַנסקאַ“, כאָטש ס׳קומט אים אָן שווער דאָס אַרויסזאָגן די נונען, סמכן צוליבן פעלן פון די פּאָדער־שטע ציין. ער איז אָבער אַנדערש נישט געוווינט. אָן איבערגעטריבענע ליבשאַפט בינדט אים מיטן פּוילישן לשון, ווי אַן אָפּגעקומענער פּריץ צו אַ שטוב־חיה — אַ לעצטער איבערבלייב נאָך פאַרשוווּנדענער עשירות. בעתן רעדן מאַכט זיין ליידיק מויל באַוועגונגען, ווי עס וואָלט געסמאַטש־קעט אַ שטיקל צוקער. די ליפּן, דינע און פּיכטע, עפענען זיך און פאַרמאַכן, ווי דאָס מויל פון אַ פיש נאָכן אַרויסנעמען פון וואַסער. ער טראָגט אַ פּאָר אָפּגעטראָגענע שטרוקס־הויזן, וואָס ער האַלט אין איין אַרויפשלעפּן העכער פון זיין איינגעפאַלענעם בויך. בעתן זעצן זיך ציט ער זיי, פון געוווינשאַפט, איבער די קני, כדי נישט קאַליע מאַכן דעם שאַרפן קאַנט — די הויזן אָבער, וואָס יאָרן פילן זיי קיין פּרעסל נישט אויף זיך — האָבן פון לאַנג שוין פאַרלוירן דאָס נאַטירלעכע ביסל שטייפקייט פון אַ מענטשלעך מלבוש. ווי אָפּגעשונדענע הויטן אויף ביינער, הענגען זיי אויף זיינע פיס, לויז, באָמבלענדיק זיך פון פאָרנט און ביי די מאַנקעטן. ווייך ליגט אויף אים די אָפּגעשאָסענע מאַרינאַרקע מיט שטייף־געריגעוועטע קאָלנער־קלאַפּן. די אַמאָל אויסגעפּילטע ברוסט איז איינגעפאַלן. פון לאַנגווייל אָדער פון פאַר־רעדן זיך (דאָס לעצטע האָט ער שטאַרק ליב) ציפּט ער די שוואַרצע חזיר־האָר, שטיקלעך מולט, שטייף־לייוונט, וואָס קוקן אַרויס פון אָפּגעטראָגענעם „אויבן“. קיין היטל טראָגט ער נישט. עטלעכע שיטערע, בלאָנדע הערע־לעך ליגן מאַכטלאָז אויף דער רעכטער זייט קאָפּ. לינקס זענען די האָר עטוואָס געדיכטער, לענגער, לאָזן אין מיטן אַ פאַרוואָרלאָזטן שריינט. דער

ווייסלעכער קאָליר פון דער הויט, וואָס שנײַדט זיך בולט ביַיַן קליינעם מוח־שייטל, דערמאָנט אין עפּעס טויטלעכס. די לויזע באַק־הויטן בלאָזן זיך, הייבן און פאַלן ביַים נעמען עפּעס אין מויל אַריַין. תמיד הונגעריק. תמיד רעדט ער וועגן עסן, פאַרמלחמהדיקע, געשמאַקע מאכלים. „נישט עסן און נישט רעדן וועגן עסן, קאָן דאָך דאָס האַרץ פּלאַצן" — פלעגט ער איבערחזרן דאָס פוילישע שפּריכווערטל. מיט דאָקטאָרישע ראיות באַוויַזן פון וואַנען ס׳נעמט זיך די סליַנע אין מויל, בשעת מען טראַכט וועגן עסן, אָדער מען זעט עמעצן עסן. דאָס עסן קומט אין פאַרדייאונגס־אָרגאַן, אָדער ווי מען רופט עס — וושט. בעת די שפּיַיז באַוועגט זיך אין די גערעדערעם, ציען זיך אײַן און אויס די האָר־ווענטלעך, וואָס באַדעקן דעם מאָגן.

— איר פאַרשטייט, פּאַני גאַנטשאַנסקאַ? — ווען זיי ציען איַין פון איין עק צום אַנדערן, טרייבן זיי די שפּיַיז ביסלעכוויַיז וויַיטער און ווייטער. אויפן וועג ווערט די פאַרדייאונגס־שפּיַיז איַינגעזאַפּט אין די ווענטלעך פון די גערעדערעם, און פון זיי — אין די בלוט־געפעסן. דער מענטש פילט די דאָזיקע אומוואַנדלונג דורך זײַן נערוון־סיסטעם פון גרויסן קאָפּ־מאַרך. דער מאַרך שיקט זייַנע באַפעלן, ווי דורך דראָטן פון טעלעגראַף, אַראָפּ צו אין די מוסקלען פון די מויל־אָרגאַנען, וואָס גיבן אַרויס די סליַנע. דערביַי העלפן אויך די ציינער, וואָס קייען, קערנדיק די שפּיַיז מיט דער צונג. דאָס עסן ווערט אַזוי אַרום פאַרמישט מיט שפּייעכץ...

דער דופא האָט געברייעט, געלאָזט פאַלן טערמינען, היפּאָטעזן, זיך אַליין באַסליניעט און נישט איין מאָל געקערט די גרינע גאָל ביַי די צוהערער.

מיכאל האָט אָבער מיט די „לעקציעס", קודם כל, זיך אַליין געקוויקט. ער פלעגט אָפן זאָגן: ווען נישט די דאָזיקע רייד, וואָלט איך שוין פון לאַנג געשטאָרבן פון הונגער. פונדעסטוועגן האָט ער מער הנאה געהאַט פון אַן אמתן ביסן: אַ שטיקל געוויקט ברויט, אַ קאַרטאָפל, אַ ביסל גרויפּן־גריץ, מאַנע־קאַשע מיט געזאַלצענע וואַסער פאַרריַישט — איי איז דאָס אַ מחיה. און דערביַי זיך אַ וויצל טאָן: — צו באָרשטש, האָט געזאָגט מיַין באָבע, דאַרף מען נישט קיין ציין.

איטלעכס מאָל, ווען ר׳איז געקומען, האָט די באַלעבאָסטע זיך געסטאַרעט עפּעס אונטערטראָגן. זי האָט דערמיט אויך אויסגעמיטן אַ נייע לעקציע פון שפּייז און סלינע. געגעסן האָט דער דאָקטאָר פּאַמעלעך. אויפן לעצטן ביסן, אָדער געבליבענע קרישקעלעך, פלעגט ער לאַנג, לאַנג קוקן. אַנגעזועטיקט דאָס אויג, פלעגט ער אַ וואַרף טאָן אין מויל אַריין. דאָס מויל, ווייסט ער, וועט שוין טאָן וואָס ס׳דאַרף טאָן: צעווייקן אין שפּייעכץ, קייען און האַלטן וואָס לענגער כדי דער טעם פון עסן זאָל זיך צעגיין פון גומען אין אַלע מויל־ווינקלען. ערשט נאָך דעם — אַראָפּשלינגען. אויך בנוגע דעם אופן פון עסן האָט מיכאל רופא געהאַט אַן אייגענע „דאָק־טרינע״: „אין פאַרדייאונגס־אָרגאַן קומען פאָר פאַרוואַנדלונגען פון שפּייז. דאָס שפּייעכץ ווירקט כעמיש אויף איין שטאָף פון אונדזער עסן: קראָכמאַל. דער קראָכמאַל טוישט זיך אין צוקער. ווען מען צעקייט גוט אַ געבייטלט שטיקל ברויט, פילט מען אַ זיסלעכן טעם. ביי יעדן מענטש זענען פאַראַן דריי פּאָר דריזן. איין פּאָר נעבן אויער, די צווייטע אונטערן אונטערשטן קין פון דער רעכטער זייט האַלדז און די דריטע — אונטער דער צונג. פון די דריזן פליסט דאָס שפּייעכץ אַרויס דורך עקסטרע קאַנאַלעכלעך אין מויל, באַזונדערס, ווען אינעווייניק געפינט זיך נאַרונג... עס ווערט דערפון שליים, דאָס צעקייטע פאַרטוישט זיך אין גליטשיקן ראָסל, וועלכן מען שלינגט מאָמענטאַל אַראָפּ״.

צו גוט דערצויגן זענען געווען מאַמע און טאָכטער, איבערצורייסן דעם דאָקטאָר אין זיינע רייד, וואָס פלעגן אַ סך מאָל זיך איבערחזרן און נודיען. דאָך פלעגט עס בראָנקע נישט תמיד פאַרטראָגן. איין מאָל האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— איר ווייסט, הער דאָקטאָר, דאָס איז איבלדיק. ס׳שלאָגט צום האַרץ.

דאָ האָט זיך דער הונגעריקער דאָקטאָר און האַלבער עובר בטל אַ כאַפּ געטאָן און אַרויס מיט ניי לשון:

— אָהאָ, הם... דאָס האַרץ. דאָס האַרץ שלאָגט פיר און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת אָן איבעררייס. נישטאָ נאָך אַזאַ אבר אין מענטשלעכן

אָרגאַניזם, וואָס זאָל געטריי אַרבעטן אַ גאַנץ לעבן, נישט וויסן פון קיין רו סיי בייטאָג, סיי ביינאַכט. ווען מען ליגט באַוווסטלאָז, ווען מען ליידט ווייטיק, דאָס האַרץ הערט נישט אויף צו אַרבעטן. סך־הכל איז עס אַ פליישיק זעקעלע מיט מוסקול־ווענטלעך; הענגט אויף אָדער־געפעסן אָנגעפילטע מיט בלוט. עס איז גרויס ווי אַ פויסט, און שלאָגן שלאָגט עס ווי מיט האַמערס... המ... המ... אַז דאָס האַרץ שלאָגט איז מען געזונט, איז עס צום לעבן. אַז מענטשלעכע הענט שלאָגן — פאַרשאַפן זיי ווייטיק כאַ, כאַ, כאַ, — האָט דער דאָקטאָר אין מיטן דרינען זיך צעלאַכט.

בראָנקע און די מאַמע האָבן זיך שטאַרק דערשראָקן, געמיינט, אַז ר'איז שוין אין גאַנצן פון זינען אַראָפּ.

— גאַרנישט, גאָרנישט — באַרויקט זיי מיכאל רופא, זעענדיק די צעטראָגענע פנימער פון די גאַסטגעבער — איך האָב זיך בלויז דערמאָנט אין אַ פּאַציענט מיינעם, אַ פּויערל פון קראַסנאָסטאַוו, נישט ווייט פון מיין שטאָט.

— פּאַניטש, דאָקטאָר, האָט ער מיך איין מאָל געפרעגט, — זאָג מיר דעם סוד, וואָס דאַרף מען טאָן כדי לאַנג צו לעבן?

— קיין רפואה צו דעם איז נישטאָ — זאָג איך אים — נאָר אַן עצה...

— נו, נו, זאָג, פּאַניטש. באַקומסט פון מיר אַ האַלבן מאַיאָנטעק.

— נישט אויפהערן אָטעמען... כאַ, כאַ... און לייגן אין מאָגן...

דערהערט „מאָגן" האָבן טאָכטער און מוטער אויסגעדרייט די קעפּ אין אַ זייט. נמאס און מיאוס. האָט מען אָבער אַ קוק געטאָן אויף דעם אומגליקלעכן, זיין הולך, פאַרגעסט מען, איז מען אים מוחל. גרויס רחמנות האָט ער געוועקט ביי יעדן איינעם, וואָס האָט אויף אים נאָר אַ קוק געטאָן. איין און איינציקער אין דער וויסטער פרעמד. אַריינגעבראַנגט אין שטוב אַריין האָט אים טאָקע בראָנקע. זי איז געשטאַנען אין אָטשערעד נאָך ברויט. נישט קיין אָטשערעד — אַ געדראַנג, אַ ווילד שטופּן זיך: עלנבויגנס, פויסטן, בייזע אויגן, אַ זידלען זיך, איבעררופן, געשרייען. אַלע רייסן זיך צום פענצטערל פון קראָם. שטאַרקע לאַנגע הענט כאַפּן זיך פאַר די אייזערנע קראַטן און שטויסן אָפּ די וואָס שטייען נאָענט, אויף

צוריק. אַז בראָנקע איז אַרויס פון דער משוגענער מהומה מיט די צוויי פּאַיאָקן, האָט זי, נישט באַמערקנדיק נעבן זיך קיינעם, געהערט אַ שוואַכע שטים:

— פּאַניענקאָ, דראָגאַ פּאַני *), ווי גאָט איז איך ליב.

ביין, נישט קיין מענטשלעכע שטים איז דאָס געווען, אַ פּרייכעניש, אַ גערוישלאָז געפּליסטער פון אַ שטערבלעך־פאַרחלשטן, פון אַ קנויל שמאַטעס אַרויס. עס האָט איר אויפגעשוידערט. ווער איז דאָס? פּויליש? איר גוט באַקאַנט מאַמע־לשון — דאָ, צווישן ווילד פרעמדע פּנימער?

דעם טאָג האָט בראָנקע אַהיימגעברענגט נאָר איין פּאָרציע ברויט. זי איז אַריינגעפאַלן אין שטוב אַריין און אַרויפגעוואָרפן זיך אויפן בעטל. אַ דערשראָקענע פון איר טאַכטערס אַריינקום, האָט די מאַמע שוין נישט געקוקט וואָס אין קוישל טוט זיך. געטאַפּט בראָנקעס שטערן, דעם דופק, און נישט אויפגעהערט פרעגן:

— וואָס איז געשען, טאַכטערשי? גיכער זאָג שוין, טוט דיר עפּעס וויי?

— אַ פּאָר אויגן, מאַמעשי, אַ פּאָר אומגליקלעכע אויגן, בעטנדיקע אויגן. אַ מענטש, אַן אונדזעריקער: כ'האָב אים געגעבן דעם אַדרעס, סט זען, סט זען...

— דו רעדסט פון היץ, בראָנקע קרוין. וואָס טוט דיר וויי? אפשר אַ דאָקטאָר.

דעם זעלבן טאָג איז געקומען דער דאָקטאָר מיכאל רופא.

דאָס איז געשען מיט אַ יאָר צוריק. פון דעמאָלט אָן פלעגט ער קומען אָפט. ער איז ווינטער געזעסן לעבן קליינעם ליים־קיכל און זיך געוואָרעמט. אין איין האַנט געהאַלטן ס'טעפּל טיי מיט וואָס די באַלעבאָסטע איז אים מכבד אין קאַלטע חדשים, מיט דער צווייטער זיך געפּאָרקעט אין בוזעם פון צעקנעפּלטן וואַטענעם שפּענצער... די וואָרעמקייט האָט, אַפּנים, אינע־

---

*) פריילין, טייערע פריילין.

ווייניק עפּעס אויפגערויעט... זופּנדיק דעם טיי, האָט ער זיך געקראַצט און געשאַרט די לייז, פון אויבן אַראָפּ, זיי געוואָרפן אין פייער אַריין. די ערשטע אָוונטן האָט ער דערציילט אַלץ, וואָס אַזאַ איינער אין אַזאַ מעמד קאָן דערציילן:

מעכל האָט אים זיין טאַטע גערופן — מעכל ווייסקאָפּ. אין די סטודענ־טישע יאָרן — מיכאל. שפּעטער אַלס דאָקטאָר — מיכאל רופא. ער איז באַקאַנט געווען דער גאַנצער שטאָט פון אַריבער דרייסיק טויזנט איינוווי־נער, דערונטער — אַ דריטל יידן. פינף און דרייסיק יאָר געהיילט מענטשן. אַליין — אויך געזונט. אַ טאַטע פון קינדער. אפשר אויך אַ זיידע? ניינצן ניין און דרייסיק, האַרט פאַרן קריג, האָט זיין עלטסטע טאָכטער, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַ דאָקטאָר, באַדאַרפט געלעגן ווערן.

— פון דעמאָלט ביז היינט, סך הכל אַ וועלכע פיר יאָר... וואָס זאָל איך אייך זאָגן, מאַדאַם גאַנטשאַנסקאַ? פון דעמאָלט ביז היינט האָט דאָך אונדז אַלע איין גורל געטראָפן, האָט ער געענדיקט דערציילן און צוגעגעבן:

— אָוואַ, אַזאַ גלעזל טיי שוין לאַנג נישט געטרונקען. אַ מזל, אַ מזל און אַ צופאַל. כאָטש גראָע אויגן, רעדט פויליש, אָבער אַ יידיש האָרץ; אַ יידיש האָרץ דערפילט מען. כ׳מיין אייער טאָכטערשי, פּאַני גאַנטשאַרסקאַ. נאָך אַנדערטהאַלבן יאָר קאָמי *), העכער זעקס חדשים קאַזאַכסטאַן — אַזאַ טיי נאָך נישט געטרונקען. אַ שלאַק זאָל זיי טרעפן די שוואַרצע טאָטערן, די קאַזאַכן; זיי וועלן אייך פאַרן טיי אָפּגעבן ברויט, לעפּיאָשקעס, אורוק, שפּעק, שעפּסנפלייש.

דער דאָקטאָר האָט נאָך דעמאָלט קיין „לעקציעס" נישט געהאַלטן. ער איז געווען קראַנק, צעבראָכן. צעביסן פון לייז, וואָס האָבן געגעסן זיין לייב. פון מאַדאַם גאַנטשאַנסקיס קעסט איז ער ביסלעכווייז צו זיך געקומען. אָפּט ליב געהאַט מיט מאירן, וואָס האָט אָנגעהויבן אַריינקומען, אַ דיסקו־טיר טאָן אויף זיין באַליבטער טעמע: „רעוואָלוציע און ברויט".

---

*) קאָמי אַ.ס.ס.ר. — אַ געגנט אין צפון פון ראַטנפאַרבאַנד.

*

מאיר איז געגאַנגען אַהיים מיטן בינטל ריטלעך אויפן אַקסל. דערנענטערנדיק זיך צו דער סטאַציע, האָט ער פאַרקערעוועט אין דער ריכטונג צו בראָנקען. איבערלאָזן אַ העלפט, האָט ער געטראַכט, און אַהיימגיין. די זון האָט ווי אַ פייערדיק האַלבראָד, כהרף־עין זיך אַראָפּגעלאָזט, פאַרגיסנדיק מיט אַ טונקל־ווערנדיקער רויטקייט די נידעריקע ליים־דעכער און גראָע ווענט; געלאָשן דעם האָריזאָנט און צעצונדן די קליינע פענצטערלעך, וואָס האָבן אַרויסגעשפיגלט מיט גלאַנציקע ליכטיקייט. מאיר האָט ליב די צעשפּילטע ליכטער פון ערב נאַכט. די דאָזיקע פאַרב גיט אַ שענערן אויסזען אַלע קעגנשטאַנדן. כאָטש ער ווייסט, אַז אין דער ווירקלעכקייט זענען זיי אַנדערש, טוט עס אים פונדעסטוועגן הנאה. ער האָט ליב דעם קאָליר פון אילוזיע. אין דער טאָג־שיין איז אַלץ קלאָר און פאַרשטענדלעך. גראָד אָט די באַשטימטקייט לייגט זיך שווער אויפן באַוווסטזיין און געמיט; ס'קומען ספקות, אַלט־נייע טראַכטונגען; גוטס, שלעכטס, מענטש, טייוול, וועלט, וווהין? דאָס לעצטע וואָרט טרעפט אין אים אַליין, ווי אַ פייל. קאָן מען, מעג מען אַזוי לעבן? — קעגן געזעץ, קעגן אייגענעם וויסן און געוויסן?...

—אויף די פראָנטן — אַ קעגנזייטיק אויסמאָרדן זיך. דער גורל פון אַלע דאָרט איז אונטערגעוואָרפן דעם שוידערלעכן מעכאַניזם פון מלחמה־דיסציפּלין. דאַרפן זיי טאַקע אומגעבראַכט, פאַרניכטעט ווערן? און איך, — ווי אַ קראָט: זוכן שפּייז און פאַרגעניגנס... „געניסן מאַכט געמיין” — זאָגט ערגעץ געטע אין „פאַוסט”.

מיטן אַריינשטעלן אַ פוס אין הייפל פון די גאָנטשאַנסקיס, אין אָנבליק פון די צעפלעמלטע שייבעלעך, זענען מאירס געדאַנקען, ווי וועלף, נאָענט פון אַ פייערל, זיך צעלאָפן. די פריילעכע פּנימער פון בראָנקען און איר מאַמען ביים דערזען אים אויפן שוועל פון טיר האָבן די לעצטע רעשטלעך פון אומצוטרוי צו זיך פאַרטריבן. ווי תמיד, האָט ער געטראָפן דאָס שטיבל אַן אויפגערוימטס. דאָס פּאָדלאָגעלע אויסגעקערט, די נאַסע, טונקעלע

פלעקן פון פריש אָנגעשפריצטן וואַסער האָבן אים דערמאָנט אין פריטיק־צו־נאַכטס, אין דער היים. דער בעזעם אין ווינקל שטוב, דאָס קעסעלע וואַסער ביי דער טיר: אַ שעפּקוואָרט, אַ האַנטעך.

אַראָפּוואַרפנדיק פון זיך דאָס שיטל האָלץ, האָט ער באַמערקט דעם דאָקטאָר.

— אָווא, אַ גאַסט! וואָס מאכט איר — האָט מאיר פייערלעך אויסגע־רופן, באַגריסנדיק זיך מיט אים.

— אַ דאַנק, פּאַניע מישאַ. אַ דאַנק פאַרן פרעגן.

אין דער שטוב האָט מאיר נישט נאָר באַקענט זיך מיט מיכאל רופא, נאָר אויך דערקענט אים. דערקענט אין אים אַ בן־עיר, בעת ער האָט מיט קנאַפּ אַ יאָר צוריק צום ערשטן מאָל געדריקט דעם דאָקטאָרס ווייכע, קליינע האַנט. געוואָיר געוואָרן זענען זיי דאָס צוליב אַ מעשה, וואָס דער רופא האָט דערציילט:

עס איז געווען אין יאָר ניינצן דריי און דרייסיק. ער איז פאַרבייגע־גאַנגען די לובעלסקע גאַס, נישט ווייט פון זאַקסישן גאָרטן. פון פּאָליציי־פּאָסטן וואָס אַנטקעגן, האָט מען אונטער שטרענגער וואַך געפירט אַ יינגל, געשלאָסן אין קייטן. עטלעכע טריט ווייטער — ראָג לובעלסקע־שקאָלנע, נאָענט פון תפיסה־געסל, איז דאָס יינגל שטיין געבליבן. ער וויל נישט גיין מער, האָט ער געזאָגט, און אַראָפּגעזעצט זיך אויפן ברוק.

— וואָס ווילסטו? — האָבן די פּאָליציאַנטן געפרעגט.

— אַ דראָזשקע.

— אַנדערש ביסטו נישט געוווינט?

דאָס יינגל שווייגט.

— נו, אויפגעשטאַנען! — באַפעלן זיי.

דאָס יינגל שווייגט. דערצאָרנטע נעמען זיי אים שטופּן מיט די שטי־וואַלעס און ביקסן־קאָלבעס. דאָס יינגל שווייגט, לאָזט זיך נישט רירן פון אָרט.

— סמאַרקאַטש! זשיד! קאָמוניסט! געגאַנגען!

דאָס יינגל ענטפערט נישט. ס׳איז אין מיטן טאָג. מענטשן זאַמלען

זיך, מען שושקעט זיך איבער און מען וואַרט וואָס דאָ וועט געשען. אויך די פּאַליציאַנטן שושקען זיך איבער: די מוטיקע האַלטונג פון יינגל האָט זיי, ווייזט אויס, געבערענגט אין פאַרלעגנהייט. שלאָגן פאַר אַלעמענס אויגן איז קעגן פּאָליציי־קאָדעקס. אַ דראָזשקע? — ווי פּאַסט עס נאָכגעבן דעם יידישן ממזר, דעם זשידאָ־קאָמונאָ? וואָס וועט זאָגן די גאַס? נישקשה, אינעווייניק, אין צעל, וועט מען זיך מיט אים אָפּרעכענען.

— וואָס טוט מען? — ווענדט זיך איינער צום צווייטן.

— דו גייסט! — הערט זיך ווידער אַ באַפעלעריש געשריי.

— יאָ. אָבער נישט געשלאָסן.

— דו ביסט אַרעסטירט.

— אָבער נישט קיין אַרעסטאַנט.

— נאָך ערגער: אַ פאַרברעכער ביסטו.

— כ׳בין אַ פּאָליטישער אַרעסטירטער. כ׳וויל נישט גיין געשלאָסן.

— אויף אַלע פיר וועסטו גיין.

— כ׳וויל פאָרן.

ער געדענקט נישט גענוי, דער רופא, ווי לאַנג זיי האָבן זיך אַזוי געדונגען. ער געדענקט נאָר, אַז ס׳איז צוגעקומען אַ דראָזשקע און דאָס יינגל מיט דער פּאָליציי־וואַך זענען אויפגעשטיגן. די גאַנצע שטאָט האָט גערעדט וועגן דעם אויסטערלישן פאַל. די מעשה האָט זיך מיכאל רופא גוט איינגעקריצט אין זכרון, אָבער דאָס קאָמוניסטל האָט ער מער פאַר די אויגן נישט געזען.

— אָט שטייט ער פאַר איך, דאָס יינגל, אָבער מיט צען יאָר עלטער...
— האָט אים מאיר געדריקט די האַנט נאָכן פאַרענדיקן דאָס דערציילן.

פאַר בראָנקען און איר מאַמען, וואָס זענען געווען עדות פון דער צופעליק־מאָדנער באַגעגעניש פון די צוויי לאַנדסלייט, איז שפּעטער קלאָר געוואָרן דער סוד פון מאירס געוואַגטקייט אין די סקלאַדן פון „זאַגאַט זיערנאָ״...

*

מאיר האָט אָנגעשעפּט אַ קוואָרט וואַסער, גענומען אַ האַנטעך און אַרויס אויפן הויף זיך אַרומוואַשן. אַריינגעקומען, האָט ער געטראָפן אַ געדעקטן טיש. עס האָט נישט געהאָלפן זיין ווערן זיך!

— נישט צום עסן האָב איך זיך געוואַשן. הם... פּשוט צוליבן שטויב. אַזאַ ווייטן וועגן געמאַכט. ס׳איז, וואָס אַן אמת, כדאי געווען.

— נו, נו, נאָך דעם, נאָך דעם וועט איר דערציילן, זעצט זיך, ביטע — האָט די באַלעבאָסטע געזאָגט בלשון רבים.

דער רופא האָט נישט דערווידערט און גלייך זיך צוגערוקט מיט אַ בענקל צום טיש.

בראָנקע האָט צעשטעלט טעלער מיט בלוי־רויט געשטרייפטע ראַנדן און בלימעלעך אין דער מיט. מיט איידעלע באַוועגונגען אין אירע קליינע ווייסע הענט, געלייגט צו יעדן טעלער: לעפל, גאָפּל, מעסער, אַ פּענעצל שוואַרץ ברויט. מאַדאַם גאַנטשאַנסקאַ האָט דערלאַנגט אַ גרויסע פּאַרצע־לייענע וואַזע מיט צעפּרייעטער הירזש־קאַשע, וואָס בראָנקע האָט איבער־גענומען פון איר און געשטעלט אויפן טיש. מיט אַ זשמעניע אורוק אין איין האַנט און אין דער צווייטער — אַ קרישטאַל־קלאָש מיט אַן אומגע־לומפּערט, פּאַרמלאָז שטיקל צוקער, האָט זיך אויך בראָנקעס מאַמע צוגעזעצט. אַ געמיש פון עלעגאַנץ און פּרימיטיוו, גרויסשטאָטישקייט און מיטלאַזיאַטישן נוסח: מלחמה־מאכלים אין שיינע פּרידנס־געפעסן. שרי־דים פון רייכטום און גדולה און יונגער דלות, וואָס שיינט מיט אַ טרויעריק געלעכטערל... דאָס אַלץ האָט צוגעגעבן פייערלעכקייט דעם קאָלעקטיוון נאַכט־עסן פון די פיר נפשות. פאַרפולקאָמט די אייגנאַרט פון „טיש״ — האָט די פאַרשידנאַרטיקייט פון זייער אויסזען און אָנטאָן: דער דאָקטאָר אין אָפּגעטראָגענעם אָנצוג, די מאַמע אין שול־פאַרטעכל פון איר טאָכטער, דער וואַרשעווער גימנאַזיסטין; די טאָכטער אין גראַנאַטן קליידל מיטן „בעבע״־קעלנערל, און מאיר אין אַ רוסישער רובאַשקע, וואָס האָט נאָך מער פאַרגוישט זיין יידיש פּנים.

מאיר האָט אַצינד, קוקנדיק אויף בראָנקעס מאַמע, געטראַכט, אַז זי איז נישט אַזוי אַלט ווי ר'האָט געמיינט. אַ טויאיקע ליכטיקייט באַדעקט דעם פּיאַלעטן־בלוי פון אירע האָר און יונגן האַלדז. אויך דאָס פּנים, אַן ערנסטע קניטשן, ווייזט אויס, אַז די ביטערע צייט, דער גורל פון אַן עוואַקואירטן, האָט ווייניק „אַראָפּגעדונגען" פון איר אויסזען, אַחוץ דעם פאַרלוסט פון מאַן, איז דאָס גוטע לעבן איר בייגעשטאַנען אויף אַלע פראָנטן פון וואָגל און וואַנדער. אַזוי אויך איר טאַכטער, אַן אַנגעקוואָלענע פון ליבע, וואָס האָט מיט קראַפט פון ערשטקייט אַ שלאָג געטאָן פון איר. דאָס איז נישט זעלטן געקומען צום אויסדרוק אין אומזשענירטע פּראָפּאָזיציעס צו איר מאַמען, בשעת מאיר פלעגט קומען צו זיי אין שטוב אַריין.

— מאַמעשי, האָסט דאָך געזאָלט גיין אויפן באַזאַר...

— מאַמעשי, אפשר ווילסטו זיך היינט צוכאַפּן אין לאַראָק נאָך דער צוטיילונג.

מיט וווּנדערלעכער פּאַרזיכט און מוטערלעכער זאָרג האָט מאַדאַם גאַנטשאַנסקאַ נאָכגעפאָלגט דער טאָכטערס דרייסטקייט. די זאָרג פון נישט פּוגע זיין אין די געפילן פון איר קינד און גלייכצייטיק אָט די געפילן צו האַמעווען, האָט דיקטירט דער פרוי גאַנטשאַנסקאַ אַ טאָפּלטע באַנעמונג: אַ פאַרשטענדלעכקייט און סבלנות פון אַ פרויען־נאַטור, ווען ס'זענען נישט פרעמד די סיבות פון אָט דער פלוצעמדיקער דערשיינונג.

נישט אָן סיבה האָט מאיר געטראַכט וועגן מהלך צווישן אים און „זיי", די גאַנטשאַנסקיס, ווען די אַנאָמאַליע פון לעבן האָט אים געגעבן אַ מעגלעכקייט צו דערקענען פון דער נאָענט. אויך נישט אָן קנאה האָט ער געטראַכט: זיי האָבן נישט באַדאַרפט און דאַרפן אַצינד נישט זוכן ס'אויסקומעניש דורך זעלבסטפאַרלייקענונג און פיזישער אָנשטרענגונג. זייער אַרבעט, די וואָל, וואָסביידע באַקומען אַהיים פון „פּימאַקאַטנע"־צעך צו שטריקן, איז אַ דעקונג קעגן חשד אין באַזיצן פרעמדע וואַליוטע. דאָס האָט ער, מאיר, טאַקע זיי געעצהט, הגם דעם אמת וועגן זייער מאַטעריעלן מצב ווייסט ער ביז היינט צו טאָג נישט. דאָס איז אַן אַרבעט אויף נאָרמעס. יעדע באַלעבאָסטע האָט רעכט דערביי עוסק צו זיין. די דאָזיקע פּראָדוקציע האָט צוויי מעלות:

באַשעפּטיקונג פֿאַר די װאָס קענען נישט אױסקומען אָן דעם, גלײַכ־צײַטיק אַ צופֿלוס פֿון אַרבעטס־כּוח אין װעלכן דאָס לאַנד נײטיקט זיך אַצינד מער װי תּמיד. פֿאַר די אַזױ גערופֿענע קוסטאַרן האָט דאָס אױך אַ טאָפּלטע באַדײַטונג: אַ צוטײלונג פֿון זעקס הונדערט גראַם ברױט און אַ גוטע מאָראַלישע ספּראַװקע, װאָס האָט דעם פּאַראַגראַף פֿון דער סאָװיעטישער קאָנסטיטוציע — „װער עס אַרבעט נישט — דער עסט נישט" — דערהױבן צו אַ חוק ולא יעבור.

דער ערשטער געענדיקט עסן האָט דער דאָקטאָר. מיט ליפּן, דין און פֿײַכט, סמאָטשקענדיק באַגלײט די לעצטע ביסנס מיט די קינדיש גוטע אױגן, נישטערנדיק אין די שכנותדיקע טעלערס. מאיר שלינגט אױף זײַן שטײגער, אַ געבױגענער איבערן טעלער. נאָך יעדן לעפֿל, צװײ, — אַ דרײ די װאָנסעס. די באַלעבאָסטע און טאָכטער האָבן, װי זײער טבֿע, נישט געאײלט זיך. בראָנקע האָט מיט דער זעלבער מאַנירלעכקײט פֿון דער־לאַנגען צום טיש, געלײגט אין מױל אַרײַן. געהױבן די האַנט צו די ליפּן, זי געעפֿנט און פֿאַרשלאָסן, פֿאַמעלעך געקײַט מיט אַ פֿאַרמאַכט מױל. אָפּגערוקט דעם לײדיקן טעלער, נעמט זי זיך צו דער טײ, װאָס די מאַמע האָט אײנצװישן דערלאַנגט. זי האָט צײַט צו אָבסערװירן מאירן, װאָס עסט, להיפּוך צו איר, מיטן קאָפּ אין די מאכלים, דאָס פֿאַרדריסט איר.

אָן אױגנבליק האָט זיך אױך איר געדאַנקען־גאַנג פֿאַרהאַלטן אױף זײַן „פּאָזע". גאַר אַנדערש זעט ער אױס אַצינד — האָט זי געטראַכט. און אין דער רגע האָט זי נישט געקאָנט באַשליסן, צי האָט זי דאָס אָקערשט באַמערקט, צי האָט ער זיך אַזױ פּלוצעם געענדערט: דער קאָפּ אָפּגעגאָלט, די װאָנסעס לענגער, שפּיציקער װי תּמיד; די ליפּן, נאָז־פֿליגלען, די פֿאַר־רונדיקטע ליניעס פֿון זײַן אונטערשטער קין, דאָס אײנציקע אײדעלע אין זײַן מגושמדיק געזיכט, װאָס גײען זיך צונױף אין אַ קלײנער, שמאָלער גאָמבע — צעשװומען און פֿאַרעמלאָזן. די קאַרבן אױפֿן שטערן, דער שװאַרצער אָנװוקס װאָס פֿאַרדעקט דעם טײל פּנים און האַלדז, װאָס דאַרף זײַן ראַזירט, האָט זײַן צורה געמאַכט גראָב און טעמפּ. אױך די אױגנװינק־לען האָבן אין זיך עפּעס אַ בײזן קוק: הפֿקרדיקײט. פֿאַרװאָס האָב איך דאָס

נישט באַמערקט? — ווונדערט זי זיך. ניין, דאָס געשעט נישט מיט איין מאָל. זי דערמאָנט זיך: ערגעץ האָט זי געלייענט, אַז מענטשן נעמען ביסלעכוויז אָן דעם אויסזען פון די יעניקע מיט וועמען זיי קומען אַ לענגערע צייט אין באַרירונג. דאָס אָרט, דער קלימאַט, די פאַרהעלטענישן און די אַרבעט וואָס זיי טוען, ווירקן זיך אויס פּסיכאָלאָגיש און אויך אויסערלעך; זיי געשטאַלטיקן זיך איבער און מאַכן זיך ענלעך צו די אָרטיקע מענטשן. ווען זי וואָלט איצט געהאַט אַ שפּיגל — האָט זי געטראַכט — טשיקאַווע אַ קוק צו טאָן אויף זיך... פאַרוואָס געפעלט ער איר? פאַרוואָס האָט זי זיך אים אַזוי לייכט איבערגעגעבן, אָט דעם משונהדיקן, פּראָסטן בחור מיט די נישט־אינטעליגענטע מאַנירן?

מאיר האָט אין דעם מאָמענט געקלערט וועגן דער באַגעגעניש מיטן בוכאַרער, וועגן די צוויי אָפּגעפּונענע ברידער, באַגערט וואָס פריער צו זיין אין דער היים און דאָס איבערגעבן. אַוועק פאַרטאָג און אַצינד איז נאַכט. זיי וואַרטן דאָרט אויף זיין קומען. ער האָט זיך גענומען דרייען אויפן בענקל, איבערלייגנדיק די פיס, און געזאָגט:

— מ׳דאַרף גיין, שוין שפּעט.

— ס׳פּאַסט נישט, פּאַניע מישאַ — האָט זיך מיכאל רופא געוויצלט — מ׳דאַרף אַ ביסל אונטערזיצן.

— איך בין שוין מיינס אָפּגעזעסן...

— גערעכט. דערציילט בעסער, וואָס איר האָט אָנגעהויבן, וועגן ווייטן וועג, ווו האָט איר גענומען די ריטלעך? — האָט מאַדאַם גאָנטשאַנסקי זיך אָנגערופן.

— די ריטלעך... די ריטלעך, נישט אַזוי וויכטיק. וויכטיק איז די באַגעגעניש. און מאיר האָט איבערגעגעבן וועגן דער באַגעגעניש מיטן בוכאַרער.

— אַך, אַזוי! ס׳זאָל נאָר אמת זיין! האָבן אַלע דריי מיט אַ מאָל אַ געשריי געטאָן.

— איך בין כמעט זיכער.

— הלוואַי, הלוואַי.

— זעט איר, פּאַניע מישאַ, מזל, צופאַל. „די צופאַלן גייען אום צווישן מענטשן" — זאָגט אַ פּויליש שפּריכווערטל. אַ דאַנק דעם צופאַל מיט דער פריילין בין איך לעבן געבליבן. פון אַ זיכערן טויט האָט זי מיך געראַטעוועט. נישט אמת? — האָט זיך דער דאָקטאָר געווענדט צו בראָנקען, וואָס איז נאָך אַלץ געזעסן אַ פאַרטראַכטע. ער האָט ווייטער גערעדט:

— צוויי וואָכן האָב איך דעמאָלט געלעבט אויף מאָקוך מיט וואַסער. דאָס קאַרטעלע פאַרלוירן... אוי, דער הונגער, דער הונגער...

— מיר האָבן דאָך נאָר וואָס אָפּגעגעסן, הער דאָקטאָר — איז אים מאיר אַריין אין מיטן, וועלנדיק פאַרמיידן אַ לעקציע וועגן שפּייז־דריזן און מאָגן־פונקציעס. מאיר האָט זיך אויפגעהויבן, אָבער דער דאָקטאָר האָט אים אַ צי געטאָן ביים אַרבל:

— יאָ, אָבער דער אַפּעטיט איז דאָ, פּאַניע מישאַ, אַ שלאַק זאָל עס טרעפן, קאָלאָסאַל. קיין מאָל וועט מען דאָ נישט זאַט זיין. די לופט איז, דאָ דיאַבלאַ *), אַ הונגעריקע. דער מענטש אָטעמט אַריין אין זיך די דאָזיקע לופט דורך זיינע לונגען. נו, אַלס אַרעסטאַנט אין „קאָמי" — פאַרשטיי איך, אָבער דאָ, אויף דער פריי?

— אויף דער פריי? — האָט בראָנקעס מאַמע איבערגעחזרט די דריי ווערטער מיט אַ פרעגערישער מינע.

— גאָלדענע ווערטער, מאַדאַם גאָנטשאַנסקאַ. דאָס איז דאָך אַ תּפיסה אָן קראַטן. פרייהייט פון אַ הונט. ניין, ערגער. אַ הונט עסט דאָ, אַנטשולדיקט פאַרן אויסדרוק, צואה. יאָ, מאַדאַם, ביי אונדז האָט אַ הונט געהאַט אַן אייגענע בודע. אַזוי לאַנג ווי ר'איז געווען צוגעבונדן, האָט מען אים אונטערגערוקט די פרעס. דאָ בינדט מען דיך אָן קיין עסן גיט מען נישט. אַנו, שטרעק אויס די לאַפּע, פּרווו נעמען... גיט זיך די קייט אַ פאַרצי אויפן האַלדז.

— נישטאָ קיין יחסנים, דאָקטאָר, — האָט מאיר געענטפערט — מיר לעבן דאָ אַזוי ווי אַלע. ס'איז מלחמה.

---

*) צום טייוול.

— אַנטשולדיקט, האָט איר געזען צווישן די היגע אַ סך טיפוס־ און דיזענטעריע־קראַנקע? לויזיקע, קרעציקע, איינציקע פון גאַנצע משפחות? זיי זענען דאָך דאָ מיט קינד און רינד, מיט זאַפּאַסן.

— און ווען ס׳איז פאַרקערט, ווען היטלער הייבט אָן די מלחמה דאָ און פאַריאָגט זיי קיין פּוילן? דער עיקר, דאָקטאָר, צי באַקומען זיי אַ גרעסערן פּאַיאָק פון אייך? האָבן זיי מער פּריווילעגיעס? אָט אין וואָס עס גייט. אַ שוואַכער פּאָליטיקער, פּאַניע מיכאל, אין מעדיצין פאַרשטייט איר בעסער.

— דערציילט מיר נישט קיין באָבע־מעשיות מיט פּריווילעגיעס, פּאַניע מישאַ. טאַקע דאָס מיין איך דאָך, אַלע לעבן ווי די הינט.

מאיר האָט פאַרשוויגן.

— און אין 39סטן יאָר, ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די „מאַנופאַקטור־נאַיאַ וואָינאַ״ *), איז בעסער געווען? די ערשטע וואָך נאָכן אַריינמאַרש פון דער סאָוויעטישער אַרמיי אויף די זאַפּאַדנע געביטן האָט דאָס מילי־טער אויסגעליידיקט אַלע מאַנופאַקטור־קראָמען, אויסגעקויפט זייגערס, שיך, קאַלאָשן און וואָס נישט? מלחמה, זאָגט איר, אַנו, ווייסט איר כאָטש ווי אַזוי די מלחמה אין 1941 האָט זיך אָנגעהויבן?

— וואָס הייסט ווי אַזוי? — האָבן מאַדאַם גאַנטשאַנסקאַ און די טאָכטער געפרעגט.

— וואָס הייסט ווי אַזוי? — האָט מאיר אונטערגעהאַלטן. — דייטשיש מיליטער איז פּלוצעם באַפאַלן דעם ראַטנפאַרבאַנד.

— ניין, פּאַנאָוויע, איר ווייסט טאַקע נישט ווי אַזוי די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן, פרעגט מיך.

הערט וואָס עס האָט מיר דערציילט אַ בריסקער דאָקטאָר, וועמען ס׳איז געלונגען פון דאָרט צו אַנטלויפן. דעם צוואַנציקסטן יוני איז, ווי געוויינלעך, אָנגעקומען אין גרענעץ־שטעטל טערעספּאָל אַ רוסישע באַן

*) צוליב דער גרויסער נאָכפראַגע אויף מאַנופאַקטור — גערופן איראָניש: אַ „מאַנופאַקטור־מלחמה״.

מיט פולע וואַגאָנעס תבואה פאַר דייטשלאַנד. נאָכן אויסלאָדן די תבואה האָט אַ פון פריער צוגעגרייטע ס.ס.־קאָמאַנדע גלייך פאַרהאַלטן אַלע רוסישע באַן־אַרבעטער. אין געציילטע מינוטן איז די באַן באַזעצט געוואָרן מיט דייטשיש מיליטער און זיך געלאָזט קיין בריסק. אַן איין שאָס איז די שטאָט אָקופּירט געוואָרן.

ווער עס האָט נישט געזען דאָס בילד פון די אומגליקלעכע, צעשלאָגענע, האַלב־נאַקעטע, באַרוועסע רוסישע קריגס־געפאַנגענע, דער ווייסט נישט וואָס הייסט יעקע שווין, אַ שלאַק זאָל אים טרעפן.

— וואָס הייסט? — האָט זיך מאיר געוועדט — וואָס מאַכט איר עפּעס פון דער רויטער אַרמיי מלופּים־קינדער? — איך בין אויך געווען דעמאָלט אַ סאָלדאַט. ס׳איז דאָך גלייך דערקלערט געוואָרן מאָביליזאַציע.

— אָט אַזוי ווי איר הערט איז עס פאָרגעקומען.

דער שמועס איז צוריק אַריבער אויפן 39סטן יאָר. איבער נאַכט איז מען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין הימלאָזע מענטשן. אַ יקרות אויף דירות, אַלקערס, איינצל־צימערן, אַ וואַלגערן זיך אויף וואָקזאַלן, אין קלובן, שולן, געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס; גאַרקיכן, צוגעטיילטע זופּ; שרעקלעכע סאַניטאַרע באַדינגונגען. פאַראָרדענונגען וועגן רעגיסטראַציעס. טאָג־טעגלעך אַנדערע רעגיסטראַציעס, פּעסער. פּעסער מיט פּאַראַגראַפן, וואָס פאַרווערן וווינען אין גרעסערע שטעט און אין מרחק פון 10 קילאָמעטער פון דער גרענעץ. ביעזשענצעס, וואָס קענען דערווייזן זייער אָנגעהעריקייט צו דער אומלעגאַלער קאָמוניסטישער באַוועגונג פאַרן קריג, באַקומען פּעסער פון ערשטער קאַטעגאָריע, אויף פינף יאָר. קלאַנגען וועגן צוריקפאָרן. דעזאָריענטאַציע. סאָוויעטישע פרעסע, ראַדיאָ — שווייגט. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז אין די נאָר וואָס פאַרלאָזטע היימען, ווו ס׳זענען פאַרבליבן קינדער, שוועסטער, ברידער, עלטערן, קאָן מען נאָך לעבן, געפינען אַרבעט. פון דער צווייטער זייט — פון וועררבירטע אין טיף רוסלאַנד, — מוראַדיקע גרוסן: וואַלד, טייגע, שטעכל־דראָט. צוריקגעקומענע לאַגערניקעס דערציילן שוידערלעכע מעשיות: אוממענטשלעכע, קאַטאָרזשנע אַרבעט, אַרעסטן, תפיסה, טויטפאַלן. ווי אַ פּעטליע אַרום

האָלדז ציען זיך די ידיעות. פאַרצווייפלונג. וואָס טוט מען? אָננעמען סאָוויעטישע בירגערשאַפט, מיינט אייביקע צעשיידונג מיט די נאָענטסטע. שווער צו דעצידירן זיך. וואָרום מען טראַכט דאָך פאָרט: היטלער וועט דאָך ברעכן דעם קאַרק; אַ סך באַשליסן נאָך דער מלחמה צוריקפאָרן אַהיים, און טאַקע באַלד. דער פסיכאָז „אויף צוריק" שטאַרקט זיך; מורא־דיקע רייען ביי די רעגיסטראַציע־ביוראָס.

דער דאָקטאָר האָט באַשלאָסן בלייבן. ביים אָנגעבן אויף אַ פּאַס האָט אים דער באַאַמטער געזאָגט, אַז ער וועט אויך, מעגלעך, קאָנען אַריבער־נעמען די פרוי. איז עס מיכאל רופא גראָד געפעלן. אויף די עלטערע יאָרן אין דער פרעמד, אָן אַ ווייב — האָט ער זיך געטראַכט און גלייך זיך געווענדט מיט אַ פראַגע:

— אפשר טאַקע שוין, אַצינד, הער באַאַמטער? — אין דער פרעמד, אָן אַ ווייב?...

— שפּעטער, שפּעטער וועגן דעם. דערווייל פאָרט אַליין — ענטפערט יענער אומגעדולדיק — וואָס עפעס אין דער פרעמד? פאָטערלאַנד איז דאָ, וווּ מען עסט ברויט.

— אָבער איך בין דאָך שוין איבער דרייסיק יאָר אַ באַווייבטער.

— אַ ווייב? כע, כע, כע, וויבער פעלן נישט ביי אונדז.

די תשובה האָט אַרויסגעבערענגט דעם דאָקטאָר פון די כלים. ס'טייטש, ווי רעדט עס אַזוי אַ באַאַמטער צו אַ פרעמדן בירגער? און איבער־הויפּט, אַזוי באַליידיקן אַ מענטשן. ער האָט אַן אויפגערעגטער, בייז, זיך געווענדט צום באַאַמטן:

— אויב אַזוי, צערייסט די אַנקעטע און נעמט אַן אַנדערע — אויף פוילן.

— נישטאָ אַזאַ אַנקעטע.

— איר פאַררעגיסטרירט דאָך אויף צוריק אַהיים.

— עס הייסט נישט מער פוילן, נאָר דייטשלאַנד.

— איך פּראָטעסטיר קאַטעגאָריש קעגן אַזאַ נאָמען — האָט מיכאל

רופא כמעט זיך צעשריגן אויף אים (דעמאָלט האָט ער נאָך געהאַט אַ מויל געזונטע ציין).

— פּופּציק יאָר בין איך אַ פּוילישער בירגער און איבער נאַכט בין איך געוואָרן אַ פאַרפלוכטער שוויין?

דער באַאַמטער האָט זיך אַ ביסעלע צוריקגעצויגן: מיט איינגעהאַל־טענעם כעס אויפגעקלערט, אַז ווי אים איז אינפאָרמירט געוואָרן, עקזיס־טירט נישט מער פוילן; זי איז צעטיילט אויף „סאָוויעטישע" געביטן און אויף „דייטשלאַנד".

נאָך דעם האָבן זיי זיך נאָך געאַמפּערט, געדונגען און ס'האָט זיך געענדיקט מיט אַ פּשרה: דער ביורא־מענטש האָט אויסגעבעסערט דאָס וואָרט „דייטשלאַנד" אויף ראַיאָן פון געוועזענעם פוילן".

— אָבער געענדיקט האָט זיך גאָר מיט עפּעס אַנדערש — האָט בראָנקעס מאַמע איבערגעריסן די לאַנגע מעשה, זעענדיק דעם דאָקטאָרס צעציטערטע באַקן, גלייך ער וואָלט אָקערשט אַוועק פון רעגיסטראַציע־טיש...

— יאָ, פּאַני גאָנטשאַנסקאַ, געענדיקט האָט זיך עס מיט „קאָמי"...

ווי קאַלטע טראָפּנס וואַסער אויף אַ נאַקעטן קאָפּ, האָבן געטריפט אויף מאירן דעם דאָקטאָרס רייד. טיפּ, טיפּ, טיפּ, — נישט קיין ווערטער, נאָר סם.

בראָנקע האָט אַציגד אָפּגעענטפערט (אגב דאָס ערשטע אָדער צווייטע מאָל, וואָס זי נעמט אָנטייל אין שמועס).

— איר האָט אייגנטלעך נישט אַנטדעקט אַמעריקע. די אַלע זאַכן זענען פאַר יעדן פון אונדז קיין נייעס נישט.

דאָס וואָרט „פאַר יעדן פון אונדז" האָט בראָנקע אַרויסגעזאָגט מיט באַזונדערער באַטאָנונג, נישט אַראָפּנעמענדיק דערביי קיין אויג פון מאירן. מאיר האָט דעם בליק פאַרשטאַנען. אי נעמען אים, אַזוי צו זאָגן, אין שוץ קעגן דאָקטאָר, אי אַ שטאָך טאָן. דאָס איז געווען נישט די ערשטע און, מסתמא, נישט די לעצטע געלעגנהייט אַרויסצוווייזן איר קעגנערשאַפט צו זיינע „אַלטע זינד". כאָטש דאָס לייכטע ברוגזל וועט זיך, ווי תמיד,

ענדיקן מיט אַ פֿאַרליבט פֿאַרגעבן זיך, האָט מאיר געוווסט, אַז סיי ער, סיי בראָנקע „ליגן לאַטעס אויף אַ צעריסן בגד״...

אַ ווײַלע איז שטיל געווען. מאיר האָט זיך געוואָלט אויפהייבן און גיין. און ווידער איז געשען עפּעס, וואָס האָט אים אָפּגעהאַלטן. טאַדעק איז אָנגעקומען.

אָפּט האָט מאיר דעם נאָמען געהערט. בראָנקע האָט טאַדושן, אונטער פֿאַרשידענע אויסריידן, דערמאָנט מיט אַ צולאָג: „מײַן חבר פֿון שול־באַנק״, „אַ מוזיקער״, „געענדיקט קאָנסערוואַטאָריום״. מאיר האָט תמיד רעאַגירט מיט געמאַכטער גלײַכגילט און אויסגעמיטן רעדן אויף דער טעמע.

דאָס ערשטע מאָל זעט ער אים אַצינד, נישט אַרײַנרעכענענדיק דאָס אַדורכשלײַכן זיך ס׳הייפל דעמאָלט, בעת בראָנקעס אַרויסבאַגלייטן אים פֿון שטוב. דעם אומבאַקאַנטנס נעבעכדיקער אויסזען האָט, אין קעגנזאַץ צו מאירס פֿאַרשטעלונג, געוועקט אין אים אַ געפֿיל פֿון רחמנות. אַ הויכער, אַ דאַרער און אַ שמאָל פּנים. די בײניקע, הויקערדיקע נאָז האָט ווי אַרויפֿגעצויגן אויף זיך די אײַנגעפֿאַלענע באַקנהויטן, די גרויסע אויערן, דעם שטערן. די בולטע נאָז האָט דאָס פּנים געמאַכט דין און לענגלעך, ווי אין אַ רונדיקן אויסבייג פֿון אַ שפּיגל. וואַסערדיקע, מוטנע אויגן האָבן שלאָבעריק און העפֿלעך געשמייכלט צו די אַרומיקע.

— אַ גוט אָוונט.

— אַ גוט יאָר. אַ גאַסט, אַזוי לאַנג נישט געווען. פֿון וואַנען אַזוי שפּעט?

— פֿון שפּיטאָל.

— ווידער שפּיטאָל? נו קומט נענטער. אפֿשר עפּעס איבערכאַפּן.

— אַ דאַנק. דער דאָקטאָר האָט פֿאַרבאָטן.

ער האָט גערעדט מיט אַ פֿאָנפֿעדיק־אָטעמענדיקער שטימע, ווי ס׳וואָלט אים אָטעם פֿאַרפֿעלט. בעתן רעדן נישט צוגעמאַכט די ליפּן. עפּעס נישט דערזאָגטס איז געבליבן אין זײַן אָפֿן מויל. „דערזאָגט״ האָבן די לאַנגע הענט מיט די קנאָכיקע, דאַרע פֿינגער, וואָס האָבן געמאַכט מער באַוועגונ־

גען, וויפל דאָס געריד האָט פאַרלאַנגט. די אומבאַהאָלפנקייט פון אָפּגעמאָ־גערטן גוף, אויסגעצויגענע אָרעמס, זיין נאַכלעסיקער אויסזען האָט אים אין מאירס אויגן אַ סך עלטער געמאַכט. און דאָך האָט פון אים אַ ווייע געטאָן מיט פרעמדקייט. עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אין מאירן דערוועקט די שטענ־דיקע פיינטשאַפט צו דעם קלאַס, פון וועלכן טאַדוש שטאַמט.

— קומט איר טאַקע איצט פון שפּיטאָל? — האָט מאיר געפרעגט, נאָכן פאַרשטעלן זיך, פריי מאַכנדיק אַן אָרט צווישן אים און דאָקטאָר.

— אַך, דאָס זענט איר? געהערט וועגן אייך, זייער אָנגענעם צו באַקענען — האָט טאַדוש געענטפערט העפלעך, פאַרנעמענדיק פּלאַץ — יאָ, איצט פון שפּיטאָל.

ער האָט שווער אָפּגעזיפצט. מיט שטילער, שוואַכער שטים דערציילט: ער קומט צו פוס פון דאָרט. אַפילו ביז אין דער פרי נישט געלאָזט איבער־וואַרטן. גאַנצע פינף וואָכן אויף פלעק־טיפוס געלעגן. ווי נאָר ס׳איז אים אַ ביסל בעסער געוואָרן, האָט מען אים אויסגעשריבן. מען ברענגט פרישע קראַנקע און קיין בעטלעך זענען נישטאָ. ער האָט געבעטן אַ פאַרלענגערונג ביז ר׳וועט פולקאָם געזונט ווערן, וואָרום ר׳האָט נישט ווער ס׳זאָל אים העלפן שטעלן זיך אויף די פיס, ר׳איז איינער אַליין. נישט געפועלט. אויב ס׳וועט נאָך אַ מאָל עפּעס געשען, האָט מען אים געענטפערט, קאָן ער גלייך קומען אָן אַ נאָפּראַוולעניע פון דאָקטאָר.

— נו, וואָס האָב איך געזאָלט טאָן — האָט ער פאַרענדיקט דערציילן — איך האָב זיי נאָך באַדאַנקט פאַר דער גוטער ווינטשעוואַניע און פאַר־לאָזט ס׳שפּיטאָל.

טאַדושעס מוטנע, וואַסערדיקע אויגן זענען גראָער, גרעסער געוואָרן. אַ גלאַנציקע צעציטערטקייט האָט פאַרבליפּט די וויסלען, מאַכנדיק בולטער די האָר־דינע פעדעמלעך פון אויג־הייטל, ווי אָדער־נעצן אויף נאַסן מירמל. ער האָט דערביי געמאַכט אַלע אָנשטרענגונגען זיך צו באַהערשן. פון בושה און אויפרעגונג האָבן זיינע אויערן־לעפּלעך אויפגעפלאַמט.

— אַך, ווער, ווער רעכנט זיך היינט מיט מענטשלעכע ליידן? —

האָט מאַדאַם גאַנטשאַנסקאַ, מיט אויפריכטיקן צער און מיטלייד, אַרויסגע־זיפצט. און בראַנקע האָט זיך געווענדט צו טאַדושן:

— אפשר בלייבסטו דאָ איבערנעכטיקן, אויסרוען זיך פון וועג?

— אַ דאַנק, אַ דאַנק. כ׳בין אַדורכגייענדיק, נאָר געקומען אייך זאָגן, אַז כ׳בין נישט מער אין שפּיטאָל — האָט ער זיך פאַרענטפערט — איך גיי באַלד.

— ניין, ניין. זיצט. טרינקט אַ גלעזל טיי. טיי מעגט איר טרינקען — האָט געזאָגט די באַלעבאָסטע, אויפגעהויבן זיך און אַוועק אין קיך.

טאַדוש האָט נאָך אַ מאָל געדאַנקט פאַרן גלעזל טיי, וואָס די באַלע־באָסטע האָט אים דערלאַנגט. ער האָט נישט געטרונקען.

— דער דאָקטאָר האָט פאַרבאָטן.

מיכאל האָט די גאַנצע צייט נישט אַראָפּגענומען קיין אויג פון בחור, וועמענס אויסזען, שטאַנד האָט אים דערמאָנט נאָך איינעם, אַן אומגליק־לעכן, עלנטן, קראַנקן — זיך אַליין. אַז אָך און ווי צו דיר, „גאָלדענע יוגנט". צום שווערסטן האָט די מלחמה געטראָפן אין זיי. ווי צו די טאַטעס, וואָס האָבן זיי דערצויגן אויפן וועג פון ליכטן ווידערשטאַנד — האָט ער געטראַכט. ר׳האָט פּלוצעם געזען פאַר זיך זיין ווייב, די איינציקע טאָכטער מיט איר מאַן — דעם קומענדיקן דאָקטאָר — וועמען ער האָט איבערגע־לאָזט אין דער היים. אַרויס פון שטוב אויף דערווייל, אויף איבערוואָרטן אין אַ שכנותדיק דאָרף... אַן אַ „זיי געזונט" אַוועק. ווי אַזוי זעען זיי אויס אַצינד? פון וואָס לעבן זיי דאָרט? אפשר האָט זיי אַ בעסערער גורל געטראָפן?...

מיכאל רופא האָט אין זיין פאַרטראַכטקייט איבערגעוואָרפן דעם בליק אויף מאירן און אויפן בינטל ריטלעך אין ווינקל שטוב. „גיי לערן זיך שטאַנדהאַפטיקייט ביים אָרעמען, געבידעוועטן יינגל", און תוך כדי מחשבה זיך געווענדט צו אים:

— איר, פאַניע מישאַ, גיט זיך ווי עס איז אַן עצה.

— איך גיב אַ פּלייצע.

— אמת, אַ פּלייצע, אָבער פון דער סמעטענע, אַזוי ווי אַ קאַץ, גייט איר נישט אַוועק — האָט דער דאָקטאָר זיך באַלעקט.

— כ׳שטעל איין דאָס לעבן: ברעך די פיס אונטער פינף־זעקס פודיקע זעק.

— נישקשה: „ביי אַ שווערן וואָגן איז גוט צו גיין צו פוס"...

— און ווער האָט אַ ברונעם געגראָבן? נייַן איילן אין דער ערד געלעגן, מיט זיבן שווייסן זיך באַגאָסן ביז מען האָט דערלעבט צו זען אַ ביסל וואַסער? און דער הונגער?

— אָ, דער הונגער, דער הונגער. ער יאָגט אַ וואָלף פון וואַלד אַרויס — איז דער דאָקטאָר אַריין אין מיטן די רייד — זי וויסן מאַדאַם גאַנטשאַנסקאַ, וועדליק דער מאָדערנער דאָקטאָריע, פּסיכאָלאָגיש גענומען, פאַרדייעט אַ מענטש בעסער דעם ביסן אויב ער קוקט אויף אים בשעתן עסן. ס׳הייסט, אַזוי צו זאָגן, אַ גייסטיקע הנאה בעת אַ ריין פיזישער פונקציע. וואָס זשע טוט גאָט? — דאָס עסן האָט ער צוגענומען און די אויגן אָפן געלאָזט...

— ער האָט מיך טאַקע, דער הונגער, פון מיין נאַרע אַרויסגעיאָגט — האָט מאיר איבערגעריסן דעם דאָקטאָרס לעקציע, — ווען אין פינטשעוו האָט נאָך געטאָגט בין איך שוין געווען אויפן וועג אין שטאָט אַריין. צוועלף קילאָמעטער אַהין און צוריק. זובאַנין, דער נאַטשאַלניק, איז איטלעכס מאָל צוגעקומען — „קאַק דיעלאַ, רעביאַטאַ?", ווי גייט עס, חברימלעך? כּאַראַשאָ, גוט — ענטפער איך, און וויַיז מיטן פינגער אין דער ערד... מ׳מוז נאָך, פאַרשטייט איר מיך, האַלטן פאַסאָן, דאָ איז נישט פאַראַן קיין באַקלאָגן זיך. און וואָס האָט ער געענטפערט, מיינט איר, — „וואָינאַ". אָפּגעזאָגט און אַוועקגעגאַנגען. און דו חבֿרל, רייס מיט די ציין און נעגל דעם באָדן.

— אַזוי איז עס, פאַניע מישאַ. „ווער עס שטייט אויף פרי — דעם באַצאָלט גאָט פאַר זיין מי" — זאָגט אַ פּויליש שפּריכוואָרטל — האָט מאַדאַם גאַנטשאַנסקאַ אַריינגעוואָרפן.

— יאָ, גאָט באַצאָלט... מזל דאַרף מען — ענטפערט בראָנקע.

— אַך, גאָט, מזל — האָט טאַדוש אַ זיפץ געטאָן און אַנטשוויגן געוואָרן. ער איז מיד פון וועג. דער ריח פון נאָר וואָס פאַרענדיקטן נאַכט־עסן, די ברוינע, שמעקעדיקע טיי אויפן טיש האָט ווי אַ נאַרקאָז איינגעשלעפערט זיינע אָפגעשוואַכטע חושים. צו זיינע אויערן האָבן זיך נאָך דערטראָגן קלאַנגען, איינצלנע ווערטער פון אַ לעבהאַפטן שמועס אַרום אים. זיי רעדן אַפּנים ווייטער — האָט ער זיך געטראַכט, אָבער פאַר אים איז דאָס גערייד אַן אומפאַרשטענדלעך שאַרכעריי, וואָס ווערט פון רגע צו רגע שטילער: אַ שטילער געפליסטער. אַך, גאָט, מזל... ווען ער קאָן אַזוי ערגעץ אָפּשווימען ווייט, ווייט פון דאַנען — אַהיים. אַוועקלייגן זיך און איינשלאָפן, אָן וויטיקן איינשלאָפן ביז דאָס גאַנצע שלעכטס, די אומגליקן, די וויסטע מלחמה, די וועלט־שריפה וועט אַריבער... אויפוואַכן אין אייגענעם בעט, אין שלאָף־צימער, ווו ס׳שטייט די פּיאַנאָ... דורך די לאָדן־שפּאַרעס שטרעקט די מאָרגן־זון אירע שטראַלנפינגער אויף די קלאַווישן... ער זעצט זיך צו און זיינע הענט נעמען לויפן, צעהאַלבן, צעפּערטלען די גינגאָלדענע פּאַסן פון טאָג און זיי נעמען שוועבן אין דער לופטן, די ליכטפלעקן, געיאָגט פון זיינע קלאַנגען — — — קלאַנגען... שוואַרצע, ווייסע טייבעלעך... רוישן, פלאַטערן רויטינקע, דינע פיסעלעך — נאָטן; נאָטן — ווי שריפט אויף אַ קינאָ־עקראַן. אָט צעפאַלן זיי זיך אין שפּריצן, אין צעשפּרונגענע פונקען... מוזיק... שטאַרקער! שטאַרקער... שלוס־אַקאָרדן. סוף — — — אַ ווייסער לייוונט. ליכט. טאַדוש האָט געעפנט די אויגן, געזען באַקאַנטע פּנימער, און צוריק פאַרמאַכט...

— איר זענט מיד, שלעפעריק? — האָט די באַלעבאָסטע איידל באַרירט דעם אַקסל פון איינגעדרימלטן מוזיקער — אפשר ווילט איר זיך צושפּאַרן?

— אַך, אַנטשולדיקט, אַנטשולדיקט. ניין, ניין. סתם... אַנטשולדיקט.

מיט טאַדושעס אויפקומען זענען אַלע מיט אַ מאָל וואַכעדיק געוואָרן. מאיר האָט אַ בליק געכאַפּט אויפן גרויסן רוסישן זייגער אויף זיין האַנט: 11.30. אַלע האָבן זיך אויפגעהויבן פון די ערטער. די געסט האָבן גֿעדאַנקט, געווּנטשן טאַדושן אַ גיך געזונט ווערן, זיך צעזעגנט.

בעת מאיר האָט געדריקט בראָנקעס האַנט, איז גראָד לעבן איר געשטאַנען טאַדוש. געשטאַרקט פון איבערגעכאַפּטן דרימל, האָט ער אָנגענומען אַ שטייפע מענערישע פּאָזע; מיט בעטנדיק־פאַרשעמישע אויגן געקוקט אויף זיין געוועזענער שול־חברטע, וואָס האָט, נישט אָן כוונה, אַצינד מער ווי תמיד צו אים געשמייכלט. נישט וועלנדיק באַרויבן דעם קראַנקן מוזיקער פון זיין לעצטער אילוזיע, האָט מאיר, אַ שטרענגער, אָנגעכמורעטער, אָפּגעקערט דעם קאָפּ אין אַ זייט, זאָל ער מיינען, אַז ס׳פאַרדריסט אים. בראָנקע, וואָס האָט זיך אויסגעלערנט לייענען איר געליבטנס מחשבות, איז געווען אַ מבין אויף דעם קער. עס האָט איר פונדעסטוועגן הנאה געטאָן דער היינטיקער צוזאַמענטרעף... געציילטע סעקונדן האָבן דריי פּאָר אויגן זיך אָנגעקוקט, אָבער געזען האָט יעדער איינער — זיך אַליין.

דער דאָקטאָר און טאַדוש זענען אַוועק צוזאַמען. מאיר האָט אין איניקע מינוטן צעבונדן דאָס בינטל ריטלעך, געמאַכט דערפון צוויי. איינס געלאָזט ליגן, ס׳אַנדערע גענומען אונטערן אָרעם, געזאָגט „אַ גוטע נאַכט” און אַרויס פון שטוב.

ס׳איז געווען אַרום צוועלף אַזייגער בעת מאיר האָט זיך געלאָזט גיין אַהיים. דווקא היינט, גראָד ווען ר׳ברענגט מיט זיך אַזאַ נייעס, קומט ער אַזוי שפּעט, האָט ער זיך געטראַכט. זיי וועלן דאָרט פון דער הויט אַרויסשפּרינגען. טאָמער ווייניק — לייגט ער נאָך אָן וועג, ר׳האָט זיך געלאָזט מיטן שמאָלן ליקל, פאַרקערעוועט אין אַ זייטיק געסל, אויסמיידנדיק דעם טאָלטשאָק און באַזאַר. וואָרום אין דער אַ שעה שלאָנדערן זיך, ס׳רוב אויף די צוויי פלעצער, שייקעס גנבים, אונטערוועלט, שכורע און סתם כוחגייער. ער שפּאַנט מיט גיכע טריט און פייפט זיך צו אַ לידל, הוסט אונטער אויפן קול, וועלנדיק מינערן דעם פּחד אין זיך. ס׳איז פינצטער, סוף אַלול־נאַכט. פון די טונקעלע וואָלקנס קוקט אַרויס אַ האַלבע לבנה, ווי אָן אָפּגעריסענער דאשעק פון אַ היטל. נאָך נישט געווען די צייט פון רעגנס, אָבער דער ריח פון זיין אָנקום האָט זיך געפילט אין דער לופט. אָט די ערבווינטער־קילקייט האָט זיך דאָ געלאָזט מערקן די לעצטע צוויי חדשים אין

יאָר, אין די נעכט און אין די מאָרגן־שעהן. ס׳טרעפט אויך אין דער צייט זאָל אַ פלייץ טאָן אַ רעגן מיט ווילדער רוגזה, ווי דער שטייגער פון די קאַזאַכן, וואָס פאַלן אַריין, אַן איבעראַנג־פּויזעס, פון גאַסטפריינטלעכקייט אין בייזער נכפּה.

מאיר האָט שוין געהאַט הינטער זיך דאָס לאַנגע, געדרייטע אַבאַיאַ־געסל, פאַרנומען רעכטס אויף דער סטאַכאַנאָווסקאַיאַ. וואָס פריער זיין אין שטוב — איז געווען זיין איינציקער באַגער. ער האָט אָבער אין צווישנצייט געטראַכט וועגן נאָך הונדערט און איין זאַך. געטראַכט און נישט דערטראַכט. דער פּחד, די שטילקייט אַרום אים, דער אָפּהילך פון די אייגענע טריט אויפן האַרט־איינגעטראָטענעם, טרוקענעם באָדן, האָבן אים איבערגעריסן זיין געדאַנקען־לענטע. באַגעגעניש מיטן בוכאַרער, דאָס פאַרגעפיל ערב דער באַגעגעניש... דער דאָקטאָר, בראָנקע, טאַדוש — די צעקראַכענע אינטעליגענץ, די ערשטע קרבנות אויף די שטילע פראָנטן.

גייסטיק איז בראָנקען אפשר דער מין טיפּ נאָענט — האָט מאירן פאַרפאַלגט דער געדאַנק — אָבער דווקא צוליב דער נאָענטקייט — קאָן זי אים נישט ליב האָבן. זי האָט דאָך נישט איין מאָל געזאָגט: „נאַרעלע, איז ער דען אין מיין גוסט?" — אַזאַ אמת קאָן אַ פרוי נאָר אויספּלאַפּלען אין מאָמענטן פון פאַרגעסונג... וויפל מאָל האָט זי שוין געזאָגט דאָס פאַרקערטע? אַלץ איינס, דינט עס איין צוועק — ליבע. אָ, ווי דערפינ־דעריש קלוג זענען די געניג. ס׳איז די חכמה פון אינסטינקט — דער אינסטינקט פון אַ חיה. דאָקעגן איז דעם מאַנס קלוגשאַפט — אין באַוווסטזיין. מעג זיין ליבע צו דער פרוי זיין פרעך, איז זי דאָך עטיש, פונקט ווי זי איז אָרגאַניש...

— ...העי! העי! קטאָ טי!? ווער ביסטו? — האָבן זיך אָנטקעגן אים געשטעלט דריי חברהלייט. דאָס פּלוצעמדיקע קול און דאָס פאַר־שטעלן אים דעם וועג, האָט מאירן דערשראָקן ביזן פאַרלירן ס׳לשון.

— העי! ווער ביסטו? ווער? איך... — — —אָנשטאָט דערזאָגן, וואָס דער „איך" וויל טאָן, האָט איינער פון זיי, אַ הויכער, אַ דאַרער אויפגעהויבן אַ האַנט. ס׳איז געווען פינצטער. יענעמס האַריקע פויסט,

וואָס האָט זיך דערנענטערט צו מאירס נאָז און אויגן, האָט פאַרשטעלט די גאַנצע גאַס, דעם הימל, די וועלט. דאָס בינטל ריטלעך איז אים געפאַלן צו די פיס. קיין שלעגער איז נישט מאיר. ווען ער וואָלט עס יאָ געווען, האָט אויך די דאָזיקע לאַגע, דריי קעגן איינעם, אָפגענומען די פעיקייט. ער איז אָבער אויך נישט קיין לויפער. שעמט זיך הייבן פיס, דאָס גלייכן, שרייען „געוואַלד". עס מאַכט אים לעכערלעך אין די אייגענע אויגן. האָט ער געמאַכט אַ טראָט אויף צוריק, זיך פאַרטשעפעט אין די ריטלעך און אומגעפאַלן. אין דעם מאָמענט האָט איינער זיך צעלאַכט. דאָס געלעכטער איז מאירן באַקאַנט געווען. ער האָט אַ געשריי געטאָן:

— וואָלאָדיאַ!

— העי, מישאַ, טשעמו ניע סקאַזאַל? פאַרוואָס האָסטו באַלד נישט געזאָגט? כאַ, כאַ, כאַ...

— נאָך אַ רעגעלע און דו וואָלסט זיך מיט דער רויטער יויך באַגאָסן

— רופט זיך אָן אַ צווייטער.

דער דריטער פאַרענדיקט:

— אַ מזל, וואָס דו האָסט זיך אויסגעגליטשט...

— אַך, דאָס געלעכטערל, וואָלאָדיאַס געלעכטערל — האָט מאיר צוריק באַקומען לשון, זיך אויפגעשטעלט, צוגעגעבן זיך אַ ביסל קוראַזש און ווייטער געערעדט צו אַלע, וועגנדיק זיך צו וואָלאָדיען:

— קאַק דיעלאַ? ווי גייען די געשעפטן?

— ניטשעוואָ. נישקשה. וואָס מאַכט כאַסאַן? ער זיצט נאָך נישט?...

וואָלאָדיאַ איז שכורלעך, מיט וואַקלענדיקע טריט געגאַנגען, און מאיר אַ רוף געטאָן מיטן ווייז־פינגער:

— קום מישקאַ, אונטערפירן דיך? — ביז אַהיים קאָנען דיך נאָך באַגעגענען אונדזערע יאַטן, וואָס דרייען זיך דאָ אויפן וועג.

— אַזוי גאָר? פיין, פיין, ביסט אַ בראַטאָק.

וואָלאָדיאַ איז שכורלעך מיט וואַקלענדיקע טריט געגאַנגען און מאיר מיטן בינטל ריטלעך לעבן אים.

— דו פאַרשטייסט — האָט ער ווייטער געצויגן — כל זמן מען פאַקט

נישט עפּעס אַ העכטל גייט מען נישט אַהיים. אַהאַ, אַהיים... הם... אונדזער היים איז די גאַס. דאָ בין איך איבער זיך דער באַלעבאָס; אין שטוב — די פּאָליציי, דער „וואָיענקאָמאַט" און כל מיני אַנדערע אומגעבעטענע געסט — פּאַרשטאַנען, מישקאַ? געהאַט אַ מאָל אַ היים... אין פּראָסקוראָוו, קאַמעניעץ־פּאָדאָלסקער אָבלאַסט. איבערגעלאָזט אַ טאַטן, אַ מאַמען; אויך אַ סך אייערע, יעווריעטשיקעס. גיב צו פּאַררויכערן.

— נישט קיין רויכערער, פּאַרגעסן? וואָלאָדיאַ.

ער האָט זיך אַ ווײַלע פּאַרהאַלטן, אַ פּאַטש געטאָן זיך אין שטערן — אַך, דורען, שוטה וואָס דו ביסט — האָט ער זיך געזידלט, אויסשפּייענדיק עטלעכע מאָל פון כעס. מאיר איז אויך שטיין געבליבן און געזען ווי ער שטעקט אַרײַן די האַנט אין קעשענע און נעמט אַרויס אַ ביסל מאַכאָרקע און אַ צעקנייטשט שטיקל צייטונגס־פּאַפּיר. פלינק גלייכט ער אויס דאָס פּאַפּירל מיט די מיטלסטע דריי פינגער פון ביידע הענט, פּאַרדרייט עס אין אַ לאַנג, דין שקאַרמעצל. אָנגעשטאָפּט דערמיט די מאַכאָרקע פון דער אָפענער דלאָניע, מיט איין בייג געמאַכט אַ לולקע און גענומען אין מויל אַרײַן. מאיר האָט דערוויַיל דערטאַפּט ביי זיך אַ קעסטעלע שוועבעלעך און אים אונטערגעטראָגן פייער.

— נו, אַצינד קאָן מען זיך אויך צוזעצן: אָט איז אַ שטיין. האָב קיין מורא נישט, מישקאַ; מיט מיר קאָנסטו זיך פילן אויף דער גאַס, ווי ביי זיך אין דער היים.

זיי האָבן אַזוי געטאָן. וואָלאָדיאַ אויפן שטיין און מאיר אויפן היגן שטייגער, מיט די פיס אונטער זיך. וואָלאָדיאַ האָט אַ צי געטאָן פון פּאַפּירע־נעם לולקעלע און מיט אַ פול מויל רויך אָנגעהויבן:

— ס'איז געווען מיט אַ צען יאָר צוריק, ניינצן דריי און דרייסיק: אַ פּאַצאַנאָק *), אַ יאַטל, אַ גרינער אין „פּאַך", האָט מען מיך ביים ערשטן נאַרישן גנבהלע אונטערגעכאַפּט. ווי האָב איך געקאָנט איינזיצן, אַז אין שטוב הונגערט מען; ס'איז געווען דאָס ערשטע יאָר פון איינפירן קאָלכאָזן.

---

*) אַ יאַטל.

מען האָט צעבראָכן די מאַשינען, פאַרברענט די זאַפּאַסן תבואה, אויסגע־קוילעט די בהמות, די פערד — אַרויסגעיאָגט פון די שטאַלן. זענען אַראָפּ־געקומען קאָמיסיעס, געררעדט, געשריגן, מיט פאַרהויבענע פויסטן... די פויער־ימלעך האָבן געשוויגן. געשוויגן און געגעסן קדחת; קעץ, הינט, מאָקוך. און אונדזערע חברימלעך אין מאָסקווע, האָט מען דערציילט, לעבן אַ גוטן טאָג. אַ קלייניקייט, איינגעפירט קאָלכאָזן אין גאַנץ אוקראַינע, ווייסרוס־לאַנד, דאָנבאַס. כאַ, כאַ, כאַ, האַ, מישקאַ? און אין שטוב איז נישטאַ קיין שטיקל ברויט...

...אין שטוב איז נישטאַ קיין שטיקל ברויט... תפיסה... אַ קליין יאַטל, מיט צען יאָר צוריק, ווינטער נײַנצן דרײַ און דרײַסיק... מאַירן איז אַדורך אַ דערמאָנונג...

— שווײַגסט, מישקאַ, אַוודאי פאַרבענקט זיך נאָך די גוטע צײַטן?... בײַ אײַך, אין פּאָלשו, זאָגט מען, איז דעמאָלט געווען אַ סך עסן, אָנטאָן אָן אַן אָטשערעד. אמת?

— אמת... דערציילט, דערצייל, וואָלאָדיאַ.

— יאָ, אויך אין מאָסקווע איז אַלץ צו באַקומען געווען אין די לוקס־טאָרגן *), נאָר צאָלן האָט מען באַדאַרפט מיט גאָלד. פאַר גאָלד קויפסטו ברויט, וויפל דו ווילסט. האָט יעדער איינער אויסגעקראַצט, אויסגעגראָבן באַהאַלטענע אוצרות: „חזרימלעך“, רינגלעך, זייגערס און היידאַ קיין מאָסקווע. אונדזערס אַ שכן, אַ יעוורעי, איז אַוועק מיט אַ קליין קעסטעלע — און צוריק געקומען מיט אַ זעקל ברויט. ברויט, ברויט פון מאָסקווע. נאָכדעם האָט מען זיי אַלע אַרויסגעשלעפּט פון די בעטן און היידאַ — שוין נישט קיין מאָסקווע... כאַ, כאַ, כאַ.

— וואָס הייסט, נישט קיין מאָסקווע?

— יאָלד, אַ פּוילישער און ש... וואָס דו ביסט. קאַפּיטאַליסטן, קולאַ־

*) געשעפטן מיט לוקסוס־אַרטיקלען, וווּ מ׳קאָן קויפן פאַר גאָלד און אויסלענ־דישער וואַלוטע.

קעס, גאָלד־באַזיצער, דאָס זענען דאָך קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן, בונטאָווי־שטשיקעס, קעגנער פון די קאָלכאָזן.

וואָלאָדיאַ האָט אַ צי געגעבן ס׳פאַרבליבענע שטיקל לולקע־סיגאַרעטל און נישט דערפילנדיק דעם ריח פון צעזשאַרעטן טיטון — אָוועקגעשליי־דערט עס. אויסגערויכערט מסתמא, האָט ער זיך געטראַכט, ר׳האָט פאַר־דרייט אַ צווייט סיגאַרעטל, אָנגעצונדן און פאַרצויגן.

— אַ שאָד, אַ שאָד, וואָס נישטאָ אַצינד אַ ביטערער טראָפּן — האָט ער געזאָגט צו מאירן. אײַ, עס קיצלט אין גאָרגל.

— שפּעט. אוממעגלעך אַצינד — האָט מאיר זיך פאַרענטפערט. ס׳איז אויך געווען אַ רמז אויף ענדיקן דעם שמועס. וואָלאָדיאַ האָט זיך דערויף נישט געכאַפּט אָדער נישט ווילנדיק געמאַכט. די דאָזיקע אומגעריכטע באַגעגעניש, דאָס דערציילן זאַכן, וועלכע ער האָט אַ מינוט פריער נישט געהאַט אין זינען און בכלל נישט געטראַכט וועגן זיי, האָט אים אַליין פאַרוואַנדלט אין אַ גוטן צוהערער. אויסגעניכטערט פון בראַנפן און פאַר־שכורט פון אייגענע מעשיות — אַרויסגעשעפּטע פון זיין טונקעלער שכחה — האָט ער ווייטער גערעדט:

— מען האָט זיי ווייט נישט געפירט. הינטער דער שטאָט, אין אַ וועלדל — אויסגעשאָסן ביז איינעם. צו די היימען, האָט מען דערציילט, האָט זיך דערטראָגן דער אָפּהילך פון שאָסן. איך האָב קראָפּירט זען, ווי אַזוי מאַכן זיי דאָס. גען איך איין מאָל, ביינאַכט, און כאַפּ זיך אַריין אין וועלדל. אַרויף אויף אַ שפּיץ בוים ווי אַ וועווריק. דו הערסט? זאָל מיך אַ ש... אָוועקלייגן, אויב איך זאָג ליגן. פאַררוקט זיך אונטער די בלעטער און געוואַרט. איי, איי, ווי קאָמיש דאָס איז געווען: אַ קנײדעלע און אַ קאָזשע־ליק, אַ קאַטשע אַראָפּ אין גרוב אַריין... קיין „אוי", קיין פּיפּס נישט, גלייך ווי אויף אַ קאַרטינע. כאַ, כאַ, כאַ, האָב איך כאַכאַטשעט אין זיך אַריין. פון דעמאָלט, פון דעמאָלט אָן, פאַרשטייסטו מיך, כאַפּט מיך אָן אַ געלעכ־טער, אַז עמעץ גיט זיך אַ גליטש אָדער אַ פאַל.

— און אַז דו אַליין גיסט זיך אַ גליטש?

— איך האָב זיך נאָר איין מאָל אויסגעגליטשט...

— און דו לאַכסט פון דער וועלט ?...

— נישקשה, כאַ, כאַ, כאַ, מישקאַ, דו מיט דיין יעווריעיסקע קעפּעלע וועסט נאָך אַוועקוואַרפן כאַסאַנען און קומען צו מיר. איך דאַרף אַזעלכע יאַטלעך. אייערע פּוילישע האָבן אַ סך גאָלד...

— מ׳עט זען. דערווייל דאַרף מען אַהיימגיין. שפּעט.

— קאָנסט גיין. נאָר פאַרגעס אין אַלץ, וואָס דו האָסט געהערט. ווי אין אַ טויטן פאַרגעס. פאַרשטאַנען ?

— פאַרשטאַנען.

— אַנישט, מישקאַ — האָט ער ווייטער גערעדט — ווי מאירס ענפטער וואָלט צו אים נישט דערגאַנגען. — אַנישט, וועל איך דיר צעטריי־בערן ; וועסט האָבן ביי מיר דעם סוף פון יענע חברימלעך.

— וועלכע חברימלעך ? — האָט מאיר געפרעגט, שטייענדיק מיטן בינטל ריטלעך אונטערן אָרעם גרייט צו גיין.

— די אויספירער פון יענע שטיקלעך אַרבעט אין וואַלד. געשאָסן זיי ווי די הינט. מען דאַרף נישט קיין עדות... פאַרשטאַנען ? „וואָר נאַ וואָריע סעדיט, וואָראָם פּאָגאַניאַיעט״ *).

מאיר האָט באַטראַכט דעם רוסישן שפּריכוואָרט און אויסדרוק „BOP״ — גנב. און ווער האָט דאָס געזאָגט. אָט דער שגץ, אין וועמען גראָד דאָס שלעכטע פון דער רעוואָלוציע האָט געפונען דעם בולטסטן אויסדרוק.

*

אַריינגעקומען אין הייפל, האָט מאיר געטראָפן די מאַמען זיצן אויף דער שוועל ביי דער אָפענער טיר. אַן איינגעגנורעטע אין זיך איז זי געזעסן, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אין דער פּוטרינע. אַן אַדורכגענומענע פון קילקייט, מיד פון איבערקלערן, איז, ווייזט אויס, אַנדרימלט געוואָרן. ער האָט איר אַ טאַרע געטאָן :

*) „אַ גנב זיצט (פאָרט) אויף אַ גנב און טרייבט אונטער מיט אַ גנב״.

— מאַמע, מאַמע.

— מאיר? — האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט אויפגעריסענע אויגן — שוין לאַנג דאָ?

— די מינוט געקומען.

—און איך האָב גאָרנישט געוווּסט, אַז כ׳שלאָף.

— בעסער אַזוי. האָסטו ווייניקער געקלערט.

— פאַרקערט, איך טראַכט דאָך די גאַנצע צייט פון דיר. אויף אַלע וויסטע פינצטערע וועלדער, אויף היטלערס קאָפּ. וואָס מיר איז אַלץ אויפן רעיון געקומען...

— דאָס האָט זיך דיר געחלומט.

— וויזט אויס... אַבי כ׳האָב געמיינט, אַז כ׳בין אויף...

— מאַמע, כ׳האָב אַ גרוס.

— אַ גרוס? פון וועמען? אַ לעבעדיקן גרוס? — האָט שרה זיך אויפגעשטעלט, געריבן די אויגן פון שלאָף. זי האָט נישט געוווּסט, צי חלומט זי ווייטער, צי איז זי וואַך. זי זעט אָבער פאַרט מאירן, דאָס בינטל ריטלעך ביי די פיס. זי הערט דאָך זיין קול. וואָס קומט דאָ פאָר מיט איר?...

— מאיר קרוין, מאירקע, וואָס זאָגסטו?

— איך זאָג, אַז כ׳האָב צופעליק באַגעגנט איינעם און וועדליק זיינע רייד, האָט ער דאָרט געטראָפן צוויי...

— וועלכע צוויי? ווו איז דער „דאָרט״ — ווער האָט זיי געטראָפן, די קינדער? ווו איז ער, דער גוטער מלאך? וואָס שטייסטו? קום אויפ־וועקן דעם טאָטן — איז זי אַריין מאירן אין מיטן די רייד און זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט.

מאיר איז איר נאָכגעגאַנגען, ביי אברהמס בעט שטיין געבליבן. ער האָט „אויף איין פוס״ איר איבערגעגעבן וועגן דער באַגעגעניש מיטן בוכאַרער.

— שפעט, גיי לייג זיך. צו וואָס אויפרייסן דעם טאַטן פון שלאָף? — האָט דער זון זיך געבעטן, באַרויקנדיק זי.

ש. וואַרזאַגער

— אוי, גאָטעניו, טאַטע זיסער, צי בין איך דאָס ווערט? צי האָב איך זיך ביי דיר פאַרדינט?

שרה איז די נאַכט נישט געשלאָפן. אויף אַלע יידישע מאַמעס אַזעלכע נעכט און אַזעלכע גוטע בשורות.

קאַפּיטל אַכט

פאַרקאָכט אַ קאַשע

דריי יונגע מענער זענען געגאַנגען מיטן וועג פון דער שטאָט צו דער סטאַציע. פאַרטאָג. אַ צפון־ווינט מיט רעגן־פּריס שטעכט אין פּנים. איבער די קעפּ קאָלערן זיך שווערע דונערן. קרומע בליצן, ווי גלאַנציקע מעסערס, באַלייכטן דאָ און דאָרט אַ וואָלקן־ אויסבויג, צעשניידנדיק דעם גראָלעך־טונקעלן הימלדעק. כאָטש אָנהייב טבת, זאָגט אָבער דאָס וועטער אָן אַ גוטן ווינטער. „גוט" — די געציילטע חדשים, טבת־אדר, צאָלן אָפּ פאַר אַ גאַנץ יאָר. חוץ דעם געשעט דאָס פּלוצעם — אָן פרילינג־ און האַרבסט־ איבערגאַנגען. ביז נעכטן האָבן נאָך אָנגעהאַלטן די היצן. קיין איינער פון די דריי האָט אַפילו נישט קיין קלער געטאָן וועגן אַ ווינטער־מלבוש, אַ פּאָר גאַנצע שיך, קאַלאָשן. עס באַאומרויקט. טעג, מעת־לעתן, אויך וואָכן האַלט אָפּט דער רעגן, די וואַסערן. ס׳איז נישט דער היימישער ווינטער, וואָס דערמאָנט אין דער ערשטער נאָסקייט אויף וועגן, טראָטואַרן, בוים און בלעטער; יענע פייכטקייט, וואָס פרישט אָפּ דאָס אויג, מאַכט ייִנגער, גליטשיק דעם טראָט. דאָ קומט ער מיט אַזיאַטיש ווילדער, פאַר־ריטענער גאווה, מיט תאווה פון אַ גרויזאַמען מלך צו דער מלכה — אַ גליאַיק הייסע און פאַרשלאָסענע...

מיט זיינע מעכטיקע רעגן־פינגער רייסט ער אַראָפּ די „פּאַראַנדזשאַ" — דעם שלייער פון די גראַנאַטענע שטערן־נעכט און גאָלדיק־דינעם קלייד פון טאָג. „נאַשפּיץ" קומט ער צו רייטן, דער פּריץ, מיט ווינטיק צעבלישטשעטע פּאַלעס און בייטשט פון אַלע זייטן. אויך דער היגער מענטש איז דעם ווינטער מקבל באהבה, קוקט אים אויס מיט טויזנט אויגן — בפרט היי־יאָר, דער דריטער ווינטער אָן רעגן. ער יום־טובט, דער קאַזאַך, אין זיין ליים־פּאַלאַצל; וואַרעמט זיך די פיס אונטערן דיוואַן איבערן

סטאַנדאַל — אַ הילצערנער געשטעל איבער אַ ליים־לאָך אין מיטן פּאָד־לאָגע, מיט צעזשאַרעטע קוילן. ער איז מתפּלל צו אַללאַ פאַרן גרויסן חסד — רעגן. אַ יום־טוב, אַ קאָסמישע פרייד איז דאָס פליייצעניש. פעלד, זאַמד, רוי־ערד, מיט פאַרברענטע ליפּן, געפּלאַצט פון טריקעניש, טרינקען ווי ווײַן דעם זעלטענעם געטראַנק. עס יום־טובט דאָס געבערג, צעוואָרפן דאָ און דאָרט איבערן אָפענעם שטח; די סאַקסאַולן — אויסגעסאָכניעטע קאַר־ליקעס, די ציפּרעסן — מיט פאַרשטויבטע זשיראַפע־העלדזער; די פייכטע, שטעכיקע דערנער און ווילד־קוסטעס, פאַרשטעקטע צווישן זון און זאַמד — אַלץ לעבט אויף, שעפּט חיות אויף לאַנגע, לאַנגע זומער־חדשים.

פאַר די דריי יונגעלייט איז דער ווינטער אַ נייער צולאָג צו די אַלטע צרות. דער וועג איז זיי גוט באַקאַנט. מיט העכער אַ יאָר צוריק, נישט איין מאָל דאָ געגאַנגען. זעקס ברידער געווען. זיי, די דריי, האָט מען בעת אַן אַבלאַווע געכאַפּט. איינעם, מאירן, איז געלונגען צו פאַרבלייבן. צוויי טעג און אַ נאַכט האָט מען דאָ, אַ מאַן פיר הונדערט, געהאַלטן אין הויף פון „וואַיענקאָמאַט”. פאַרן אָפּגיין פון טראַנספּאָרט איז אַראָפּגעקומען אַ קאָמיסיע און פאַרלאַנגט עטלעכע מאָביליזירטע אין די שאַכטן פון אַטשעסיי, בערך הונדערט קילאָמעטער דרומדיק פון טורקעסטאַן. מיט אַ גרופּע פון אַריבער דרייסיק פערזאָן זענען זיי, די פינף ברידער, מיט אַ קאַלייקע אַהין אָפּגעפירט געוואָרן. אין אַטשעסיי האָט מען ווידער צעטיילט. צוואַנציק אויפן אָרט און די רעשט, צווישן זיי צוויי ברידער, אין די שכנותדיקע גאָלד־גרובן, קאַנטאַגי.

ביידע שטעטלעך — ווי אַ צווילינג: סיי אין צאָל איינוווינער (דרייסיק־פערציק טויזנט), סיי אין אויסזען. אַ באַרגיקער שטח איבער אַ טאָל־אויס־שפּרייט. אַ נעץ פון ברוקירטע, שמאָלע געסלעך, וואָס קניפּן זיך, קרייצן זיך און ווערן פאַרלוירן צווישן איינשטאָקיקע הייזקעס מיט הויכע דריי־פליגלדיקע פענצטער. די פראָנט־טירן זענען איין־שויביקע און עפענען זיך צום שוועל אַרויס, וואָס פירט פון דרויסן גלייך אין שטוב אַריין — דאַטשעמעסיק. גערטנער, סעדלעך און איינציקעביימער גיבן צו דער אָרטשאַפט אַ לעבעדיקע, גרינע מראה, וואָס דערמאָנט אין האַלב־שטאָט,

האַלב־דאָרף. נאָך אַ פאַרב, אַ נאַטירלעכע, וואָס מאַכט דעם אויסזען פון אַטשעסיי און קאַנטאַגי, און זייערע איינוווינער, אומנאַטירלעך פאַר אַ נישט היג אויג, איז דאָס קופּער־גאָלד: אַ מין טוי, אַ בלאָנדער פּריס, וואָס פאַלט אַריין אין צוגעבערענטן גאָלד. דאָס איז דער שטויב פון גאָלד־הערודעס און שטיינקוילן, וואָס נידערט פון די בערג, ווו די שאַכטן געפינען זיך. דער געמיש פון שוואַרץ און רויט פאַרבט דעם דאַך־צינק, די טרעפּ־באַלוס־טראַדן, טירן, פענצטער, באַקריינט אויך דאָס גרין און לייגט זיך אויף דער גאַנצער געגנט, צווישן און אַרום ביידע שאַכטן־שטעטלעך. אויף די פּנימער פון די איינוווינער די האָר, ברעמען טראָגן אויף זיך דעם חותם פון דעם מישלינג־קאָליר, מאַכט זיי משונהדיק, אַנדערשדיק, קאָמיש.

סך־הכל אַ הונדערט וויאָרסט פון טורקעסטאַן, אָבער אין אַרט לעבן, באַזונדערס די עטלעכע מלחמה־יאָר, טיילט זיי אָפּ, קאָן מען זאָגן, אַ גאַנצע תקופה. דאָ לעבט מען גוט, רויק, זאַט. די אוצרות פון די ערד־טיפענישן, די נאַטור־שפע יוירט אַריבער, וואַרפט אַרויס אויף דער אויבערפלאַך הויפנס, בערג הונדערט־ און טויזנט־טאָניקע „שוואַרצן גאָלד", קלעפּיק־רויטלעכע ליים־הערודעס. זיי גלאַנצן און חנדלען זיך קעגן דער זון מיט גבורה און אינערלעכער, אייגענער ליכטיקייט. זיי גיבן אויך צו אַ באַזונדערע חשיבות די איינוווינער — מערסטנס שאַכט־אַרבעטער. יעדן אין דער פרי, מיטן קלונג, שטראָמען זיי מחנותווייז איבער די שמאָלע שאָסייען באַרג־אַרויפיק, צו די שאַכטן. בלויע און גרינע אַרבעטס־בגדים, גאָלד־שטויב אויף די ברעמען און טונקל אַרום די אויגן. פיר אַ זייגער נאָך מיטאָג, אַז מ'זעט זיי אַראָפּגיין, ווייסט מען, אַ צווייטע שיכט זעצט פאָר די אַרבעט. פון צוועלף ביינאַכט ביז אַכט אין דער פרי — אַ דריטע. צווישן די אַרבעטער זענען פאַראַן נישט ווייניק פרויען אין מענער־קליידער, אוודאי ביוראָ־אַרבעטאָרינס און באַדינערינס. דער „גרים" גיט זיי צו אַ באַזונדערן חן.

פיר און צוואַנציק שעה גייט אָן די אַרבעט אין די שאַכטן. מלחמה? פראָנט? וועגן „איבערגעלאָזטע" און „אָפּגענומענע" שטעט — הערן אַטשעסייער און קאַנטאַגיער אין ראַדיאָ. צייטונגען אין היגן לשון זענען דאָ

ווייניק; רוסיש קענען נישט אַלע לייענען. זיי הערן מעשיות, וואָס צוריק־געקומענע אינוואַלידן דערציילן, און שאָקלען מיט די קעפּ. אין די אויגן — פּחד, פאַרוווּנדערונג און באַדויער. אויב דערטראָגט זיך וועגן אַ פאַרטייעטער גערויש, קומט עס פון קליינעם סטאַציעלע, פון דער קאַלייקע. מערסטנס אין די נעכט און פאַרטאָגן הערט מען פרעמדע טריט, געררייד און אַ שושקעניש; מ׳זעט פלינקע באַוועגונגען פון שאָטנס, מענטשן־געשטאַלטן. און אַזוי געהיים ווי זיי קומען, אַזוי ווערן זיי נעלם. לאָזן נאָך זיך אַן אומרו, וואָס נעמט צו דעם שלאָף ביינאַכט, מאַכט ציטערן דאָס האַרץ ביי דער אַרבעט. ס׳באַפאַלט אַן אַנגסט, די אַנגסט פון דער צייט. וואָס ווילן זיי? וואָס טוען זיי דאָ? שמוגלערס, ספּעקולאַנטן? מען ברענגט אַריין, זאָגט מען, ווייס מעל, צוקער, פּוטער, זאַלץ און מען פירט פון דאַנען עפּעס וואָס אַוועק. ווער, ווי אַזוי, ווייסט מען נישט. מען פילט דעם צופלוס פון פּראָדוקטן דורך דעם אומלעגאַלן האַנדל. אַטשעסיי און קאָנטאַגי ווערן שותפים צום גרויסן סוד, וואָס קומט און גייט אַוועק מיט דער קאַלייקע. אומלעגאַלע וועגן. פאַלשע קאָמאַנדיראָווקעס, פאַר־קלעפּטע, אומיסטן פאַרפּאַטשקעטע, זיגלען מיט לאַנג צעצויגענע נעמען פון סאָוויעטישע פירמעס, חתימות, שטעמפּלען און אָרטשאַפטן נישט צום איבערלייענען און נישט צום פאַרשטיין. מען שפּירט די סכנה, דאָס „אויג" וואָס היט דאָס לאַנד פון ספּעקולאַציע און וואָקכאַנאַליע, אָבער די מיאוסע שפּין — הונגער — האָט איר נעץ אויך איבער די קעפּ פון די היטער אויסגעשפּרייט.

מען שפּירט און מען „שמירט". דער קרייז נאָכן „ערשטן שטיין", געשליידערט אין ים פון לעבן, ווערט גרעסער און גרעסער, שלינגט איין וואָס אַ מאָל ברייטערע ספערן. דער האַנדל צעכוואַליעט זיך, שליסט איין אַ „רינג" אין אַ „רינג" אינעם אומרויקן, צעבושעוועטן ים.

אויך אין נאָרמאַלע צייטן איז דאָ אָנגעגאַנגען אַ צווישן־שטאָטישער שמוגל מיט פּראָדוקטן, סחורות, וואָס איין שטאָט, געגנט האָט זיי געהאַט איבערגענוג, בעת אַ שכנותדיקע אָרטשאַפט האָט געליטן פון דוחק. אַצינד, מחמת דעם פעלן פון לעבנסמיטל און טראַנספּאָרט, איז דער מאַנגל „רעגולירט" געוואָרן מיט אייגענע מיטלען און אייגענע וועגן.

העכער אַ יאָר צייט האָבן די פינף ברידער געאַרבעט אין די שאַכטן. ווי אַלע דאָ, באַקומען גרעסערע ברויט־פּאַיאָקן, צוגאָב־מיטאָגן. געוווינט אין ספּעציעל אויפגעשטעלטע באַראַקן פאַר די מאָביליזירטע שאַכטיאָרן. צוגעוווינט זיך צו דער אונטערערדישער פינצטערניש. באַהערשט די אַרבעט פון פירן וואַגאָנעטקעס, גיין געבויגן, מיטן אָנגעהאָנגענעם לעמפּעלע פון פאָרנט. דערלערנט די סימנים: אַ צעציטערט פּייערל, אַ ווינטל אין פּנים — פּירט צום אַרויסגאַנג פון שאַכט. אַ צוג אין רוקן — טיפער אין די קוילנ־גרובן. שווער געווען אין אָנהייב די מלאכה. די הענט האָבן ווי געטאָן, די געלענקען — געבראָכן; דעמפּיקער קוילנשטאָף־ריח האָט געפּרעסט דאָס האַרץ, געשטאָכן אין די לונגען, געשטיקט. געהאָלפן גובר זיין האָט קודם כל די אומפעיקייט פון אַרויסדרייען זיך, בעטן אַנדערע אַרבעט, אָדער — סאַבאָטירן; שפּעטער — דער ווילן צו לעבן און איבערלעבן די מלחמה. דאָס וואָלט נישט גענוג געווען, ווען נישט די היגע קוילנגרעבער־חברים, דאָס רוב — אויסגעפּרווטע, איינגעאיבטע שאַכטיאָרן. דאָס גוטסקייט אויף זייערע פּנימער, האַרציקער שמייכל, האָט מיט ווילִיקייט אָנגעשטעקט און חכמה געלערנט די נישט־מסוגלדיקע הענט... ועל כולם — דער געדאַנק וועגן דער היים, טאַטע־מאַמע, פריידקען. אפשר שוין חתונה געהאַט? אין טורקעסטאַן האָט ווער דערציילט, אַז מ'האָט געזען פייווישן. ער האָט געזוכט פריידקען.

דריי אין אַטשעסיי, צוויי אין קאַנטאַגי: אַזוי נאָענט און סך־הכל איין מאָל זיך צוזאַמענגעקומען. די קאַנטאַגיער האָבן דערציילט וועגן אַ פּלאַן: קויפן דאָקומענטן אויף פּוילישע נעמען און פּרווון ס'מזל אין אַנדערסעס אַרמיי. פּוילישע מיליטער־איינהייטן גרופּירן זיך אין און אַרום אַשכאַבאַד, נאָענט פון פּערסיע. וואָס פון דעם פּלאַן איז געוואָרן, ווייסן נישט די אַטשעסייער. ביז וואָס־ווען האָט מען פון זייערע שאַכטן אויסגעקליבן פופציק יונגע, קרעפטיקע אַרבעטער, תיכף זיי געגעבן „קאָמאַנדיראָווקעס" און געהייסן זיך יאַווען אין טורקעסטאַנער „וואָיענקאָמאַט". איז מען אַוועק. וואָרעם אין אַ מלחמה פרעגט מען נישט, בפרט אין אַזאַ גורלדיקער צייט.

ווינטער 1942. פאַרביסענע שלאַכטן אין די פאָרשטעט און גאַסן פון

סטאַלינגראַד. דייטשע עראָפּלאַנען — בייטאָג און ביינאַכט. אַ מיליאָן סאָלדאַטן, זאָגט מען, האָט היטלער אַ וואָרף געטאָן אויף דער דאָזיקער שטאָט. זיי ציִען זיך, די דייטשע קאָלאָנעס, פון אַלע זייטן, ווי שרעקלעכע לאַפּעס. אַ רעגן פון פייער, אַ גיהנום. סטאַלינגראַד איז אַצינד דער לעצטער פּאָסטן פון אייראָפּעיִשן רוסלאַנד. דער שטאַרקסטער כּוח־פּאַרמעסט: דער אָנגרייפער — אין הויכפּונקט פון נצחונות, דער פאַרטיידיקער — קלוגער, געשטאַרקט פון פאַרשפּילטע שלאַכטן און גרויסע פאַרלוסטן...

ראַטעווען רוסלאַנד — מיינט ראַטעווען די מענטשהייט פון פאַרניכטונג. שלאָגן דעם דייטש ביי סטאַלינגראַד — מיינט אויסשלאָגן די צוועלפטע שעה — אַרויסשלאָגן טאָג־ליכט פון דער פינצטערניש.

נאַכט אין אַלע פענצטער פון דער וועלט.

דאָס איז דער אָנהייב פון סוף. אויב נצחון — וועט עס משפּיע זיין אויף אַלע וועלט־פראָנטן.

דאָס גרויסע און גראָע הינטערלאַנד ווייסט און פילט דאָס...

*

צווישן די פופציק שאַכטיאָרן, וואָס זענען אָנגעקומען אין טורקעסטאַנער „וואָיענקאָמאַט“, זענען אויך געווען די דריי ברידער. צוריק אין טורקעסטאַן, הייסט עס. דער הויף, די געביידע איז זיי גוט באַקאַנט. ווי דעמאָלט, אַזוי אַצינד — פול מיט מאָביליזירטע. פּעק, פּעקלעך, קלומיקעס, קעסטלעך און רוקזעק. איטלעכס מאָל שפּרינגט ווער אויף, גיט זיך מיטן געפּעק אַ ריס פון אָרט, אָדער לאָזט עס ליגן, בעטנדיק אין איילעניש אַ פריינט, אַ חבר ר׳זאָל כאַפּן אַ קוק. דאָס רופט מען אין קאַנטאָר אַריין, די לעצטע פאַרמאַליטעטן, זאָגט מען, פאַר דער „אָדפּראַווקע“. אַזוי רופט מען שוין צום ווייפלטן מאָל און קיין סוף זעט מען נישט. צוויי טעג און אַ נאַכט האַלט אָן דאָס רופעניש. כאָטש יעדער ווייסט, וואָס אים דערוואַרט, איז אָבער דאָס לויפן אין קאַנטאָר און צוריקקומען — דערווידער. מען וויל פּטור ווערן דערפון.

זיצט מען אין רעדלעך, גרופּקעלעך, צו דריי, צוויי און איינציקע,

איינגעקאָרטשעטע, געקנאָדערטע פון קעלט, מען אָטעמט די דעמפּיקע שטינקענדיקע שטיקעניש. אַן ענגשאַפט. אַ ריח פון מענטשן־שווייס, געזונ־טע מענער־קערפּערס, מאַכאָרקע, שוואַרץ ברויט און ווייצענע לעפּיאָש־קעס. נישט געוואָשענע, נישט ראַזירטע, נישט דערשלאָפענע. מען גענעצט פון לאַנגווייל, פון באַצוווּנגענעם גאָרנישט־טאָן און מען פאַרטרייבט די שרעק, דעם אומרו מיט וויצן און חוזק־ווערטלעך אויפן אַדרעס פון שכן. מען דערקענט זיך. עס געפינען זיך אַפּ חברים, פריינט פון פאַרן קריג, פון וועג, פון הי, פון דערבייאיקע דערפער, קאָלכאָזן. ס׳פאַלן נעמען פון שטעט, פונקטן פון שלאַכטן, אַטאַקעס; ראַטעס, אָפיצירן. מיט אַ ביסל מאַכאָרקע, וואָס איינער איז מכבד אַ צווייטן, מיט עטלעכע „צי״ פון אַ סיגאַרעטל — שליסט מען נייע באַקאַנטשאַפטן. רויך און רייד טייען אויף דאָס „אייז״ פון אומצוטרוי און אָפּגעפרעמדקייט, עפענען הערצער פול מיט הייסער בענק־שאַפט צו ווייב, קינד, מאַמע און געליבטער. קלאַפּט מען זיך גוט־ברודעריש אין פּלייצע, מען שווערט געטריישאַפט, „האַלטן״ זיך.

אויפן צווייטן טאָג נאָכן קומען אַהער האָבן זיך די דריי ברידער דערוווּסט וועגן מאירן. ער אַרבעט אין „זאַגאָט זיערנאָ״, גיט זיך אַן עצה; מיט אים געפינט זיך דער טאַטע, די מאַמע, אויך אַ שוועסטער איז געווען און זי איז נישטאָ. די פּרטים וועגן איר טויט האָט מען אויסגע־מיטן צו דערציילן. דערפאַר האָט מען אָבער געניי, מיט אַלע פּיטשעווקעס איבערגעגעבן מאירס ליבע מיט דער אינטעליגענטקע, אַ טאָכטער פון אַ רייכער אַלמנה. מען האָט געשאַצט און איבערגעשאַצט זיינע פאַרדינסטן און פאַרמעגן. מיט צווייידייטיקע ווערטלעך און רמזים דערמאָנט כאַסאַנען און זיין שיין און פּיפּיק ווייבל, וואָס מאיר איז מיט איר שמעלקע. בעת מ׳האָט פאַר די דריי געשילדערט דאָס געסל און הייפל, ווו זייער ברודער מיט די עלטערן וווינען, האָט עמעץ דערמאָנט דעם נאָמען בראָנקע. אין דער זעלביקער רגע האָט זיך איינער אַ לאַנגער, שמאָל־פּלייציקער, מיט אַ הויכער נאָז און נאָכגעלאָזטע אָרעמס, דערנענטערט צום געזעמל. ער האָט געמיינט, זאָגט ער מיט אַ פאַנפעדיקער, שוואַכער שטים, אַז זיי ווערן באַפרייט, וויל ער מיטגעבן אַ גרוס פאַר בראָנקען און איר מוטער, דער

מאַדאַם גאַנטשאַנסקאַ — „אַלטע באַקאַנטע פון דער היים". ער ווייסט נישט צי ר'וועט זיי נאָך אַמאָל זען. זאָלן זיי וויסן אַז ער איז מאָביליזירט.

— דו ביסט, ברודערקע, נישט מיט אַלעמען?... פון דאַנען באַפרייט מען? — האָט ווער אַריינגעוואָרפן.

— כ'האָב געמיינט — מאַכט ער, און גייט צוריק אַוועק, מיט די זעלביקע שלעפּטריט, ווי ר'איז געקומען, צו אַ דערנעבנדיק ווינקל.

— קוק אים אָן, דעם סאָלדאַט, און לאַך נישט — האָט צום צווייטן מאָל אַ זאָג געטאָן דער אומבאַקאַנטער.

„אַז מען קלינגט — זאָגט זיך אַ ווערטל — איז חגא". באַפרייט האָט מען טאַקע קיינעם נישט. נאָר גלייך ווי ס'איז באַוווסט געוואָרן, אַז צו מאָרגנס, מיטאָג־צייט גייט אָפּ דער טראַנספּאָרט, האָט מען דערלויבט יעדן איינעם פאַרלאָזן ס'אָרט. אגב, די נסיעה איז אַ לאַנגע, איז אַנגעזאָגט געוואָרן. אין די עטלעכע שעה קאָן זיך ווער עס וויל באַזאָרגן מיט אַלעם מעגלעכן. די פּאַספּאָרטן און מיליטערישע ביכלעך בלייבן אין „וואָיענקאָ־מאַט". קלאָר, אַז אָן דאָקומענטן וועט קיינער נישט וואָגן נישט צוריקקומען, אָדער זיך לאָזן אויף ווייטע וועגן; ס'וואָלט נאַריש געווען אַפילו צו טראַכטן דערפון. די געלעגנהייט אָבער, די מינוט־פרייהייט, האָט זיך דאָך נישט געוואָלט אַדורכלאָזן. אַ זעלטענע געלעגנהייט איז דאָס געווען פאַר די ברידער. העכער דריי יאָר פון דער היים, אַ פופצן־זעכצן חדשים, זינט יענעם טאָג, ווען מ'האָט זיי פון דאַנען אָפּגעשיקט קיין אָטשעסיי — אַזוי צופעליק קומען אויף די שפורן פון „שטוב". דער געדאַנק, אַז אין אַ שעה צוויי וועט מען זען טאַטע־מאַמע, מאַירן, אפשר גרוסן פון די רעשט ברידער, האָט צו נישט געמאַכט דעם אַלץ שטייגנדיקן פחד פון פאַר־שטייענדיקע סכנות און שלאַכטן, צו וועלכע מען גרייט זיי. און אפשר דווקא, גראָד אין דער גרויסער געפאַר פון קריזיס־טעג אויף די שלאַכט־פעלדער, איז געלעגן די גוואַלדיקע פרייד פון קינדער צו פאַלן אויפן האַלדז פון טאַטע־מאַמע. איין שעה, איין מינוט, אפשר די לעצטע, גרויסע גורל־מינוט סיי פאַר די עלטערן, סיי פאַר די קינדער. אָך, אַרומכאַפּן זיך... פילן דאָס פאַרשטאַרקטע, האַסטיקע קלאַפּן פון דער מאַמעס האַרץ, דעם טאַטנס

קוקן, זיין פֿאַרשטיינערט קוקן און שווייגן. פֿון די אויגן רינען טרערן אין באָרד אַריין און די ליפּן זענען פֿאַרקוועטשט, אויסגעקרימט פֿון אַ פֿאַר־שלאָסן געוויין. אַך, נאָר גאָט אַליין, אָדער דער טייוול האָט צוגעטראַכט די מינוט...

זיי האָבן איבערגעלאָזט די קלומיקעס און אַרויס אויפֿן וועג אַהיים. אויפֿטייענדיקער טונקעלער פֿרימאָרגן־נעפּל דעקט ביסלעכוויַיז אָפּ די פֿעל־דער פֿון ביידע זייטן וועג. נידעריקע ביימלעך און קוסטעס, גראָע, פֿאַר־שטויבטע, זעען זיי אויס אונטערן רעגן־טריף, ווי מידע, פֿון שוויס און בלאָטע אויסגעשמירטע קאַרליקעס. זיי ציטערן, דאַכט זיך, צוזאַמען מיט די גערייכטע קעמפּקעס ווילד־גראָז, צעוואָרפֿענע איבערן סטעפּ. דער רעגן וויקט אָפּ דעם שטויב, וואָס האָט זיך אין לאַנגע, הייסע זומער־חדשים געלייגט אויף זיי און איז מחיה דעם טויטלעך וויאַנענדיקן ריח.

זיי גייען. די קעלט נעמט אַדורך דורך די זומער־קליידער. די נאַסע שטיינדעלעך און זשוויר שטעכן די פּוס־פּאַדעשווע אונטערן גומי־זויל. די צייט איז קורץ. די גיכע טריט האָבן שוין פֿאַרשלונגען אַ האַלבן וועג, נאָך אַ קילאָמעטער, און מען איז ביי דער סטאַציע. מען זעט שוין די גרויסע וואָקזאַל־געביידע. פֿון דער לינקער זייט שפּרייט זיך אַ פֿרייער שטח, רעכטס — דער באַזאַר און טאָלטשאָק. זיי פֿאַרקערעווען פֿון הויפּט־וועג אין אַ געסל, וואָס פֿירט צו די צוויי מערק־פּלעצער, און דורך זיי צו דער סטאַכאַנאָווסקאַיאַ. פֿון סטאַכאַנאָווסקאַיאַ צום פֿערעולעק און הייפֿל, אַהיים, איז סך הכל עטלעכע מינוט גאַנג. די ליידיקייט אַרום די טישלעך, געשטעלן, די פֿריע שעה, האָט אַצינד נאָך הפֿקרדיקער, גרעסער געמאַכט דעם פֿאַר־וואָרלאָזטן מאַרק. פֿון אונטער אַ געוועלבל האָבן זיך אָפּגערגעשאַרט דריי געשטאַלטן: צוויי פֿרויען און איין מאַן. אין כמורנעם גראָ פֿון קוים, קוים אויפֿשפּראָצנדיקן טאָג, איז שווער געווען אויסצוטיילן די פּנים־שטריכן. מען האָט נאָר געזען די צעפֿלויגענע בלאָנדע האָר, טונקעלע ספּודניצעס און רויטע זומער־בלוזקעס, נאַקעטע אָרעמס. ביידע — צוגע־טוליעטע צו אים, דעם מיטלוווקסיקן, ברייטפּלייציקן מאַן, איינגעוויקלט אין מאַנטל. זיין גאַנג, צעוואַקלט־שכורלעך, אונטערגעהאַלטן פֿון די פּאַרטנע־

רינס. די דריי ברידער, וואָס האָבן געאײַלט דורך דעם באַזאַר צו דער סטאַכאַ־נאָווסקאַיאַ, האָבן די אַנטקעגנגייענדיקע נישט געקאָנט אויסמײַדן. זיי זענען געבליבן שטיין פּנים אל פּנים.

— העי, יאַטלעד, קומט אַהער! — האָט זיך געהערט דעם מאַנס באַטרונקען קול, וואָס האָט נישט אויפגעהערט רעדן. — איר זוכט עפּעס, זע איך... אָט די צווײ, אַ דריטע איז אויך דאָ — ביליק...

— ס׳איז דאָך שוין ליכטיק — ענטפערט איינער פון די דריי און שמייכלט צעטומלט, דערשראָקן.

— ס׳מאַכט נישט. קאַלט, רעגנדיק, מען קאָן זיך דערוואַרעמען...

— ביינאַכט. היינט ביינאַכט, ווי נאָר ס׳וועט טונקל ווערן — האָבן אַלע מיט אַ מאָל גערעדט און זיך געפּרוווט אָפּקערן. אָבער יענע האָבן ווידער פאַרשטעלט דעם וועג.

— זעסט דאָך, טאַשמעטאָוו, יאַלדן — זאָגט איינע.

— האלעדריגעס, לאַכודרעס, נישטאָ מיט וואָס... — מאַכט די צווייטע.

נאָר טאַשמעטאָוו מיטן טאַטערישן פּנים און ברייטן קאָפּ, וואָס איז ווי אָן אַ האַלדז פאַרשטעקט אין מאַנטל, לאָזט נישט אָפּ.

— זאָלן זיי עפּעס קויפן — ענטפערט ער די באַגלייטערינס.

— דאָ, יאָ, פאַרוואָס טאָקע נישט — שרייען בײדע אויס.

זיי לאָזן אָפּ דעם „אוכאַזשאָר״, צעקנעפּלען דעם מאַנטל אויף אים און ציען אַרויס אַ וואָלענעם שאַליק און אַ פּאָר קאַלאָשן. די ברידער קוקן זיך איבער. ס׳איז שפּעט. מען דאַרף זיך וואָס גיכער אָפּטשעפּען וואָרום די דריי פּנימער, אין גרויען טאָג־ליכט, זאָגן קיין פריילעכס נישט אָן. אגב, אפשר טאָקע איינהאַנדלען צוויי מתנות? די קאַלאָשן — דעם טאַטנס מאָס, דער שאַליק וועט גוט זיין פּאַר ביידע. ס׳גייט צו ווינטער און צו וואָס לאַנג אַריינטראַכטן: פּטור בלאָ כלום וועט עס דאָך נישט גיין... מילא, אַ שאָד יעדע מינוט.

דערווייל באַקוקן די „סוחרים״ די סחורה, מען נעמט אַרויס דעם שאַליק פון זייערע הענט, צעוויקלט, באַטאַפּט, גיט מען איבער דעם ברודער. דאָס גלייכן מיט די קאַלאָשן; איבערגעדרייט מיט דער פּאַדעשווע אַרויף,

אַ ניי, רויט, דרייקאַנטיק זיגעלע. אָדער גלייך פון מאַגאַזין אַרויס, טראַכטן זיי זיך, אָדער געלקחנט ביי איינעם, וואָס האָט זיי נאָר וואָס אין אַטשערעד באַקומען; ס׳קאָן אויך זיין אַ פריש שטיקל „אַרבעט״. דער באַגנבעטער שלאָפט נאָך און זיי זוכן שוין אַ פּאָר רובל אויף אַ שנאַפּס. אַזוי, צי אַזוי, מען דאַרף פּטור ווערן פון שטייענדיש.

— וויפל ווילסטו ?

— דריי הונדערטער פּאָר ביידע.

— צוויי הונדערט.

— גיב צוויי.

די ברידער האָבן זיך ווידער איבערגעקוקט אַלס צייכן פון הסכמה. געקויפט, באַצאָלט און געגאַנגען. די לעצטע עטלעכע רובל געפּטרט. גוט, פוגדעסטוועגן, וואָס ס׳איז אַדורך גלאַטיק, אַרויס מיט גאַנצע ביינער. און אַצינד — וואָס גיכער זיין אין שטוב. העכער דריי יאָר נישט געזען זיך. 1939, אויך אַזאַ רעגנדיקער פרימאָרגן. אַוועק אויף דערווייל... יאָ, אויך אַצינד קומט מען אויף אַ ווייל, אַ רגע. אָט די דאָזיקע רגעס, צופאַלן, באַשטימען דעם גורל פון מענטש, זיין מאָרגן און איבערמאָרגן. אַ מרחק פון אייניקע מעטער האָט זיי געטיילט פון דעם הייפל. מיט זשעדנעקייט שלינגען די אויגן דאָס שטיקל וועג, זוכן סמנים פון דער הייזקע. נאָך אַ צוויי מינוט, אַ מינוט און די פיס וועלן איבערטרעטן די שוועל. אָך, וואָס פאַר אַ — — —

— האַלט !

אַלע דריי האָבן אויפגעציטערט פון דער נאָענטקייט, פון דער באַפעלערישקייט אינעם קול פון מיליציאָנער. ס׳איז שוין גוט ליכטיק געווען, נאָר דאָס אַנגעצונדענע עלעקטרישע לעמפּל אַנטקעגן די אויגן האָט די ליכטיקייט פאַרבלענדט.

— פון וואַנען ? !

איידער די פאַרהאַלטענע האָבן באַקומען לשון, האָט יענער ווידער געפרעגט נישט נאָכלאָזנדיק פון טאָן :

— אייערע פּאַספּאָרטן.

— מיר האָבן נישט ביי זיך... דאָרט... אין שטאָט — האָבן זיי צעטומלט געענטפערט, טאַפנדיק זיך בעת מעשה ביי די קעשענעס.

— נישט פּלאַפּלען. קומט מיט מיר.

— חבר מיליציאָנער, מיר זענען מאָביליזירטע. דערלויבט אויפקלערן אין וואָס עס גייט...

— שווייגן! אויפן אָרט, דאָרט אין דער קאָמענדאַטור וועט איר דערציילן מעשיות.. — ער האָט באַפוילן אויסדרייען אויף צוריק. אין דער ריכטונג פון סטאַציע־קאָמיסאַריאַט. תוך כדי דיבור, אַרויסגענומען דעם פּיסטאָלעט פון גאַרטל, עטלעכע מאָל איינרעפּעטירט און אים אָנגע־שטעלט אויף די דריי פּלייצעס הינטער וועלכע ער איז געגאַנגען מיט געלאָ־דענעם שווייגן.

*

מיטן אָנקום פון ווינטער פילט זיך שרה נישט מיט אַלעמען. נישט געוווינט צו די היגע קעלטן. בייטאָג איז היס, ביינאַכט און אין די פרי־מאָרגנס וואָרפט ס׳קדחות. דאָס מאַכט איר קראַנק, שווערער דאָס געמיט, אַ צעבראָכנס פון צרות און כסדרדיקער שרעק. מאירס אַרבעט, מאירס גענג — מאַכן איר גראָ און אַלט פאַר דער צייט. ווייניק פאַר דער מלחמה זיך פון אים אָנגעליטן? משפטים, סענדזשע־שלעדטשע, אַדוואָקאַטן. די אויערינגלעך פאַרזעצט און געלאָפן צו וויבאָרווערך, דעם בעסטן אדוואָקאַט פאַר פּאָליטישע ספּראַוועס. און אַצינד — דאָ. ווידער — טאָג און נאַכט האַלטן די נשמה אין האַנט. דער שבת איז קיין שבת נישט און אויף אַלע טעג פון וואָך — אַ צעמישונג. וואָלט זי כאָטש געזען אַ שמייכל אויף זיין פּנים, אַ גוטע מינוט ביי אים. נייך.

אַ פאַרטורעטער דרייט ער זיך אַרום אין שטוב (ווייזט אויס סקאַסירט די באַגעגענישן מיט בראַנקען), זיצט ביז שפּעט אין די אָוונטן איבער־שטיקלעך פּאַפּיר, שרייבט, מעקט, צערייסט, און ווידער געשריבן. ווו נעמט מען אַזאַ געדולד? און וואָס שרייבט ער? בריוו? — צו וועמען? פון די קינדער הערט מען נישט. פון די וואָס מען הערט יאָ, ווייסט מען נישט ווו זיי געפינען זיך. ווו איז דאָס אַנדערסעס אַרמיי? און צי איז די גאַנצע

מעשה מיטן בוכאַרער נישט קיין אויסגעבלאָזן איי? — אויך אברהם, דער מאַן, וויניק שרעק וואַרפט ער אויף איר ביינאַכט מיט זיינע חלומות? „הינט! הינט!" — שרייט ער פון שלאָף אַרויס. אָדער: „פיש, פיש, שרה, דערלאַנג די רעשעטע!"...

— זע, אברהם — מאַכט זי צו אים אין דער פרי — הינט אין חלום זענען שונאים. וואָס פאַר אַ שונאים האָבן מיר היינט מישטיינס געזאָגט? אויס קראָם, אויס בעקעריי, אויס טשיסטאַיאַ. וואָס האָסטו מורא? מ'עט דיר פאַרפּיעטשאַטעווען דעם אויוון?...

— כ'האָב דאָך אָבער פאַרט געזען איינעם אַ שוואַרצן, קודלעוואַטן הונט. הלוואַי, שרה, זאָל איך ליגן זאָגן, ס'איז עפּעס...

— מאַלע וואָס אַ מענטש חלומט.

— געדענקסט, ווען כ'האָב אַנומלט געשריגן פיש, פיש? — נו, האָט מאיר נישט געברענגט דעם גרוס פון בוכאַרער?

— אַוודאי זענען פיש גוטע בשורות.

— ביסטו דאָך אַ בהמה. פיש זענען גוטע בשורות, און הינט?...

שרה האָט פאַרשוויגן, אָבער געטראַכט האָט זי פונדעסטוועגן, אַז ער איז נישט אומגערעכט. אוי, גאָטעניו, וואָסער נייע צרה גרייטסטו אויף אונדזערע קעפּ?

אַז די געדאַנקען זענען אויף דעם עולם־התוהו, וויסן די הענט נישט וואָס זיי טוען: שטעלט אַרויף אַ טעפּל רעטשענע קאַשע אויף דער פּייערקע, און נאָכן ערשטן זאָט, קערט זיך עס איבער אויפן פּוס. הייסע קאַשע אויף אַ נאַקעטן פּוס, אַ געוואַלד, אַ גראַטשקע. אַפּאַ, די ווייבער פון די אַרומיקע הייפלעך זענען זיך צונויפגעלאָפן. אַלע מיט איין מאָל האָבן געעצהט: קאַלטע קאָמפּרעסן, בוימל, ציגנמילך, שעפּסנשמאַלץ, קעמל־צואה, אָדער בלעטער, אַחוץ פאַרשידענע קרייטעכצער. מען האַלט, אַז זי דאַרף תיכף גיין צו ראַסימידזשאַנען. נישט אַנדערש — אַ נישט־גוטער איז געווען אין טעפּל.

— אפשר אין פייער? — פרעגט אַ צווייטע — אַ וואָסער האַלץ איז דאָס געווען?

— אוזופאַיאַ־שטעקעלעך.

— אוזופאַיאַ־שטעקעלעך ?

— אוי, ווי' איז מיר, אַ גלגול, אַ גלגול.

דערווייל איז דער פוס אויפגעלאָפן, אָנגעשוואָלן געוואָרן און גע־ברענט — אַ פייער. שרה איז געלעגן צו בעט. דער קאָפּ איז איר מיט אַ מאָל שווער געוואָרן, אין די שלייפן האָט געהאַקט ווי מיט האַמערס. מיט גרויס מי איז מאירן געלונגען אַראָפּצוברענגען דעם אייזנבאַן־דאָקטאָר. ער האָט פעסטגעשטעלט הויכע היץ און אַן אָנצינדונג אין קני. צו מאָרגנס איז ער נאָך אַ מאָל געקומען, דער דאָקטאָר. ער האָט געעפנט די וואַסער־בלאָזן, פענכערעס, וואָס האָבן באַדעקט דעם גאַנצן פוס; אַרומגעשוירן די קראַנקע הויטן, וואָס האָבן זיך געצויגן ווי ברודיק בעטגעוואַנט פון אַ רויטן איינשיט. שרה האָט נישט געוויינט, נישט געשריגן. זי איז געלעגן אַ פּאַרטראַגענע, געקרעכצט און געפּרעפּלט אומקלאָרע רייד; אברהם, יאָג אַרויס די הינט... די קינדער שרעקן זיך... מ׳בייסט זייער פלייש... אוי, מיין פוס... דאָקטאָר, האָט אויף מיר רחמנות... גנבים... געוואַלד, גנבים... אוי, קינדער... קינדער מיינע... אוי...

מען האָט שרהן איינגעגעבן לומינאַל־טאַבלעטן, זי זאָל שלאָפן, מען האָט איר געמאַכט אַן איינשפּריץ צו פאַרקלענערן די היץ. פאַרן אַוועקגיין האָט דער דאָקטאָר אָנגעזאָגט אברהמען און מאירן ווי אַזוי זיך צו נוהג זיין ביים טוישן, איבערבינדן די באַנדאַזשן. ער האָפט אַז אין אַ טאָג, צוויי וועט איר לייכטער ווערן. די ווונדן זענען נישט קיין טיפע. אַ מזל, האָט ער געזאָגט, וואָס די קאַשע איז נישט געווען קיין צעקאָכטע, נאָר אַ געזאָטענע. מאיר האָט אים אַריינגעשטופּט אַ פּאַפּירל אין האַנט אַריין. דער דאָקטאָר האָט עס, ביים אַוועקגיין, געלאָזט ליגן אויפן טיש. ער האָט נאָר געבעטן אים מודיע זיין וועגן איר מצב.

עס האָט זיך ווירקלעך געבעסערט. אויפן דריטן טאָג איז שרה אַראָפּ־געגאַנגען פון בעט. אברהמען האָט זיך ווידער געחלומט אַ חלום פון הינט מיט פיש. די פיש רייסן זיך צו אים: שטייען מיט די פלוס־פעדערן אין דרויסן... פלוצעם שווימט אַן אַ הונט, די גרייס פון אַ מענטש, און יאָגט

זיי אַוועק... אברהם האָט אָבער נאָך דעם קיין וואָרט נישט דערמאָנט, ער וויל זיין קראַנק ווייב נישט מצער זיין.

אין דער פרי,ביידע זיצן אויף די בעטן. די טיר איז פאַרמאַכט. ס'איז קאַלט אין דרויסן. אַ ווינטער־טאָג אָן שניי. פּלוצעם הערט זיך אַ לייכט קלאַפּן אין טיר.

— ווער קאָן דאָס זיין — קוקן זיך ביידע איבער.

איידער זיי באַשליסן ענטפערן, ווערט דאָס קלאַפּן האַסטיקער און שטאַרקער.

—עטאָ קטאָ ?

— מיליץ.

— ווי איז מיר, מאיר ווו איז ?

— זדראַסטוווּיטע.

—אָ... גוט... מאָרגן.

געזען, אַז דער אָטעם פון די צוויי אַלטע לייט איז פאַרהאַקט געוואָרן, האָט דער מיליציאָנער נאָכגעלאָזט פון טאָן.

— נישט שרעקן זיך, איך בין געקומען עפּעס פרעגן. וווינט דאָ די פאַמיליע זיסקינד ?

— יאָ. מיר ביידע און אַ זון. פון דער גאַנצער סעמעיסטווע... איין קינד, די רעשט... — זי האָט נישט פאַרענדיקט.

— וויפל זענט איר דען ?

— אוי... וויפל מיר זענען ? — האָט שרה אַ קרעכץ געטאָן, און אברהם פרעגט איבער:

— וואָס איז דען די נפקא־מינה ?

— אַלזאָ, מיר ווייסן פון דריי.

— וועלכע דריי ? ווו זענען זיי ? טייערע, וואָס רעדט איר, ווו זענען זיי ?

— זיי זענען אַרעסטירט.

— אַרעסטירט ?... אַרעסטירט ? — האָבן ביידע אָנגעשטעלט צע־שראָקענע, פרעגנדיקע אויגן אויפן מיליציאָנער — אונדזערע קינדער אַרעסטירט ?

— יאָ.

— אוי, טאַטע זיסער אין הימל! — האָט שרה אויסגעשריגן און אַנטשוויגן געוואָרן. אברהם האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט און זיצן געבליבן אָן לשון.

— געזען די לאַגע, האָט דער מיליציאָנער אָנגעהויבן מיט אַ רויי־קערן טאָן:

— עס וועט זיי קיין שלעכטס ביי אונדז נישט געשען. קענט איר זאָגן ווען זיי זענען אַרויס פון שטוב?

— מיט דריי יאָר צוריק... שוין מער ווי דריי יאָר. אַרויס פון שטוב און מער זיי נישט געזען. טייערער חבר, מיליציאָנער, זאָגט שוין וואָס איר ווילט פון אונדז?

— איר זאָלט דערציילן, ווו זיי זענען געגאַנגען אין אַזאַ פריער שעה. נאָר דעם אמת, דעם אמת, אונדז נאַרט מען נישט.

— וואָסער אמת? וואָס געגאַרן? — האָבן ביידע מיט איין מאָל געענטפערט. — וואָס שלאָגט איר אַזוי מיט ווערטער?... מיר זענען גענוג געשלאָגן...

דער מיליציאָנער האָט ווידער געפרעגט:

— ווייסט איר ווירקלעך גאָרנישט?

— מען זאָל אַזוי נישט וויסן פון קיין בייז. היטלער זאָל אַזוי וויסן ווו ר׳וועט אַהינקומען, וואָס פאַר אַ תכלית ר׳האָט געמאַכט פון אונדז.

— פון וואַנען קומען צו זיי די געגנבעטע זאַכן?

— מיינע קינדער, געגנבעטע זאַכן? — האָט אברהם נאָכגעזאָגט זיין ווייב — אַ פליג אויף דער וואַנט טשעפּען זיי דאָך נישט.

— אָבער אַ וואָלענעם שאַליק, אַ פּאָר קאָלאָשן?...

— וואָסער וואָלענער שאַל? וואָסערע קאָלאָשן? וואָס קומט דאָ פאָר, וואָס? פּאַני, חבר, הער מיליציאָנער, אַ בלבול! אַ טעות! אַ ליגן! — האָבן זיי ביידע אויסגעשריגן.

— דאָס וועט מען זען — האָט דער מיליציאָנער געזאָגט אַ ביסל נערוועז. אַ מעסט געטאָן מיטן בליק דאָס ליים־שטיבל, די פּנימער פון

די צווײ אַלטע לײט, זײער צעטומלט אויפשטעלן און זעצן זיך בײ יעדן מאָל ענטפערן.

שרה האָט אים דערווײל אונטערגערוקט אַ בענקל. זאָל ער זיצן, דער חבר מיליציאָנער, זאָל ער זען מיט די אײגענע אויגן דעם שטאַנד, דעם פּאַראַנדעק, דעם תּכלית, וואָס די ווײסטע מלחמה האָט אָנגעמאַכט... דער מיליציאָנער איז געזעסן און געשריבן. שרה האָט ווײטער גערעדט:

— ווען נישט דאָס טעפּל קאַשע, ווען נישט דאָס אומגליק מיטן פוס, (זי האָט אים געוויזן איר פאַרבאַנדאַזשירטן פוס), וואָלט זי אַצינד געלאָפן, געפלויגן צו די קינדער. כאַטש דורך די קראַטן אַ קוק טאָן אויף זײ. ווי איר זינד, העכער דרײ יאָר נישט געזען, נישט געוווּסט צי זײ לעבן... אוי, גאָטעניו, דו ביסט גערעכט און דײן משפט איז גערעכט. און זי איז אַנטשוויגן געוואָרן.

ווײבער, קינדער פון די אַרומיקע הײפלעך האָבן זיך געדרײט בײ דער אָפענער טיר, געוואָרפן נײַגעריקע, פאַרשעריִשע בליקן אינעווײניק. דער מיליציאָנער טרײבט זײ אָוועק מיט אַ האַנט־מאַך. אײנע איז שטײן־געבליבן. זי האָט עפּעס אַ מורמל געטאָן צו אים אויף היגן לשון, דאָס מאַמע־לשון פון סאָוועטישן מיליציאָנער. ער ענטפערט איר אויף רוסיש:

— איר קאָנט אַרײנגײן — זענט איר די באַלעבאָסטע?

— יאָ.

אויף אַפאָס פּנים האָט אויסגעדריקט שרעק און איבערראַשונג. איר טונקעלע הויט מיניעט זיך, — גערונצלט־מאָט, אַליוו און גרין. גרעסער און העלער ווערן די אויגן פון די גלאַנציק גרויסע טרערן, פאַר־גאָסענע ביז די ברעגן. אַ גוטסקײט און אַ שטומע געטרײשאַפט, וואָס מען זעט אין די אויגן פון שטוב־חיות, האָט מיט באַדויער און דאַנקבאַרקײט געקוקט אויפן מיליציאָנער.

— האָסטו עפּעס וואָס צו זאָגן? — האָט ער איר געפרעגט.

זי איז שטײן־געבליבן זײטיקלעך, פאַרשעמט, ווי דער שטײגער פון היגע פרויען אין דער מחיצה פון אַ מאַן, און געענטפערט אויף איר שפּראַך. ער וואַרפט איר צוריק עטלעכע ווערטער איבערן אַקסל, אַ

געבויגענעם איבערן טיש. ער ענדיקט אויף רוסיש: „ניטשעוואָ, מ׳וועט אויספאָרשן די זאַך, אויב זענען זיי אומשולדיק, וועט מען באַפרייען.״

פון דעם ענטפער, פאַרשטייט שרה, אַז די גוטע אפא מיעט זיך פאַר איר. פון דאַנקבאַרקייט צעוויינט זי זיך.

— ניטע, שרה, — מאַכט אברהם — הערסט דאָך וואָס דער מיליציאַנער זאָגט, מען וועט זיי באַפרייען, זיי זענען דאָך אומשולדיק.

— יאָ, ריכטיק — האָט דער מיליציאַנער איבערגעחזרט ס׳זייניקע:

— מ׳וועט אויספאָרשן די זאַך, אומשולדיקע באַפרייט מען.

*

נאָך דעם איז שרה אַוועקגעפאַלן אויפן בעטל און זיך נישט געקענט אויפהייבן. אַ שטאַרקן ווייטיק האָט זי געפילט אין דער לינקער זייט ברוסט; דער גאַנצער אָרעם ביז צום אַקסל אַרויף האָט געצויגן. עס שטעכט, עס נודיעט אונטערן האַרץ־גריבל — צום ברעכן. שוואַרצע פינטעלעך פאַר די אויגן. ס׳האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי פאַלט אַראָפּ פון בעט אין אַ טאָל אַריין... אַ גרוב, אַ מוראדיק־טיפער, טונקעלער. ניין, ס׳איז נישט קיין גרוב. זי, זי גופא איז דער גרוב. אַ שטיק ערד איז זי און אין איר — די אויסהוילונג. אַרום איר די קינדער, אויך הרודעס ערד... זיי האָבן אויך נישט קיין גופים, נאָר קעפּ, מיילער. זיי עסן, זיי לאַכן, זיי רעדן. זי הערט יעדעס וואָרט, יעדן „קדיש״, דער־קענט יעדן איינעם לויטן קול... אַזאַ גרויסע מלחמה, אַ פלאַם־פייער אויף דער וועלט און אַלע קינדער אַרום איר... קליינע, קלענערע און נאָך קלענער, פונקט ווי אַמאָל, אין דער היים. ס׳וואַקסט אין איר דאָס האַרץ פאַר פרייד, ווי ס׳וואַקסט אַריבער דער אויסקאָפּ זיין אייגענער גרוב.

—...קומט, קומט, קינדערלעך, אין מיר אַריין, פילט מיך צוריק אָן — אוי, אַזאַ ליידיקייט אונטער די ריפּן... ווו איז מיין בויך? אוי, מיינע פיס. די פיס, דער פוס, אוי! — האָט שרה געשריגן, כאַפּנדיק זיך מיט די הענט פאַרן קאָפּ.

— וואָס איז דיר, שרה, ווידער דער פוס? אפשר צולייגן אַ ביסל

באַראָווע וואַסער, וואָס דער דאָקטאָר האָט איבערגעלאָזט? אַ ביסל טיי אפשר געבן דיר?

שרה האָט געהערט אברהמס קול, אָבער ענטפערן האָט זי קיין כוח נישט געהאַט. מאיר איז אין שטוב נישט געווען. נאָך דער מעשה מיטן אַרעסט, האָט ער אין שטוב נישט גערוט. געזען, אַז די מאַמע פילט זיך ווידער נישט גוט, איז ער תיכף אַוועק צום אייזנבאַן־דאָקטאָר. פון דאָרט — אויפן באַזאַר. דער דאָקטאָר וועט שוין, ווי עס איז, אַליין צוגיין אַהיים, האָט ער געטראַכט. ער מוז זיך דערוויסן, וואָס איז געשען, ווי אַזוי ראַטעווען די ברידער.

אַ נאַכט פריער זענען גנבים אַריין אין אַ שטוב, נישט ווייט פון דער סטאַציע. די צוויי פרויען, די באַלעבאָסטע און אַן איינוווינערין, אַן עוואַקואירטע — האָט מען פאַרשטאָפּט די מיילער און געבונדן. דריי זענען זיי געווען, אַ מאַן און צוויי פרויען. די פּאָליציי האָט דעם זעלביקן אינדערפרי געכאַפּט דריי מענער. מען זאָגט, אַז ס'איז געווען אַן אָפּגע־רעדטע זאַך. די געכאַפּטע, אויך עוואַקואירטע, אַן דאָקומענטן, ביי וועמען מ'האָט געפונען אַ טייל פון דער גניבה, זאָלן זיין דער איינוווינערינס באַקאַנטע, וואָס איז תיכף נאָך דעם פאַל נעלם געוואָרן. פאַר מאירן איז קלאָר געווען, אַז די ברידער זענען אַ קרבן פון אַ געמיין שטיקל אַרבעט. אַ פאַטאַלער טעות, אַ פלאָנטער פון געשעענישן, וואָס אַלע סימנים שפּילן צו צום אומגליק. מ'קאָן מיאוס אָפּשניידן. ווי אַזוי אָבער קומען פּלוצעם די ברידער אַהער, פון וואַנען? און פון וואַנען געגנבעטע זאַכן צו זיי? וואָס טוט זיך דאָ, ווי אַזוי קלערט מען אויף די זאַך? ווי אַזוי ראַטעוועט מען די ברידער? מען האָט אים געעצהט אויפזוכן וואָלאָדיען.

מאיר האָט וואָלאָדיען געפונען אין דער אינוואַלידן־סטאָלאָווע. ער איז געזעסן אַליין ביי אַ טישל. ער האָט אויסגעזען בייז, מער ווי תמיד. זיינע פייגלשע, קיילעכדיקע אויגן האָבן אַצינד געשאָסן מיט פייער. כאָטש אין דרויסן איז ווינטער, קאַלט, איז אָבער די ענגע גימנאַסטיאָרקע אויפגעשפּילעט, די אַרבל פאַרקאַטשעט. זיי מאַכן שטייפער, בולטער

זיינע ברוינע מוסקולן. הפקרדיקס האָט געוויִיעט פון זיינע הענט, פון זיינע צעשפּרייטע לאַנגע פיס, וואָס האָבן ווי אין קלעם געַנומען דאָס קליינע טישעלע. מאיר האָט זיך געשראָקן צוצוגיין. פיעטראַ, דער אייגנ־טימער פון סטאָלאָווע „דער בלאַטער", ווי מ׳האָט אים גערופן, האָט מאירן געקענט אַלס אַרבעטער פון „זאַגאַט זיערנאַ" און פון אייניקע מאָל טרעפן זיך דאָ מיט וואָלאָדיען. די ביידע זכותן האָבן אים אויך פריי גע־מאַכט דעם וועג אַהער. געזען אים, האָט „דער בלאַטער" פאַרשטאַנען, אַז ער דאַרף צו וואָלאָדיען. ער האָט מאירן געעצהט אַפּוואַרטן ביז ר׳וועט „אויסליידיקן ס׳האַלבע פלעשל", וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש, און „אָפּריייניקן" ס׳פאַרבייסעכץ.

— ס׳איז נאָך אַ געשלעג — מאַכט ער — דו זעסט די סטאָלאָווע איז ליידיק, — ער מיט זיינע דריי חברים האָבן אַלעמען אַרויסגעיאָגט, טעלער צעבראָכן, די בענקלעך איבערגעקערט. צוליב אַן עוואַקואירטן, אַן אייעריקן איז עס געשען. איינער פון די אינוואַלידן האָט אים געזאָגט „יעוורעי מאָנקעראַנט". וואָלאָדיאַ איז אויפגעשפּרונגען, אַרויסגעכאַפּט די קוליע, וואָס יענער האָט פאַרהויבן און געוואָלט אים דערלאַנגען. ס׳איז געוואָרן אַ סומאַטאָכע. אַ טייל מיט וואָלאָדיען, אַ טייל מיט יענעם אינוואַליד. דער סוף — וואָלאָדיאַ האָט אַלעמען אַרויסגעיאָגט.

וואָלאָדיאַ, וואָס איז געזעסן מיט דער פלייצע צום בופעט, האָט דער־הערנדיק דאָס רעדן, אויסגעדרייט דעם קאָפּ און באַמערקט מאירן.

— טשטאָ טי זדיעס — וואָס טוסטו דאָ ?! — האָט ער אַ געשריי געטאָן.

— סתם אַזוי.

— איז זיץ זשע.

מאיר האָט נישט דרייסט זיך צוגעזעצט אויף אַ ברעג בענקל לעבן זיין טישל. אין געציילטע ווערטער, אַגב־אורחאדיק, געפּרוווט איבערגעבן נאָך וואָס ר׳איז געקומען.

— וואָס זשע מאַכסטו זיך געפּגרט, מישקאַ ?

— כ׳וויס ?...

— וויסטו טאַקע נישט — האָט וואָלאָדיאַ אים איבערגעריסן, וואַר־פנדיק אויף מאירן זיין קיילעכדיקן, פויגלשן בליק. מאיר האָט זיך דערשראָקן פאַרן בייזן קוק און נישט געוווּסט וואָס צו טאָן.

— און וואָס זשע קאָסאַיעט עס דיר? — האָט וואָלאָדיאַ נאָך בייזער אַ פרעג געטאָן.

— מיינע ברידער.

— הם... הם... אַזוי?... דיינע ברידער... נו, גאַפּע זיך נישט, רעד!

—יאָ, בראַטאַקל, אַן אומגליק, אַ בלבול.

— לאָז צו רו — האָט ער אים ווידער איבערגעריסן מיט אַ נאַכלעסיקן מאַך מיט דער האַנט. מאיר איז געבליבן זיצן אַ שטום־פּאַרציטערטער. נישט באַדאַרפט, נישט באַדאַרפט גיין דאָ אַהער, האָט ער צו זיך אַליין געמורמלט און אין ערגערניש געטראַכט — זוער וויסט מיט וואָס ס׳וועט זיך ענדיקן?

עס האָט זיך געענדיקט מיט אַן אומדערוואַרטער פריידיקער נייעס, וואָס האָט האַסטיקער געמאַכט שטראָמען דאָס בלוט אין מאירן.

— געפונען — מאַכט ער — טאַשמעטאָוון אַ שכורן. מען האָט אים פאַרהאַלטן און בעת דער אויספאַרשונג האָט ער געליימערט...

— ווער איז טאַשמעטאָוו?

— כאַ, כאַ, כאַ. ער איז עס דאָך. אַ גנב איז ער? — אַ דרעק, אַ פּאַרטאַטש. מאָרגן באַפרייט מען די אַרעסטירטע.

— פון וואַנען ווייסטו דאָס, וואָלאָדיאַ?

— מישאַ, דו רעדסט מיט וואָלאָדיען. — ער האָט אַ וואָרף געטאָן דעם פּיטום פון ציישונגס־סיגאַרעטל, וואָס ר׳האָט געהאַלטן אין האַנט, אויס־געשפּיגן און צעטראָטן מיטן אָפּצאַס. — זאָג די ברידער דיינע, אַז זיי זענען יאָלדן — האָט ער ווייטער גערעדט. — ביי טאַשמעטאָוון כאַפּט מען נישט קיין מציאות... אַ פּאָר יערלעך — יאָ.

— איך וועל זאָגן, זאָגן... ווי זעט מען זיי שוין.

— קודם לאָמיר זען אַ שנאַפּס.

— פּאַזשאַלוסטאַ — האָט מאיר זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט. וואָלאָדיאַ האָט אים מיט אַ האַנט אויפן אַקסל צוריק אַראָפּגעזעצט.

— ניין, מישאַ, נישט אַצינד, אַנגעטרונקען אַ פולן האַלדז. מאָרגן. מאָרגן אין דער פרי דאַרף איך אַ ליטער ספּירט. מ׳דאַרף אַרויסשלעפּן טאַשמעטאָוון. נקבות האָבן זיך אים פאַרגלוסט. מיט בלאַדזיעס מאַכט מען נישט קיין געשעפטן. צוליב זיי, אַוודאי, האָט ער זיך אַזוי געלאָזט ווילגיין.

*

„פון קיין צרות שטאַרבט מען נישט, און פון קיין גוטע בשורות ווערט מען נישט געזונט". שרה האָט אויפגענומען די ידיעה פון די קינדערס באַפרייען מיט אַ קרעכץ און אומקלאָרער פרייד. שמייכל און געוויין האָבן אַרויסגעשיינט פון אירע מיט היץ פאַרלאָפענע אַפּלען.

— „ביז מען דערלעבט די נחמה, גייט אַרויס די נשמה" — האָט זי אַרויסגעפּרעפּלט מיט אַ געכאָרכל, וואָס איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ שטילן כליפּ. אַ מידער פון אומבאַהאָלפענעם אַרומשליאָפּען אַרום קראַנקן וויב, האָט אויך אברהם אויף מאירס נייעס אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— ווער גלייבט זיי? אָך און ווי, אַז זיי העקלען זיך אָן אין עמעצן... און ווי אַזוי האָט איבערהויפּט געקאָנט געשען אַזאַ זאַך?

— דאָס וועלן זיי אַליין דערציילן, טאַטע.

— „אַ טויבער וועט הערן און אַ בלינדער וועט זען".

ס׳איז באמת שווער געווען צו גלייבן, וואָרום דריי טעג זענען שוין פאַרביי און גאָרנישט. מאיר האָט געגעבן צו פאַשטיין:

— קומען אויף די שפּורן פון די גנבים, אויפקויפער, פאַרקויפער, אַרעסטירן, אויספאָרשן, קאָנפראָנטאַציע מיט די אומשולדיקע אָפּנעמער — דאָס אַלץ מאַכט זיך נישט אַזוי גיך.

ספק און דערוואַרטונג, רעזיגנאַציע און גלויבן האָבן ווי קוועקזילבער אין טערמאָמעטער אונטערן אָרעם פון אַ מסוכן קראַנקן — זיך געהויבן און געפאַלן... דאָך איז אין אָט די „קריזיס־טעג" פאַרט געווען עפּעס פון אַ צוגעוויינען זיך צום געדאַנק פון אַ זיכערן קומען. דאָס כסדרדיקע

טראַכטן וועגן די אומגליקלעכע, וועגן מיאוסן צופאַל, וואָס האָט זיי צוריק אַוועקגעריסן, האָט אָנגעפילט דעם דמיון מיט זייערע לעבעדיקע געשטאַלטן.

אַז די דריי ברידער האָבן זיך, מיטן צופאַלן פון דער נאַכט (נאָך דריי און אַ האַלבן מעת־לעת אַרעסט) אַ וויז געטאָן אויף דער שוועל פון טיר, איז אברהמען, וואָס האָט זיי דער ערשטער באַמערקט, קוים צייט געבליבן אויסצושרייען:

— אוי, שרה, אָט האָסטו די קינדער! אפרים, שלמה, יידל.

זיי האָבן דאָס באַשטעטיקט מיט אַ קאָפּ־שאָקלען, שטיל אַריינגעקומען און פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר. זייערע שאָטנס האָבן דאָס שטיבל נאָך קלענער געמאַכט. פון צעטומלטקייט האָט אַברהם פארגעסן דעם לאָמפּ אָנצוצינדן. שרה האָט זיך אַ הייב געטאָן און אַראָפּ פון בעטל. די זין האָבן איר אָפּגעהאַלטן אין האַלבן וועג. זי איז אַריינגעפאַלן אין זיי ווי אַ בליץ אין תהום־וואָלקנס. אויך דער טאַטע איז צו זיי צוגעפאַלן, און מאיר, וואָס איז גראָד אָנגעקומען. לאַנג, לאַנג זענען אַלע געשטאַנען אַרומגענומענע פון פרייד און ווייטיק, געשטאַנען און געשוויגן. דער מאַמעס קליינע, שוואַכע טריטלעך, האָבן איר קוים צוגעפירט צום בעט. זי האָט זיך צוגעשפּאַרט און אַרום איר האָבן זיך געזעצט די פיר זין און דער מאַן.

— „בעסער אין לאַנד, איידער אין זאַמד”... — האָט זיך געהערט איר שוואַכע שטים. נישט שווער געווען צו פאַרשטיין דעם רמז „זאַמד”... דאָס מזכיר נשמה זיין פריידקען אין דער ערשטער און העכסטער מינוט פון פרייד, האָט דאָס שוויגן פייערלעכער און הייליקער געמאַכט. קיינער האָט נישט געענטפערט.

— אַך גאָטעניו, גאָטעניו, אל רחום וחנון — האָט זי ווייטער אַרויס־געשעפּטשעט און שטיל געבליבן.

ווי איינטאָגיקע פליטערלעך, מיט פליגעלעך אָפּגעריבענע פון גאָלד, האָבן אַצינד געפלאָטערט שרהס ווערטער. אָן כוח, אָן יענעם קלאַנג, וואָס פלעגט דאָס אויער פאַרשטראָמען מיט טרייסט, מיט פרישקייט, עלעהיי אַ לויפנדיק וואַסערל. זי איז געזעסן אויפן בעט מיט די פיס אַראָפּגע־

האַנגען. די שפּיץ פינגער האָבן נישט געגרייכט די פּאָדלאָגע. — אַ בינטל גראָע האָר האָט אַרויסגעקוקט פון אונטערן אַראָפּגערוקטן קאַפּטיכל.

— אַז מען לעבט, דערלעבט מען — האָט מאיר איבערגעריסן די שווייגעניש.

— נו, דערציילט, דערציילט, קינדער. שוין, דאַנקען גאָט, בעסער דער מאַמען — האָט אברהם ווייטער געצויגן.

צינגער האָבן זיך אויפגעבונדן. אַ גערייד, פראַגן, ענטפערס. אַ געוויין.

— פאַרוואָס זשע וויינסטו, שרה?

— פאַר נחת.

אין דרויסן איז געשטאַנען אַ ווינטער־נאַכט. אויפן לויטערן הימל האָבן ווייסע וואָלקנס, ווי דרימלענדיקע קעמלען, זיך געריבן איינער אין צווייטן. די לבנה היפּערט פון „קעמל״ צו „קעמל״, טוקט זיך און ווערט נעלם אונטער זייערע צעשוווּמענע, פאַרמלאָזע גופים. אַ ווינט יאָגט פּלוצעם אָן און קלאַפּט צו אַ לאָדנדל, שאַרט זיך מיט איינגעהאַלטענעם גערויש צווישן די שיטער צעשטעלטע קיביטקעס.

די קעלט האָט זיך אויך אין שטוב אַריינגעריסן. אברהם איז געגאַנגען אונטערהייצן ס׳קיכל. עמעץ האָט אָנגעצונדן ס׳לעמפּל. ערשט אַצינד, אין דער מאָגערער ליכטיקייט, האָט שרה, מער מיט איר אויפוואַכנדיקן בליק ווי מיטן פאַרשטאַנד, באַגומען וואָס דאָ קומט פאָר. זי האָט יעדן איינעם באַזונדער באַטראַכט. אפרימקע — אַ נידעריקער, דריבנער, אַ ייִנגלש פּנימל און שמאָל האַרבאַטע נעזל. יידל — אַ הויכער און אַ שווייגער, דער גאַנצער טאַטע. אויך זיין זיצן מיטן קאָפּ אין די הענט — פּלאַטשיקע פינגער, ברייטע נעגל — האָט דערמאָנט אין טאַטן. שלמה, „דער האָן״ האָט מען אים גערופן, אַ דאַרער האַלדז, אַ שנאָבל־מיילעכל, קליינע אייגעלעך. תמיד געקרייעט מיטן דאַרן גערגעלע. אָן עקשן, אַ שפּאַרניאַק. ליב געהאַט אַריינצוזאָגן.

מידע, נישט ראַזירטע, מיט רויטע לאַמעווקעס אַרום די אויגן, האָבן זיי ביי דער מאַמען געוועקט רחמים, גוטסקייט און גוואַלדיקן בטחון. אַן איבערפלוס פון פריידגעפיל כוואַליעט אויף אין מענטשן אין די דאָזיקע

מינוטן. מיטן עודף אושר איז ער גרייט אָנצושטעקן יעדן איינעם, וואָס געפינט זיך אין זיין מחיצה. דאָס ברענגט אים אַליין אַ גרויסע דערלייכטע־רונג. ערשט נאָך דעם קומט די פּייכטקייט אונטערן אויג־הייטל, די אויס־געטראָגענע, בייכלדיקע טרערן, וואָס קייקלט זיך מיט זעלטענער גרינגקייט אַרויס פון איר אַרביטע. פון אויפגעטייעטן ווייטיק ווערט אין מוח העלער, קלאָרער.

אַזאַ געפיל האָט אַצינד אַריינגעדרונגען אין קראַנקן וועזן פון שרהן. אַ שטראָם פון נייע כוחות האָט אין איר אַ ברויז געטאָן. דאָס צינגל אין איר מויל האָט זיך גענומען באַוועגן.

— טאַקע אַ מזל, וואָס מ׳האָט געכאַפּט די גנבים.

— באַשיימפּערלעך אַ באַשערטע זאַך — גיט צו אברהם פון לעבן קיכל, מיט די הענט אויפן זודיקן טשייניק. — ווי טוט מען עס, פונדעסטוועגן, אַזאַ נאַרישקייט ?

— וואָסער נאַרישקייט, טאַטע ?

— קויפן גנבהשע סחורה.

— אַ חכם אחר המעשה...

— אָבער ווי אַזוי איז דאָס געשען ?

אפרים, דער עלטערער, האָט דערציילט די גאַנצע מעשה : מאָבילי־זאַציע, אַטשעסיי, קוילנגרובן — צוריק אין „וואַיענקאָמאַט״. דער „שפּאַ־ציר״ אַהיים, די מציאה אויפן וועג און דער אַרעסט.

— טאַקע אַן אומגליק מיט אַ גליק. נישט אַזוי, שרה ?

— אַ גליק מיט אַן אומגליק, האָט איר כאָטש אין קרימינאַל, ביים סליעדאָוואַטעל, אויך אַזוי געטענהט ? — האָט שרה געענטפערט מיט אַ פראַגע.

— ס׳העלפט אַ טענהן ? דריי מענער אַן דאָקומענטן, נישט קיין צוגעשריבענע, געגנבעטע קאַלאָשן, אַ שאַליק. טאָמער ווייניק, איז אויך דאָס מיידל, וואָס איז יענע נאַכט נעלם געוואָרן, אויך אַ פרעמדע, אַ רוסישע וואָקזאַלשע. פאַר מורא איז זי אַרויס פון שטוב. מען האָט זי אָנגענומען פאַר אַ פּערטע צו אונדזער „קאָמפּאַניע״.

— נו, גיי פלאָנטער אויף אַזאַ געשיכטע? — האָט יידל אַרויסגעהאָלפן אפרימען.

— אַ געשיכטע? אַ דראַמע, אַ קאָמעדיע — רופט זיך אָן שלמה.

— אַ טראַגיקאָמעדיע, וואָס נאָר דאָס לעבן, דער בעסטער קינסטלער קאָן צוטראַכטן.

— דער עיקר — דער סוף. „אַז דער סוף איז גוט — איז אַלץ גוט״. נאָר אין נחת און אין פריידן. אברהם, שוין געקאָכט ס׳וואַסער? — האָט שרה זיך געוואָנדן צום מאַן. — שוין צייט דערוואַרעמען ס׳חיות מיט אַ גלעזל טיי. מ׳דאַרף אויך גרייטן עפּעס עסן.

— נישט הונגעריק, מאַמע, מען גיט דאָרט עסן. דערצייל בעסער, דערצייל וואָס איז דיר געשען מיטן פּוס?

— גאָרנישט, אַז כ׳האָב איך צוריק, קינדערלעך, בין איך געזונט.

— אָבער דאָך?

— פרעגט נישט, כ׳האָב איך פאַרקאָכט אַ קאַשע...

שרה האָט זיך אויפגעזעצט, גוט געמאַכט דאָס טיכל אויפן קאָפּ און דערציילט די מעשה מיטן טעפּל קאַשע.

*

יענע נאַכט איז זייער באַלעבאָסטע, די „אפא״, נישט געשלאָפן. זי איז געלעגן אין אָנטאָן אויף דער ליים־פאָדלאָגע און מיט טרערן די ערד באַנעצט. די ערשטע מינוט פון זייער קומען, ביז שפּעט ביינאַכט, איז זי פון פענצטער נישט אָפּגעטראָטן. דאָס אַריין פון די זין, דאָס אַרומכאַפּן זיך, די קושן, די טרערן, דאָס געלעכטער, יעדער תנועה האָט זי אויפגעכאַפּט.

אַ סך האָט איר די קליינע, אַלטע מוטער אָנדערציילט וועגן אירע קינדער אויף די פראָנטן. ביידע האָבן זיך די הערצער אויסגערעדט. כאָטש די שפּראַך איז זיי פרעמד געווען, האָבן זיי דאָך איינע די אַנדערע פאַרשטאַנען, טרייסט געפונען אין ווערטן, אין האָפן. אויף באַזונדערע לשונות האָבן ביידע צו איין גאָט געבעטן. שרה — פאַר אירע קינדער און די „אפא״ — פאַר איר מאַן אויפן פראָנט.

זאַמד

פֿאַרוואָס האָט גאָט איר אַזוי פֿאַרשעמט? — פֿאַרוואָס זאָלן אירע קינדער בלייבן יתומים. — העכער צוויי יאָר, ווי מ׳האָט איר קאַלאַמישן צוגענומען. נישט קיין בריוו און נישט קיין גרוס, נישט קיין סימן פֿון לעבן. ווען זי זעט דעם בריוו־טרעגער, גיט איר אַ טיאָכקע אין האַרץ, זי קען נישט מער, זי קען נישט מער אַזוי לעבן. די אַרבעט אויפֿן פֿאַכטע־פֿעלד וועט איר איינברעכן. די בענקשאַפֿט, אוי, די בענקשאַפֿט צו איר קאַלאַמישן. זאָל ער קומען אויף קוליעס, מיט אַ באַמבלענדיקן אָרעם, זאָל ער קומען, ווי אַרטשונין, דעם שכנס זון, אַ פֿאַרוווּנדעטער. מיט איין אויג, ווי אלטעגבייעווס פֿלימעניק, וואָס זיצט אויפֿן באַזאַר מיט אַרבוזן. אַ קאַליקע — אַבי אַ לעבעדיקער טאַטע צו די קינדער. ער איז דאָך אַזאַ גוטער, קאַלאַמיש, קיין מאָל נישט געשלאָגן.

פֿאַרוואָס שלאָגסטו מיך, אַללאַ?

זי איז צו צום קופֿערט, מיט איין האַנט אויפֿגעהויבן די שווערע דעק און מיט דער צווייטער באַרירט אַ וואַטענעם קאַפֿטאַן, דאָס איינציקע מלבוש וואָס ר׳האָט אין שטוב געלאָזט. אַזוי קאַלט דאָרט... ווינטער, שניי, אוי ווײ, אוי ווײ. זי האָט אויפֿגעהויבן דעם קאַפֿטאַן און באַהאַלטן אין אים איר פּנים. טיף איינגעאָטעמט, צוזאַמען מיט די טרערן, דעם ריח פֿון זיין שווייסיקן, געזונטן לייב, וואָס דער פֿאַרמאַכטער קופֿערט האָט נישט געלאָזט אויסוועפּן פֿון מלבוש. זי האָט אַראָפּגעלאָזט די דעק און אַוועקגעגאַנגען. ווידער האָט זי אַ פֿאַל געטאָן צו דר׳ערד און שטיל, שטיל געכליפּעט.

קאַפּיטל נײַן

דער אָנהייב פון סוף

שרה האָט אַראָפּגעטשאָפּעט פון בעט. מיט שטומער דאַנקבאַרקייט האָט אברהם נאָכגעקוקט אירע באַוועגונגען, די פרייליכע אויפגערעגטקייט, דאָס איבערראַשנדיקע אין איר פּנים. „אַט דאָס אַרומהאָווען וועט איר איר אויף די פיס שטעלן" — האָט ער אַ טראַכט געטאָן. ער איז גערעכט געווען. זינט די קינדערס קומען איז שרה צוריק אַ מענטש געוואָרן. אויך די שטוב האָט די מראה געביטן. די ערדענע פּאָדלאָגע, די הילצערנע שוועל, גאָל ווי אַן אייערקיכל. דאָס פּירשויביקע פענצטערל איז פאַר־האָנגען מיט אַ סיצן פאַרהאַנגל. אַפילו דער טשעהונענער, שוואַרצער באַניאַק אויפן קיכל האָט אויפגעלעבט אונטער אירע הענט; טאָג־טעגלעך געוואַשן, געריבן מיט זאַמד און אָוועקגעשטעלט מיטן באָדעם אַרויף.

— זעסט, אברהם, אַז גאָט וויל, האַ? — האָט שרה אַ זאָג געטאָן.

— אַקעגן וואָס מיינסטו?

— אַקעגן דעם, וואָס אַ מענטש איז געגליכן צו אַ קאַץ: ווי אַזוי מען זאָל אים נישט וואַרפן, בלייבט ער שטיין אויף די פיס.

— און כוח דאַרף מען האָבן פון אַ פערד. גערעכט געווען יאַנקל באַלעגאָלע. געדענקסט וואָס ער פלעגט זאָגן? — „דאָס לעבן איז נישט קיין שאָסיי"...

— נו, געלויבט צו גאָט, דערווייל איז עס אָפּגעפאָרן גלאַטיק... די קינדער זענען אין דער היים.

— הם... אין דער היים.

— אָוודאי. אַז דער טראַנספּאָרט מיט די מאָבּיליזירטע איז אָוועק, איז דאָך אַ כשרער טאָפּ און אַ כשרער לעפל...

דער טאַנספּאָרט איז אָוועק. די דריי ברידער האָט מען צו מאָרגנס

נאָך דער באַפרייונג אַרויסגערופן אין „וואָיענקאָמאַט". זיי האָט אויפגענומען דער זעלביקער וואָס האָט אין טאָג פון מאָביליזאַציע רעגיסטרירט: אַ יונגער לייטענאַנט מיט אַ געל פּנים, וואָס האָט בעתן רעדן צוריקגעשלאָגן מיט געל־מאַטן גלאַנץ. געדיכטע רויטע ברעמען איבער קאַרע אויגן, איינס עטוואָס העלער פון צווייטן. בעתן אויספרעגן זשמורעט זיך דאָס העלערע. אַ האַלב אויפגעהויבענע, גראָבע ליפּ, אַ שטיקל יאָסלע און עטלעכע ציין זאָגן אָן עפּעס אַזוינס, וואָס קאָן הייסן אַ שמייכל. דערפאַר אָבער איז דאָס טונקעלע קאַרע אויג גרעסער, ערנסטער און דורכדרינגלעכער, עס פאַרטושט דאָס שמייכעלע. דער לייטענאַנט זיצט אָנגעשפּאַרט מיט דער ברוסט אין ראַנט טיש, באַמבלט מיט די פעסטע, פּיעגאָוואַטע פינגער. געמיטלעך און פאַרשעריש פרעגט ער:

— איז וואָס, חברימלעך? איר באַדויערט, זע איך, וואָס דער טראַנספּאָרט האָט זיך אויף אייך נישט געקאָנט דערוואַרטן...

קיין ענטפער איז נישט געקומען און ער האָט ווייטער גערעדט:

— ווילט איר אפשר צוריקפאָרן אין די שאַכטן?

— אויב מעגלעך, בעסער בלייבן — האָט איינער מער געבעטן ווי געזאָגט.

— וואָסי, איבערגעאַרבעט זיך דאָרט?

— פאַרוואָס עפּעס? סתם אַזוי. בעסער מיט אייגענע, טאַטע־מאַמע דאָ אָפּגעפונען.

— הם...טאַטע־מאַמע, ווער נאָך?

— אַ ברודער.

— אַזוי? פאַרנעמען זיי זיך אויך מיט לינקע געשעפטן?

— ניין, טאָוואַרישטש לייטענאַנט. אויך מיר זענען אומשולדיק. ווי איר זעט האָט מען אונדז באַפרייט. אונדזער אומשולד איז באַוויזן געוואָרן.

— וואָס טוט דער ברודער, פון וואָס לעבט ער?

— ער אַרבעט אין „זאַגאָט זיערנאָ".

— נו, פיין, ווו איז אייער גענויער אַדרעס?

— סטאַכאַנאָווסקאַיאַ 72.

— וועט מען אייך קאָנען אַ רוף טאָן אויף דעם אַדרעס?

— געוויס.

— איר קאָנט גיין, — נאָכן באַטאָנען הויך די דריי ווערטער, האָט ער מיט אַ מאָל אַ פאַל אַראָפּ געטאָן ביז שעפּטשעניש: „איר האָט מער מזל ווי יאָרן" — האָט ער געזאָגט אין דעם לשון, וואָס האָט אויך פריער אַראָפּגערעדט פון זיין פנים — יידיש.

— אַ דאַנק האָבן די ברידער געענטפערט.

ער האָט פאַרזשמורעט דאָס העלע אַפּל און פאַרהויבן די ליפּ אויף אַ שמייכל. מען האָט זיי תיכף צוריקגעגעבן די פּאַספּאָרטן, די וואַיענע ביכלעך, געהייסן נעמען די קלומעקעס און אַהיימגיין. גראָד איז פון הויף אַרויסגעפאָרן אַ מיליטערישע מאַשין אין דער ריכטונג פון דער סטאַציע. דער שאָפער האָט די דריי דעמאָביליזירטע דערלויבט איינשטייגן.

אויפן דריטן טאָג נאָכן קומען פון די געסט האָבן די זאַפּאַסן אין שטוב געגומען צאַנקען. בעתן עסן האָט מען אָנגעהויבן „קוקן אויף די הענט", מעסטן מיט די אויגן די פּענעצן ברויט פון וועלכע קיין קרישקע איז נישט געגאַנגען ביוועק, אויסגעלייזקט די שיסעלעך, פאַרהויבן און זייטיקלעך געגייגט זיי ביז צום אויסשעפּן דעם לעצטן לעפל.

מאיר איז אַרויס אין גאַס אַ שנאַפּ טאָן מכוח באַשעפטיקונג פאַר די ברידער. ס'איז געווען זונטיק אין דער פרי. ווינטער אין טורקעסטאַן. אומאויפהערלעכע רעגנס, ווינטן: קאַלטע, קורצע טעג, לאַנגע נעכט. אין די פרימאָרגנס האָט אַ פּראַסטיקע ווייסקייט געשפּרייט זיך: אַ קוים־קוימיקער שניי־פּריס האָט זיך געלייגט אויף די וועגן, ליים־דעכער און אויף די שפּועים־ראַנדן פון שטרוי, ווי מאַגערער קאַלך אויף ראַגאָזשע. קליינע, טיפע וואַסערלעך האָט דער ווינט אויסגעטריקנט. גרעסערע, פלאַכע זענען פאַרצויגן געוואָרן מיט אַ דין אַדערדיק פּראָסט־הייטל. די שייבעלעך פון טיר און פענצטער — באַהויכט מיט בלויען מאַטן אָטעם פון אַ ווינטער־טאָג. מאיר האָט געטראָגן אויף זיך אַ וואַטענע קורטקע, אַ קאַזאַכישע פּאַפּאַכע פון האָזן־פעל מיט אויערן־קלאַפּעס, אַ וואָלענעם שאַל, וואָס בראָנקע האָט פאַר אים אויסגעשטריקט, גאַליפּיי־הויזן און

שטיוול. היגע, קאַזאַכישע שטיוול מיט הויכע כאַלעוועס, גראָבע נאָסקעס און קורצע קנאַפל; כאַלעווקעס פון גוטער געמזע, וואָס האָט זיך געפּלאַכט און געקנייטשט האַרמאָניע־מעסיק ביז אַראָפּ צו די הויכע סאָזע־וואַניעס. אַן איבערגעבויגן קענטל אונטער דער קני האָט אויפגעדעקט די איידעלע, ווייסע פּאַדקלעיקעס.

נאָענט פון באַזאַר, אויף אַ בלינדער וואַנט האָט מאיר באַמערקט אַ פּלאַקאַט, ער איז געווען פון געמיין פּאַק־פּאַפּיר, דער אַפּיש, האַלב פאַרנעצט פון רעגן, אָפּגעריסן און אונטערגעהויבן פון ווינט. מאיר איז צוגעגאַנגען נענטער, אויסגעגלייכט אים און געלייענט:

„דערמיט גיבן מיר צו וויסן, אַז עס ווערט געעפנט אַ קינדערהיים ביי דער היגער שטאַט־פאַרוואַלטונג. עס פאָדערן זיך מענטשן צו דער אַרבעט: אַ קעכין, אַ רוימערקע, אַ שלאָסער, אַן אויפזעער, ער דאַרף זיך אויך קענען אומגיין מיט אַ פערד. גענויע פּרטים — ביי דער פאַרוואַלטונג פון קינדערהיים".

„פיר ספּעציאַליסטן קאָן איך אַליין צושטעלן" — האָט ער אַ טראַכט געטאָן. יידל אַלס שלאָסער, ביי וואַגאָנעטקעס פאַרריכטן האָט ער זיך די מלאכה אויסגעלערנט. אפרים וואָלט זיך אויסגעטויגנט אין דער סטאָלאָווע... ער וועט זיין אַ גוטער קוכער. דער טאַטע, וואָס קלאָגט זיך לעצטנס אויף קאַפּווייטיק, דאַס לידיק גיין מאַכט אים קראַנק, זאָגט, אַז ער קען זיך אומגיין מיט אַ פערד. אין קאַלכאָז, הינטער קויבישעוו, האָט ער זיך „ספּעציאַליזירט" אין דעם פאַך. שלמה דער „האָן" — וועט מיט זיי זאַוויעדעווען. הכלל — אַן אייגענע בריגאַדע, האָט ער נאָך אַ מאָל צו זיך געזאָגט און באַשלאָסן תיכף צו גיין אויפן אָנגעגעבענעם אַדרעס. דערווייל האָבן זיך אַרום אַפּיש געזאַמלט פאַרבייגייער. איינער מיט אַ גלאַטיק־ברוין פּנים, ווי פון וואַקס אויסגעגאָסן, מיט לאַנגע און שיטערע האָר־בערשטלעך אויף די באַקן און שפּיץ גאָמבע. ער טראָגט אויף זיך אַ פּאָר מיליטערישע שטיוול, אַ גרינעם, וואָלענעם סוועטער, אַ מעטקאַל־העמד און אַן אָפּגעטראָגענעם סאָלדאַטסקן שינעל. נאָך איינער — אַן על־טערער באַבאַי מיט אַ שנירל פּאַטשערקעס אין האַנט. עטלעכע הענדלער

זענען געשטאַנען אין אַ לויז רעדל, זיך געאַמפּערט איבער אַ גרויסן רוסישן זייגער אויף איינעמס דלאָניע. עס האָבן זיך אויך פאַרהאַלטן צוויי חברהלייט, אייגענע, וואָס מאיר האָט זיי געקענט פון באַזאַר. פון איבער־קוקן זיך, אונטערהוסטן און די חוזק־בליקן, וועלכע זיי האָבן געוואָרפן אויפן אַפּיש, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז קיין „קאָנקורענטן" זענען זיי נישט; שוואַכע בעלנים אויף אַרבעט. ער האָט זיך טאַקע נישט גענאַרט. דער מיטן שנירל פאַטשערקעס האָט פויל אַ שפּיי געטאָן אין אַ ריטשקעלע וואַסער, וואָס אונטער זיינע פיס, און אַוועקגעגאַנגען. דאָס וואַקסענע פּנים האָט אַ בורטשע געטאָן:

— ס׳גייט מיר אין לעבן. הם... פאַר פיר הונדערט גראַם ברויט...

און די צוויי ווענדן זיך צו מאירן:

— נו, חבר מישאַ, ראַבאַטשי נאַראָד...

— כ׳קלער טאַקע צו גיין.

— און איך לאָז דאָס פאַר בעלגישע פערד — ענטפערט איינער.

— איך בין נאָך נישט געריירט אויפן שאַרבן. וויניק די פעל געגעבן אין די לאַגערן? אַרבעטן פאַר זיי, די פוילישע חיות?

— וואָס עפּעס פאַר „זיי"?

— אַוודאי נישט פאַר זיך. איך קום אויס אָן דיינע חברים...

דעם זעלביקן טאָג איז מאיר אַוועק אין „גאָריספּאָלקאָם" *) און אָנגע־געבן די נעמען פון זיין „בריגאַדע".

— מאָרגן קאָנען זיי קומען צו דער אַרבעט — האָט געזאָגט דער באַאַמטער — מיטברענגען די פּאַספּאָרטן, וואָיענע ביכלעך.

— אין בעסטן אָרדענונג, חבר.

— קענען זיי די מלאכה?

— ספּעציאַליסטן פון דער היים.

— זענט איר עוואַקואירטע?

— יאָ.

*) שטאָט־פאַרוואַלטונג.

— פון וואַנען?

— פון פוילן.

— נו, און מיליטער?

— זיי זענען באַפרייט.

— און איר?

— אַרבעט אין „זאַגאַט זיערנאַ“.

אין שטוב האָט מען אויפגענומען די נייעס מיט צופרידנקייט. אין דער פרי איז מען אַרויס צו דער אַרבעט און פאַרנאַכט צוריקגעקומען. עטלעכע וואָכן האָבן געדויערט די צוגרייטונגען: רעמאָנטירן די שטובן, שמידן פענצטער און טירן, אַ פרענט און אַ שלאָס צום טויער פון הייפל, אַ שטאַל פאַרן פערד, וואָס איז דערווייל געשטאַנען צוגעבונדן אין ווינקל פון הויף. פאַרגרייטן בעטלעך, טישן, בענק, וואַש־ און קאָך־כלים. מיט איין וואָרט — אָרגאַניזירן די ווירטשאַפט פון קינדער־הויז. די דריי „ספּעציאַליסטן“ האָבן זיך דערווייל געדרייט אַרום קוכער... דער קוכער האָט געהאַלטן אין איין לויפן מיט די אויסגעשריבענע טאַלאָנען אין די שפּייז־ און פליישּ־קראָמען. שווער געווען דאָס שלעפּן דעם פּראָוויאַנט אויף די פּלייצעס, האָט ער געהייסן שפּאַנען פערד און וועגעלע.

דער ריח פון שאָפענע קורדזשוקן, רינד־פלייש, קישקעס, גריישלעך, מילצן און קעלבערנע פיס האָט זיך צעטראָגן איבער אַלע צימערן פון קינדערהיים. ס'איז געוואָרן גרינגער אויף דער נשמה און פריילעכער ס'געמיט. אברהם האָט מיט געמאַכטער היימישקייט זיך געדרייט אַרום פערד. אַ גלעט געטאָן צווישן די אויגן לענגאויס דער כראַמסקע. געזען אַז ס'לאָזט זיך, — פערדישער קאָפּ מיט פאַרהויבענער ליפּ, גייט נאָך נאָך זיין האַנט, — האָט ער זיך צוגעשאַרט נענטער. באַטאַפּט דעם האַלדז, דערפילט אַ וואַרעמען אָדערדיקן ציטער אונטער דער פעל, פאָרט ער אַראָפּ צום רוקן און אונטער־חלק, פּעטשלט, צערטלענדיק די באָקעס. די גוטע חיה פאַרהייבט די אויערן און דרייט אויס צו אים דעם קאָפּ. אברהם זעט אין די גרויסע אויגענעס דאַנקבאַרקייט, זעצט ער זיך פּאַמעלעך אַראָפּ, גיט אַ נעם באַלעגאָלע־מעסיק דעם פערדס אונטערשטן פוס. „אָהאָ,

נישטאָ קיין פּאַדקאָווע״ — האָט ער צו זיך אַ זאָג געטאָן. כאָטש אַ זאַמדי־קער באָדן, איז דאָך אַ סכנה צו לאָזן אַ פערד מיט נאַקעטע טלאָען. איז ער צופרידן געווען, וואָס אים איז איינגעפאַלן אַ קוק טאָן. ער וועט האָבן וואָס צו דאַלאָזשען דעם פּאַרוואַלטער. — צו מאָרגנס האָט שוין דער שלאָסער געהאַט וואָס צו טאָן, מען האָט באַדאַרפט קאָווען דאָס פערד. ביז אברהם האָט באַזאָרגט אַ געשפּאַן, דעם וואָגן און די דראַבינעס צורעכט־געמאַכט, פאַרגרייט שטרוי און מעקינע — עסן פאַרן פערד אויף די ווינטער־חדשים — האָבן זיך אַ יאָווע געטאָן אויך קינדער. די רעגולערע אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן.

שרה האָט פרייער אָפּגעעטעמט. אַראָפּ אַן עול פון קאָכן. אַ קלייני־קייט: עסן פאַר זעקס מיילער, קיין עין־הרע. „מאַך פון שניי גאָמלקעס״... וואַקסט אין איר דאָס האַרץ, אַז זי זעט ווי די קינדער מיטן אַלטן גייען אָוועק פון שטוב זאַטע און קומען צוריק זאַטע. אדרבא, מען ברענגט נאָך מיט זיך אַ ביסל פּראָדוקטן: בוימל, מילך, מאַנע־קאַשע, אַ ציבעלע, כל מיני סאָרטן גרויפּן, האַלבע און גאַנצע פּלעצלעך, שטיקלעך ברויט און רעשטלעך עסנוואַרג. די זעקס פּאַיאָקן זענען געבליבן כמעט נישט גערירט. עס איז געוואָרן פון זיי גאַנצע ברויטן, וואָס מען האָט תיכף פאַרהאַנדלט אויף אַ פּאָר שיך, אַ העמד, אַ מלבוש. וואָרום דורך דער צייט איז די שטוב אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן געוואָרן. אויך די קלומיקעס וואָס אפרים, יידל און שלמה האָבן מיט זיך געברענגט, זענען געווען קויטיק, לייזיק און צעריסן.

ווי דער שטייגער, אַז אַ מענטש קומט אַ ביסל צו זיך, הייבט ער אָן טראַכטן. קומען זיך צונויף לעבעדיקע מענטשן, ברידער, וואָס דער גורל האָט צעשיידט און דער גורל האָט צונויפגעבראַכט (אויף ווי לאַנג ווייסט איין גאָט) — איז דאָ פון וואָס צו רעדן, דערציילן; יעדער מיט „זיין פּעקל״.

— אָבי איין נחת און איין פריידן — זאָגט שרה, — ערגער איז אָבער מיט די דיסקוסיעס, אַמפּערנישן.

— וואָס אַרט דיך, שרה? — האָט איר אברהם איין מאָל געזאָגט — קאָנסט נישט באַשטיין?

— חלילה, איך נאָזשעקע נישט. געגוג שטיל געווען אין שטוב, גענוג. איך זאָג נאָר, אַז מען קאָן דאָך רעדן בנעימותדיק און נישט שרייען.

נו, גיי קלער אויף דער קלוגער מאַמעלע, אַז מען קאָן נישט רעדן בנעימותדיק. וואָרום אויך אין דער היים, פאַר דער מלחמה, האָבן די ברידער זיך נישט געאייניקט מיט די דעות און מיינונגען, מה דאָך אַצינד: אַ מלחמה, אין דער פרעמד, הונגער, טויט־שרעק, פערזענלעכע איבער־לעבענישן.

ליידן, ווי פייער, פאַרהאַרטעווען און מאַכן ווייכער, צעוואָרעמען און ברענען איבער יעדן קערפּער. אָט דאָס דאָזיקע איז אַצינד בולטער און שאַרפער ווי פריער געקומען צום אויסדרוק גלייך ביים ערשטן צונויפטרעף.

גראָד די דערנענטערונג האָט מיט פיינלעכער קלאָרקייט אויפגעדעקט יעדנס באַזונדערקייט. גענוג געווען אַ וואָרט, אַ זאָג, אַ מיינונג און גלייך — אַ וויכוח. מ׳האָט גערעדט וועגן צופאַל: די מיסטעריעזע מעשה מיטן בוכאַרער, וואָס זאָל האָבן געטראָפן די צוויי ברידער. דער „פאַרקערטער צופאַל", וואָס די דאָזיקע צוויי ברידער האָבן זיך געפונען סך־הכל צוואַנציק קילאָמעטער פון די דריי, וואָס האָבן זיך ערשט דאָ, אין שטוב, דערוווּסט פון זייער אַנטלויפן. נאָך דעם דאָס מאָביליזירט ווערן, די גנבה, דער אַרעסט, דאָס אָפּפאָרן פון טראַנספּאָרט און זייער פאַרבלייבן; דער טראַגישער צופאַל מיט פריידקען.

— פון וואָס מען זאָל נישט רעדן, קומט מען אַרויף אויפן טויט — האָט אַריינגעוואָרפן די מאַמע — ווײַ, געשטאָרבן פאַר דער צייט.

— ווען מען שטאַרבט איז די צייט — האָט געענטפערט אפרים. ווען די יידישע חברהלייט אין די שאַכטן האָבן צוליבן שוואַרצן אָנוווּקס אַרום לענגלעך בלאַסן פנים גערופן יאָסעלע פאַנדריק. אויך די וואָנסעס זענען ביי אים אונטערגעשוירן, פאַררונדיקט יידישלעך. ער טראָגט אויפן קאָפּ אַ קאַפּעלע. „אַ קאַפּעלע פרום" — זאָגט ער, בעת מען פרעגט אים פאַרוואָס ער נעמט נישט אַראָפּ די טוביטייקע פון קאָפּ.

— מיינסטו עס טאַקע אויף רעכטן אמת, אַז ווען מען שטאַרבט איז די צייט? — האָט איבערגעפרעגט מאיר.

— נישט איך מיין, איך גלייב אַזוי.

— נישטאָ, הייסט עס, קיין גורם, צופאַל.

— נאָך נישט פאַרגעסן דיין שולחן ערוך ? — איז אים אַריינגעפאָרן שלמה, דער „האָן". מאיר האָט געשוויגן. געענטפערט האָט יידל איראָניש. פילאָזאָפירנדיק :

— בעסער לעבן מיט אילוזיעס, איידער ווערן די אילוזיע פון לעבן...

— אַקעגן וואָס זאָגסטו דאָס ?

— כ'מיין זיך אַליין, זינט כ'האָב דאָ אַריבערגעשטעלט אַ פוס האָב איך פאַרלוירן דעם גלויבן אין ביידע : סיי אין מענטש, סיי אין גאָט.

— אָבער צוגיין אויפן בית הקברות צו דער שוועסטער דאַרף מען פונדעסטוועגן — האָט מאיר זיך אַרויסגעדרייט מיט אַ זייטיקן פאָרשלאָג.

— צו וואָס אויפרייצן דעם ווייטיק — זאָגט שלמה.

— פאַרוואָס נישט ?

— ס'איז אַ שוואַכקייט — האָט שלמה אָנגעגריפט.

— אַ שוואַכקייט איז דיין שטאַרקן זיך, כדי דאָס דאָזיקע געפיל גובר צו זיין.

— ס'איז אָבער מענטשלעך.

— ביידע זענען מענטשלעך. נישטאָ זיך מיט וואָס צו שעמען. מ'איז גענוג פאַרהאַרטעוועט, אַז מען רעדט וועגן דעם אָן אַ טרער — האָט מאיר פאַרענדיקט די דיסקוסיע, רעזומירנדיק — אַ מענטש וואָס איז נישט מסוגל צו וויינען, איז געגליכן צו איבערגעברענט אייזן, וואָס קאָן זיך נישט אָנגליען... אַ גלייכגילטיקייט האָט אונדז באַהערשט. אָן אַכזריותדיקער אומקאָנטראָלירטער ווילן צו לעבן : לעבן פאַר יעדן פרייז... אַ צו להכעיס־געפיל דעם טויט, דער מעפיסטאָפעלישער שווערד, וואָס קאָסט דאָס פעלד פון לעבן. דער זעלבסטווילן צו עקזיסטענץ איז כלל נישט איבער־קלייבעריש אין מיטלען.

— וואָס מיינסטו דערמיט ?

— דו ווייסט אַליין...

— איך ווייס נישט.

— מיין לעבן, וואָס איך לעב אַצינד. — האָט מאיר געענטפערט מיט אַ שטילן ווידוי־טאָן.

אפרים האָט זיך אַ גלעט געטאָן דאָס בערדל. יידל האָט אונטערגע־שמייכלט, געוואָלט אַפּנים, עפּעס זאָגן. אָבער מאירס קאָנצענטרירטער, אָנגעשטרענגטער בליק אויף אַלע אַרום זיצנדיקע, האָט צו וויסן געגעבן — גענוג: טאַטע־מאַמע, וואָס זענען אויך געזעסן ביים טיש, האָבן פון דער פּלוצעמדיקער שטילקייט געדרונגען, אַז די קינדער זענען מיד.

— גענוג אויף היינט — האָט שרה זיך אָנגערופן — ס׳איז שפּעט, מאָרגן דאַרף מען גיין צו דער אַרבעט.

— גענוג — האָט אברהם פּאָטאָקעוועט — לאָזט איבער אַ ביסל רייד אויף נאָך אַ מאָל.

שרה האָט דערווייל אַ מעסט געטאָן מיט די אויגן דאָס קליינע שטיבל פון ווינקל צו ווינקל, מאַרקירט אַ געלעגער פאַר די קינדער, וואָס זענען שוין קיין קינדער נישט. „מאָנצפערשוינען קיין עין־הרע״. זי האָט נאָך אַ מאָל פאַרהאַלטן דעם בליק אויף שלמהן, דעם מיטלסטן, „ווי לאַנג איז עס דען, אַז זי האָט אים געטראָגן אין פאַרטעך?״... ער האָט געמאָזלט. דריי חדשים אַלט געווען. די ערשטע וועלט־מלחמה... דער דייטש איז אין קלאָדניעוו — אַ דערפל פון יענער זייט בוג. ער גייט אויף דוביענקע. מען אַנטלויפט. זיי לויפן אויך. שלמהקע ליגט מיט אַן אָפּגעשיט פּנימל. געפונען אַ צייט אויף מאָזלען: עס ליגט אַ פאַרטראָגנס, קוים וואָס עס דעכעט. אברהם מיט די רעשט קינדער פאָרויס און זי מיטן לעבעדיקן פּעקל — נאָך אים. שראַפּנעלן, קוילן איבערן קאָפּ, מען שיסט פון אַלע זייטן. דאָס עופהלע וועדט שווערער אויף די הענט... דאַכט זיך, ס׳האָט אויפגעהערט עטעמען. זי לויפט מיט אַלע כוחות, דעריאָגט אברהמען און פרעגט: „וואָס טוט מען? טאָמער... חלילה?...״ „מ׳עט אויסגראָבן אַ גריבל און אַריינלייגן״ — ענטפערט אברהם. „אַך גאָטעניו, גאָטעניו: ווי פאַר־הוילן זענען דיינע וועגן״ — האָט שרה פּלוצעם אַ טיפן קרעכץ געטאָן.

— וואָס איז געשען? — האָט איר אברהם אַ כאַפּ געטאָן ביים אָרעם.

— עך, גאָרנישט. דערמאָנט זיך אין שלמהקען. געדענקסט ווען דער דאַטש איז אַריין? כ׳האָב אים געטראָגן אין פאַרטעך.

— הם... צי איך געדענק?

— אוי, דער דאַטש, דער פינצטערער דאַטש: דעמאָלט פאַריאָגט פון דער היים און היינט — אויך אַזוי.

— ר'האָט דעמאָלט פאַרשפּילט די מלחמה און ר'וועט היינט אויך פאַרשפּילן — זאָג איך דיר, שרה, ס'ט זען.

— הלוואי!

דאָס קליינע מאַמעלע האָט געקוקט אויף אירע גרויסע זין, וואָס דער וואָס לעבט אייביק האָט איר צוריק געשענקט, און אַ גליקזעליק געפיל איז אין איר אויפגעגאַנגען. נישט איין נאַכט האָט זי נישט געקאָנט איינשלאָפן. נישט געקאָנט איינשלאָפן גראָד נאָך דעם ווי זיי זענען געקומען. די פרייד פון זען זיי און דער פּחד, אַז מען קאָן זיי אַ ליאַדע טאָג צוריק אַוועקנעמען — האָט אָפּגעטאָן דעם שלאָף פון אירע אויגן. ווי אַמאָל אין דער היים, פלעגט זי ביינאַכט אַראָפּגיין פון בעטל, דערטאַפּן אַ קאָלדרע, אַ וואַרעמע זאַך, אַ ווינטער־מלבוש — און גלייך אַרויפגעוואָרפן אויף די „קינדער". — ווינטער, קאַלט, און זיי ליגן אויף דער גאָלער פּאָדלאָגע. נאָך דעם פלעגט זי שטעהן לאַנג אָפּן האַלטן די אויגן און שעפּטשען:

...די מענטשן האָבן פאַרגעסן אין דיר, גאָטעניו. נאָר דו, וואָס ביסט גרויס אין רחמים און אין מענטשלעכקייט — פאַרגעס נישט אין אונדז. איך דאַנק דיר און לויב פאַר יעדער שעה, פאַר יעדן טאָג, פאַר דעם גרויסן געשאַנק וואָס דו האָסט מיר געשענקט... ס'איז מיר ליב און טייער די פּודן שרעק און די טרערן... אַבי איך זע זיי צוריק, צוריק ביי מיר אין שטוב. אוי, גאָטעניו, זאָל מיר די פרייד נישט פאַרשטערט ווערן.

שרה איז געווען אַ קנויל פון דאַנקבאַרקייט און געבעט. מיד און שלעפעריק, האָט זי אָבער קיין מאָל זיך נישט אָפּגעזאָגט פון זיצן און הערן, ווי די קינדער רעדן, אַמפּערן זיך. פאַר איר, דאָס גלייכן פאַר אברהמען, איז געווען דער גרעסטער פאַרגעניגן אַפילו ווען זיי האָבן זיך געריסן ביי די נעז.

אַנומלט האָט שלמה, וואָס דרייט זיך אָפּט אין די קאַנטאָרן, אַהיימגעברענגט אַ שטיקל צייטונג. קוים אָפּגעכאַפּט דאָס ביסל נאַכטעסן, האָט ער

אַנגעהויבן לייענען: „סטאַלינגראַד באַפרייט. מקיים געוואָרן די די לאָזונג: „סטאַלינגראַד זאָל פאַרטיידיקט ווערן ביז צום אַש פון דער לעצטער חורבה".

ווייטער האָט שלמה שוין נישט געלייענט.

— אָט אַ העלדישקייט — האָט מאיר אים איבערגעריסן, קייענדיק דעם לעצטן ביסן — דאָס איז דער גוואַלדיקער לעבנס־ווילן פון רוסישן מענטש.

— און אפשר די אויפריכטיקע שנאה צום מערדער?

— דאָס אויך. יאָ. ביידע. אָבער די בענקשאַפט צו פרייהייט — דאָס איז דער עיקר. דאָס פייער צעשמעלצט דעם דייטשישן שטאָל צוזאַמען מיט זייערע קאַלטע מערדער.

— גיט אָבער אַ קוק, מאיר, וואָס פאַר אַ הענט וואַרעמען זיך ביי דעם פייער?...

— די הענט זענען שטערבלעך. דאָס פייער, די אידעע איז אייביק.

— עך, מאיר! דיינע ווערטער זענען גוט אין אַ ליד: אידעע?... אָפשאַפן די קלאַסן־געזעלשאַפט, עקספּלאָאַטאַציע: אַרבעט לויט דער פעיקייט און לוין לויטן באַדאַרף?.. זעלבסטבאַשטימונגס־רעכט... פרייהייט פון אינדיווידום... נו?

— ווי קומסטו איצט מיט אַזעלכע טענות? — האָט מאיר אויפגעהויבן זיין שטים — ווי קאָן אַ מענטש וואָס רעדט דווקא לאָגיש, נישט גלייבן אין אידעע, גייסט, גערעכטיקייט?

— נישטאָ קיין צוויי מאָסן, ברודער — האָט שלמה גלייך אָפּאָנירט — נישטאָ קיין גערעכטיקייט בלויז אויפן פּראָנט. דער פּראָנט פון גערעכ־טיקייט ווייסט נישט פון קיין גרענעץ און באַגרענעצטקייט. ער איז אין אַלע ווינקעלעך פון לעבן. די גערעכטיקייט איז אין מענטש גופא. אַ גאַנצע זאַך איז דאָס, וואָס לאָזט זיך קיין מאָל נישט טיילן, שפּאַלטן. טאָמער יאָ — ווערט די „גאַנצע זאַך" אַן אָנגעבראָכענע כלי... גיסט אַ קלעפּל מיטן פינגער און דער קלאַנג איז אַ פאַלשער...

מאיר איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. אים איז פאַרגעקומען, ווי עמעץ לייענט אים פאָר אַ באַשולדיקונגס־אַקט. דאָס איינציקע מיט

וועלכן ער פֿאַרענטפֿערט דעם מין טענות, סײַ פֿרעמדע, סײַ זיך אַליין — איז דאָס וואָרט מלחמה. צו דעם דאָזיקן וואָרט פֿלעגט ער אָפֿט אויך צוגעבן „מיר, די קרבנות פֿון דער מלחמה, זענען נישט קיין אָביעקטיווע משפּטער”. דאָס מאָל קאָן ער אָבער אַזוי נישט זאָגן. ער ווייסט, אַז אויך שלמהס רייד זענען פֿון וויטיק און נישט פֿון שנאה.

— דו מוזסט נישט ענטפֿערן, מאיר. דײַן שווײַגן איז פֿאַר מיר גענוג. שווײַג. דאָס שווײַגן איז ערלעך, ווי ערלעך עס איז מײַן רעדן. — הער, ברודער: הער און פֿאַרשרײַב, דו ציסט דאָך מיט דער פֿעדער. — אין דער געוועזענער צײַט, שטח, אַרבעט, סבֿלנות און סובֿלנות. בלוט. יאָ. מאַטעריע און נישט קיין גײַסט וועט זיגן. ווער ס'וועט האָבן מער אַט דאָס דאָזיקע — דער וועט געווינען.

— אויב אַזוי, ביסטו דאָך אַן אַנטימאַרקסיסט.

— דאָס איז שוין פֿון לאַנג פֿאַר מיר נישט קיין באַליידיקונג. מאַרק־סיזם הײַנט, איז אויב נישט אויס מאָס, דאָך אַ סך אָפּצופֿרעגן. נישט איך און נישט דו האָבן דעם מאַרקסיזם געשטעלט אונטער אַ פֿראַגעצייכן — דאָס האָבן געטאָן און טוען פֿיר און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת גראָד די דאָזיקע, וואָס רעדן אין זײַן נאָמען. רעדן אין נאָמען פֿון אים און טוען דאָס פֿאַרקערטע. גײַסט, האָסטו געזאָגט, אידעע, גערעכטיקייט? — יאָ. דאָס איז אויך דאָ. דאָס וועט אויך אַ מאָל מנצח זײַן. לעת־עתּה אָבער איז עס נישט אַזוי. דאָס איז נאָך נישט יענער פֿאַרמעסט, וואָס דו, און איך, דײַן קלאָמפּערשטער „קעגנער” האָבן געזונגען „און דאָס וועט זײַן שוין דער לעצטער”... יענער פֿאַרמעסט איז אומפֿאַרמײַדלעך און וועט קומען. דערווײַל שלאָגט זיך ס'גרעסערע „בייז” מיטן קלענערן ”בייז”. און ווײַל דער אמת ווערט געשענדט, צעטראָטן פֿון גרעסערן בייז, איז די גערעכטיקייט מיטן צווייטן צד. דער צד, וואָס קאָן אַצינד אין די אויגן פֿון די קליינע, גלויביקע, שטויביקע מענטשן אָנגיין פֿאַרן צדיק.

— עס שלאָגט זיך דאָך באמת דער צדיק מיטן רשע — האָט מאיר זיך אָנגעכאַפּט.

— נײן, ברודער. עס שלאָגט זיך דער פּאַשיזם מיטן אַנטיפּאַשיזם. דער אַנטיפּאַשיזם אינערהאַלב איז ווײט נישט געאײניקט און אַפילו קעגנע־ריש געשטימט צו זיך. שוין פאַרגעסן, מאיר, דאָס יאָר נײנצן פערציק? ריבענטראָפּ־מאָלאָטאָוו־אָפּמאַך? — ווער איז דעמאָלט געווען דער רשע און ווער דער צדיק?

מאיר האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער זײן ייִנגערער ברודער, וואָס איז אַרײַן אין דער „ראָלע", האָט אים דאָס מאָל נישט געלאָזט קומען צום וואָרט. ער האָט אַ צי געטאָן מיטן דאַרן האַלדז, פאַרזשמורעט די קלײנע, אָבער ענערגישע אײגעלעך און געזאָגט:

— גוט וואָס אין קאַמף קעגן געמײנזאַמען שונא זענען די פּאָליטישע רײבונגען און סיסטעם־קעגנזאַצן באַזײטיקט געוואָרן. ס'איז אַ גליק פאַר דער מענטשהײט און אַ מזל פאַר אונדז ייִדן, אַנישט וואָלטן מיר שוין נישט געזעסן און דיסקוטירט.

— ס'איז נישט קײן ענין פון מזל — האָט מאיר אָנגעהויבן שטיל מיט אַ טאָן פון צוריק באַקומענער זיכערקײט — דאָס איז אין זכות פון די אײנצלנע, אָבער נישט פאַראײנזאַמטע ליכט־שטראָמען, וואָס שלאָגן אַרויס פון די מענטשלעכע טיפענישן אין אַלע וועלט־ווינקלען און פון בײדע לאַגערן. אַט דער פאַראײניקטער כוח. דער כוח פון לעבן, דער כוח פון יענעם אמת וואָס מיר בײדע מײנען — וועט אומברענגען די פינצטערע פּלאָג.

— נו, אַבי מ'איז שוין אַרויס אויף אַ וועג — האָט זיך יידל אַרײַנגעמישט.

— קודם זאָל זײן שלום דאָ, אין דער קלײנער קיביטקע, שלום צווישן ברידער — האָט אפרימקע אונטערגעהאַלטן. און שרה האָט, אויף איר שטײגער, געשלאָסן דעם וויכוח:

— אוי, קינדערלעך, קינדערלעך! וואָס קריגט איר זיך איבער אַ פרעמדער ירושה?... ווען נאָך דאַרפט איר, אַז מיר האָבן אַזאַ גרויסן גאָט...

ביים וואָרט „גאָט", האָט אפרימקע זיך אַ טאָפּ געטאָן די קעפּקע אויפן קאָפּ און געזאָגט:

— די וואָס גלייבן נישט אין גאָט, וועלן קיין מאָל צו קיין טאָלק נישט קומען.

אברהם, וואָס האָט די גאַנצע צייט געשוויגן, האָט דער ערשטער זיך אויפגעשטעלט, אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי איינער רעדט:

„פּוסטע רייד. ס'איז ווערט אַן אויסגעבלאָזן איי". און ביי דעם איז עס געבליבן.

שלמה איז ווידער געזעסן איבערן שטיקל צייטונג. יידל האָט געשוויגן. אפרים האָט דערמאָנט דעם טאַטן וועגן מעריב־דאַווענען, געפּרעגט צי איז נישטאָ אין שטוב אַ שטיקל סידורל.

מאיר האָט זיך אויפגעהויבן, צוגעגאַנגען צום אָפענעם פענצטערל און אַרויסגעקוקט. אייגנטלעך, האָט ער די דיסקוסיע נישט איבערגעריסן. ער פירט זי ווייטער, נאָר מיט זיך אַליין. — פון וואַנען נעמט זיך צו זיין יינגערן ברודער אַזוי פיל פּאָליטישע רייפקייט, האָט ער צו זיך גערעדט. ער האָט נישט, ווי אַנדערע אומוויסנדיקע אָדער דעמאַגאָגן, דערמאָנט קיין פּערזענלעכע עוולות, וואָס האָבן אים אַוודאי נישט געמיטן, נישט גערעדט פון שלעכט עסן, אָרעמקייט, קלעפּ און באַליידיקונגען. גראָד באַרירט פּראָבלעמען, וואָס ער, מאיר, האָט זיי גרינגטלעך געלערנט און מיט זיי געלעבט. „שלמהלע האָט אַן אָפן קעפּל — האָט די מאַמע נישט איין מאָל געזאָגט — ער וואַקסט אַ סוחר". שוין איין מאָל אַ סוחר... אַלס קינד פון אַ יאָר פינף־זעקס, פלעגט ער בעתן טיילן די זרוע־פליש זיך דינגען. מען גיט אים צום ווייניקסטן — האָט ער געשריגן. וועלנדיק אויסמיידן דאָס דינגעניש, פלעגט איטלעכער אָפּדלוביען אַ שטיקל פון זיין פּאָרציע און צוּוואַרפן אים. נאָך דעם, אַז ר'האָט שוין געהאַט מער פון אַ צווייטן, פלעגט ער אויף אַן אמת נעמען „קרייען" — ווער וויל קויפן?! דורכגעקומען מיטן פּרייז פלעגט ער אַפילו נישט טועם זיין און אָפּגעבן דאָס טעלערל פליש דעם אויפקויפער. די באַקומענע פּאָר גראָשן פלעגט ער געבן אים, מאירן, צו האַלטן. מאיר געדענקט נישט ער זאָל אים אַמאָל

האָבן צוריקגעגעבן דאָס געלט. ער געדענקט אָבער יאָ, אַז בעת שלמהלע האָט ביי אים געמאָנט, פלעגט ער האַלב אין געלעכטער, האַלב אין ערנסט ענטפערן: „אין פערציק טעג אַרום". אַזאַ ווערטל איז דעמאָלט אומגע־גאַנגען אין די לינקע קרייזן מכוח „ביאת המשיח אויפן רויטן פערדל". אין פערציק טעג אַרום קומט די רעוואָלוציע, אַלע חובות וועט ער דעמאָלט צאָלן... צי וועט ער אים אַצינד באַצאָלן, צי אויך בלייבן אַ בעל־חוב ?...

נידעריק איבערן פענצטערל האָט פאַרבייגעפליגלט אַ פלעדערמויז. מאיר האָט אַרויסגעבויגן דעם קאָפּ. שנעל און שאַרף האָט זי ווידער אַ שורע געטאָן, שניידנדיק אַ קרומען האַלב־קרייז אין פראָסטיקן טונקל פון דער נאַכט. יעדער פאַרבייפלי האָט געלאָזט נאָך זיך אַ פלאַטערנדיקן שאָטן, וואָס האָט צעוואָרפן מאירס געדאַנקען. ער האָט זיך אַ וויש געטאָן דאָס פּנים, ווי איינער וויל אַראָפּנעמען צוגעקלעפּטן שפּינוועבס.

„איך בין געגליכן צו אָט דער פלעדערמויז" — האָט אַן אינערלעכע שטים פון אים זיך אַרויסגעריסן: אויפגעבליצט אין זיין מוח מיט דער ספּאָנטאַנישקייט פון אַן ערשטער שורה אין אַ ליד. ערגעץ האָט ער געליינט אַ משל (ער געדענקט נישט ווו און וועמענס), ווו עס דערציילט זיך אומגעפער אַזוי:

די פלעדערמויז האָט נישט געקאָנט באַשליסן צו וועלכער משפּחה פייגל זי געהערט: גייענדיקע, צי פליענדיקע. איין מאָל, בעת אַ געשלעג צווישן פייגל און היגער, זעענדיק אַז די איבערמאַכט איז ביי די ערשטע, הייבט זי זיך אויף אין דער לופטן און שרייט: „דערלאַנגט זיי, די קריכערס!". אַ צווייט מאָל, ווען ס׳געשעט פאַרקערט: „די קריכערס" גיבן קלעפּ און דער נצחון איז אויף זייער זייט, לאָזט זיך די פלעדערמויז אַראָפּ און שרייט: „שלאָג זיי, די פייגל!". דער סוף פון דעם משל:ביידע מחנות זענען מיד געוואָרן פון מלחמה־פירן און געמאַכט שלום און די פלעדערמויז איז געשטעלט געוואָרן פאַר אַ משפּט. דער פּסק־דין: די פלעדערמויז איז נישט קיין פויגל און נישט קיין עוף... פון דעמאָלט אָן האָט זי מורא זיך צו ווייזן אויף דער ליכטיקער שיין. — בין השמשות, ווען סיי די

ערשטע, סיי די צווייטע שלאָפֿן, כאַפּט זי זיך אַרויס. נישט זי גייט אויף דער ערד ווי אַ הון און נישט זי קען זיך אויפהייבן ווי אַ פויגל...

ווען מאיר איז אַוועק פון פענצטער איז שוין געווען געגרייט דאָס נאַכטעסן. אַ שיטערע גרויפּן-זופּ האָט אַרויסגעפּאַרעט פון די טעלער. אין אַ גרויסער שיסל זענען געלעגן די אויסגעקאָכטע שאַפּענע ביינער, אַ האַלב צעעפנט ברייטל נעבן אַ סלאַיק פּאָווידלע. אַט דאָס טונקל-ברוינע שמירעכץ האָט אויך גענוצט אַנשטאָט צוקער, וואָס איז נאָך אַלץ געווען אַ יקר המציאות אַפילו ביים קוכער פון דער קינדערהיים. ברויט מיט פּאָווידלע, מיט הייסע, שטאַרקע טיי, אויף היגן שטייגער — האָט געזעטיקט.

*

ביסלעכווייז איז מען אַריבער פון דיסקוסיעס צו שטילע, פרידלעכע שמועסן. די קורצע ווינטער-טעג און לאַנגע נעכט זענען אַדורך אין דערי־נערונגען, אין דערציילן מעשות אויף מעשות פון אייגענע איבערלעבונגען. יעדער איינער דערציילט פון זיין מגילה. דער באַריידעוודיקסטער פון אַלע איז אַצינד געוואָרן דער שטילער אפרימקע.

— אַריינגעפאַלן אין אַן אוזבעקישן קאַלכאָז אין פערגאַנאַ, „דער ברויט-שפּייכלער" פון גאַנץ מיטלאַזיע. און מיט אַ מאָל איז דער „שפּייכ־לער" ליידיק געוואָרן. ווינטער ניינצן איין און פערציק איז דאָס געווען.

— וואָס הייסט אַריינגעפאַלן? — שלאָגט אים איבער יידל — פאַרוואָס הייבסטו אָן פון מיטן? ווי אַזוי האָט מען זיך אַהין דערשלאָגן?

— רעדסט דאָך נאַרישקייטן, ברודערקע — האָט אפרימקע שטיל געענטפערט — פון וואָס מען זאָל נישט אָנהייבן איז עס „דער מיטן"...

— איך מיין דעם אָנהייב פון דער מעשה, וואָס דו ווילסט דערציילן.

— אפשר ביסטו גערעכט. הקיצור: מען פאָרט — פון הינטער סמאָ־לענסק דורך טשקאַלאָוו, קויבישעוו אויף טורקעסטאַן. אין מיטן וועג, אויף אַ קליין סטאַנציעלע, פאַרגלוסט זיך אָט דעם העלד (ער ווייזט אויף יידלען) אַראָפּגיין. ער זעט, זאָגט ער, אַרום וואָקזאַל-בופעט אַ קליינע אַטשערעד. מען גיט אַוודאי עפּעס. אַ גערוך פון זיס געבעקס אָדער קאָנפעטן פאַרגייט

אים אין נאָז, זאָגט ער, און שוין איז ער אינעווייניק. איך נאָך אים און מען שטעלט זיך אין אַטשערעד. אונטערגעשטאַנען אַ מינוט, צוויי, ווי דער שטייגער, קוקט מען זיך ערשט אַרום און מען פרעגט — טשטאָ דאַיוט? וואָס גיט מען?

דרויסנדיק פון וואָקזאַל איז אַ געלויף. געשרייען, אַ געקלימפּער פון קליינע, בלעכענע קעסעלעך. מען שטופּט זיך אַרום אַ קראַן. עס זעצט פון דאָרט אַ פּאַרע, וואָס צעגייט זיך גיך אין דער פּראָסטיקער לופטיקייט. „אַוודאי קיפּיאַטאָק״ — האָב איך געטראַכט. ווינטער, פינף מעת־לעת אין טאָוואַרנע, נישט־באַהייצטע וואַגאָנעס, פון ווייטע, קאַלטע שטעט — צו ווייטע אומבאַקאַנטע געגנטן — זענען קיכעלעך מיט קיפּיאַטאָק אַ גאַנץ גוט מאכל. איך חשבון גלייך אויס אויף וויפל טעג און וויפל קילאָמעטער די פּאַרציעס וועלן סטייען. די אויגן זענען צוגעזאָטן צו די „געבעקסן״, וואָס די פּאַרקויפּערקע האַלט אין איין וואַרפן אויף די וואָגשאָל־טעלער און פונעם טעלער אין היטלען, פּאַפּאַכעס, פּאַדאַלעס און פּאָלע. די אַטשערעד רוקט זיך פאָרויס. ס'וועדט שיטערער אַרום אונדז. איך בין פּאַרטאָן אין ציילן די מענטשן פון פּאָר מיר. — פּלוצעם דערהער איך אַ פּייף. כ'כאַפּ אַ בליק דורכן פענצטער. אומקלאָר, ווי אין אַ חלום, זע איך ווי די באַן נעמט רירן. איך הער דאָס שווערע און אַלץ האַסטיקערע סאָפּען פון לאָקאָ־מאָטיוו, דאָס צעקאָלערטע גערויש פון רעדער איבער רעלסן, די באַן פּאָרט און איך קוק אויף די פלינקע הענט פון דער פּאַרקויפּערקע וואָס קערט איבער דאָס שעלעכל קיכעלעך אין מיין היטל אַריין און קאָן נישט באַשליסן וואָס צו טאָן.

בעת מיר זענען געלאָפן אין איין אָטעם פון וואָקזאַל אַרויס מיט פולע היטלען און גאָלע קעפּ, האָבן שוין די לעצטע וואַגאָנעס פּאַרבייגעגליטשט זיך פּאַרביי אונדזערע אויגן. אונדזער אומבאַהאָלפן שרייען און מאַכן מיט די הענט האָט, דאַכט זיך, נאָך גיכער די באַן פּאַריאָגט... ווי אויף צו להכעיס האָט זי נאָך שטאַרקער און רוישיקער גענומען פייפן: דאָס געפּייף האָט ווייטיקלעך געריסן אין די אויערן און אין האַרץ איז געוואָרן ליידיק, פּוסט ווי דער טאָר נאָך דער אָפּפאָרנדיקער באַן. לאַנג אָבער שטיין און

גאַפּען טאָר מען נישט. ס׳טונקלט אין דרויסן. די געגנט איז אומבאַקאַנט. אומבאַקאַנט, ווי די נאַכט, איז דער מאָרגן און איבערמאָרגן צו וועלכן מיר יאָגן זיך. איין גאָט ווייסט דעם אמת, צו וואָס און וווהין מען איילט. איז וואָס פאַר אַ נפקא מינה, ערגעץ דערפאָרן מוז מען דאָך. האָבן מיר באַשלאָסן צוּוואַרטן אויף דער ערשטער באַן, וואָס וועט אָנקומען, אַלץ איינס וווהין זי זאָל נישט פירן — אַרויפכאַפּן זיך. כך הווה.

אין קאָלכאָז, ווי דער שטייגער, האָט מען געשריבן די „טרודאָ דני״, אַרבעטס־טעג, און געגעבן אָוואַנסן — פיר און פינף הונדערט גראַם ווייץ אַן אַרבעטער. צו מאַכן פון ווייץ אַ מאכל, האָט מען באַדאַרפט אַ קיך, האָלץ, טעפּלעך. וואָלטן מיר כאָטש געהאַט אַ פּאַטעלניע אויסצובראָטן דעם ווייץ.

אַ קליינע, פאַרוואָרלאָזטע קיביטקע איז געווען אונדזער היים. אויף דער צווייטער וואָך ווערן מיר ביידע קראַנק. אַ שכנטע, אַן אָרעמע קאַזאַכקע מיט צוויי יינגלעך פון אַ יאָר אַכט, צען, האָט אָנגעהויבן עפּעס אַריינשיקן. איטלעכס מאָל איז איינער פון זיי געקומען געוויר ווערן „וואָס מען מאַכט״.

— ווו איז די מאַמע — פרעג איך.

— אין דרויסן.

— פאַרוואָס קומט זי נישט אַריין?

— כ׳ווייס נישט.

„קרעמפּירט זיך אָוודאי, האָט מורא אַריינצוגיין — האָב איך געטראַכט. וואָרום ס׳רוב פון זיי טראָגן נאָך שלייערן אויף די פּנימער און דרייען אָפּ די קעפּ בעת אַ פרעמדער מאַן קוקט אויף זיי.

— זאָג דער מאַמען זי זאָל באַשטעלן פאַר אונדז אַ דאָקטאָר — האָב איך געבעטן דעם קליינעם, האַלב אין אוזבעקיש, האַלב אין רוסיש. ער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף „יאָ״.

דער דאָקטאָר האָט אונדז אונטערזוכט, אָבער קיין רפואה נישט פאַר־שריבן.

„אָפּגעשוואַכט זענט איר און נישט קראַנק״ — מאַכט ער. — „די

איינציקע רעצעפּט פאַר איך איז בעסערע דערנערונג". גלייך נאָכן דאָקטאָרס אַוועקגיין האָט זיך געיאָוועט דער קליינער מיט דער „רפואה" — אַ פּאַטשיילע מיט סקאָרינקעס. די שוואַרצע שטיקלעך ברויט האָבן מיר געווייקט אין וואַסער. צוגעהאַלטן עטלעכע מינוט אין וואַסער, אַרויסגענומען, אָפּגעגריזשעט די ערשטע ווייכקייט און צוריק אַריינגעוואָרפן. נאָכן צווייטן, דריטן מאָל טונקען, זענען די שטיקלעך ברויט — צעלעכערטע, אַדורכגענומענע פון וואַסער — גרינגער געוועזן בייצוקומען. מען האָט זיי געקאָנט איינבייסן.

— נו, געגוג מיט די מעשׂות. זיי זענען פאַר קיינעם נישט קיין נייעס — האָט ווידער יידל איבערגעריסן.

— אַ מענטש איז נישט קיין חזיר... ער עסט אַלץ אויף — האָט יאָסל זיך געוויצלט.

— ער בלייבט אָבער פאָרט מענטש — מישט זיך אַריין שרה.

— גוט געזאָגט, מאַמע, הונדערט יאָר זאָלסטו לעבן — פּאַטאַקעוועט אפרימקע און הערט נישט אויף דערציילן.

— אַקעגן דעם וואָס איר זאָגט „מענטש". יולי ניינצן איין און פערציק, אַנטלויפנדיק פון קאָוועל, האָב איך איבערגעלעבט אַ זאַך, וואָס איך וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן. איך כאַפּ זיך אַרויף אויף אַן עשאַלאָן מיט עוואַקואירטע. ביי יעדן פליי־אָנפאַל פאַרפּאַמעלעכט זיך דאָס לויפן פון צוג, טייל מאָל שטעלט ער זיך אָפּ, כדי מען זאָל קאָנען אַרויסשפּרינגען פון די וואַגאָנעס. אַראָפּגעשפּרונגען, לויפט מען אין אַ נאָענטן וועלדל, אין די טאָלן לענגאויס דעם באַן־וועג, אָדער אויפן פרייען פעלד. אַוועקגעפלויגן — נעמט דער עשעלאָן פּאַמעלעך רירן און אין געציילטע רגעס, כאַפּט מען זיך צוריק אַרויף. מיט יעדן מאָל ווערן ווייניקער אַרויף־ און אַראָפּ־שפּרינגער, ווייניקער פּעק, טשעמאָדאַנעס. געוועזן אויך אַזעלכע, וואָס זענען מיד געוואָרן פון לויפן און זיך מער נישט געוואָלט רירן פון די וואַגאָנעס. זאָל זיין וואָס עס וויל — האָט מען אין פאַרצווייפלונג געטראַכט. איך בין אויך געבליבן אינעווייניק. לעבן מיר איז געזעסן אַ ייד און שטיל פאַר זיך געמורמלט. די וואַגאָנעס טרייסלען זיך, שפּרינגען אונטער פון די אויפרייסן

און דער ייד האַלט איין אײן מורמלען. זעענדיק ווי איך ציטער פון שרעק, זאָגט ער צו מיר:

— יונגערמאַן, ס׳איז אַ באַשערטע זאַך. יעדע קויל האָט איר אַדרעס...

— און יעדער טויט האָט זיין אויסרייד — ברומט אַרויס אברהם.

— אמת, טאַטע, אָבער נישט דאָס האָב איך געמיינט, לאָזט דערציילן.

— דעמאָלט איז עס געשען. בעתן שפּרינגען, האָט איינע אַ יונגע פרוי מיט אַ זייגקינד ביי דער ברוסט געוואָרפן דאָס פּיצל עמעצן אין די הענט אַריין. עטלעכע מינוט שפּעטער, ווי נאָר זי איז צוריק אַרויף — האָט זי נישט געזען דעם עמעצן און נישט דאָס קינד. די אומגליקלעכע האָט זיך גענומען רייסן די האָר פון קאָפּ, פאַרגאַנגען אין ספּאַזמעס און געוואָלט וואַרפן זיך פון וואַגאָן. ווער האָט אין יענער בהלה צייט געהאַט זיך אומצוקוקן. איך געדענק נאָך איר פּלוצעמדיק שטיל ווערן. — שטיל און שטום ווי זי וואָלט מיט אַ מאָל דאָס לשון פאַרלוירן. מיט גרויסע, צעשראָקענע אויגן, איז זי זיצן געבליבן. פון מאָל צו מאָל איר פּנים אַ קרום געטאָן: אַוודאי פון דער מילך, וואָס האָט געשטאָכן אין די ברוסטן. אַרום איר נאָז און בלאָסלעכע ליפּן האָט זיך געמערקט אַ בלאָסקייט, וואָס האָט אויגנבליקלעך זיך אויסגעשפּרייט אויפן גאַנצן פּנים. זי איז געזעסן, ווי פאַרשטיינערט, די הענט פאַרלייגט אויף די ברוסטן, וואָס האָבן גענעצט דורכן קלייד אין גרויסע, רונדע פלעקן.

די פרויען אין וואַגאָן האָבן זיך איבערגעקוקט. איינע האָט איר עפּעס געזאָגט אויפן אויער. נאָך דעם האָט זיך די אומגליקלעכע מאַמע אָפּגעקערט אין אַ ווינקל, און מיט צוויי פינגער גענומען אָפּציען פון ברוסטוואַרצל די מילך. נאָך אַ פרוי מיט אַ זייגקינד איז געווען אין וואַגאָן. דאָס עופעלע האָט געוויינט, די גאַנצע צייט זיך געריסן מיט אַ דין צעפּישטשעט שוואַלבן קולכל. פון שרעק איז מסתמא דער מאַמען די מילך אַנטרינען געוואָרן. זי האָט געטוליעט דאָס קינד צו די ליידיקע ברוסטן און נישט געקאָנט עס איינבעמען. אירע אויגן זענען געווענדט געווען צו דער צווייטער פרוי — צו די דינע, וואַרעמע מילך־שנירעלעך וואָס האָבן געשטראָמט פון רויטן וואַרצל, ווי אַ זאַפּטיקע גרויסע מאַלינע... דער קלעפּיק פרישער

האָניק־ריח וואָס האָט איינער געשטאָכן, איז דער צווייטער פאַרגאַנגען אונטערן האַרץ. — פון ביידנס אויגן זענען גערונען טרערן. צוויי מאַמעס האָבן געוויינט. דאָס שטילע געוויין פון די צוויי אומגליקלעכע מאַמעס האָט פאַרטויבט דאָס סווישטשעריי פון די קוילן און דאָס דונערן פון פאַלנדיקע באָמבעס. אַלע אין וואַגאָן האָבן ווי פאַרגעסן אין זיך, פאַרגעסן וועגן טויט־געפאַר וואָס לויערט פון אַלע זייטן. וואָס מיינט איר איז געשען? די מאַמע פון פאַרלוירענעם קינד האָט גענומען דאָס לעבעדיקע עופעלע פון דער צווייטערס הענט און געגעבן עס צו זייגן.

— מענטש בלייבט מענטש, האַ, מאַמע?

— נו, שיין, גוט. אפשר מאַכן נאַכט, קינדער? ס׳איז שפּעט.

— נישט שפּעט, שרה, פרי... צו פרי — האָט אברהם דערווידערט.

— דו וואַרפסט אַלע מאָל אַריין ווערטער, ווי שטיינער אין וואַסער: וואָס מיינסטו דערמיט, אברהם?

— כ׳מיין, ס׳איז צו פרי צו אַזעלכע מעשות: נאָך „דאַלעקאָ צו מה נשתנה"...

— טאַטע, ס׳איז דער אָנהייב פון סוף. עס גייט צום בעסערן. כ׳מוז אייך דערציילן נאָך אַ פאַקט, וואָס האָט מיט מיר און ידלען געטראָפן און, אדרבא, כל זמן אַזעלכע זאַכן טרעפן, איז כדאי, כדאי... הערט אַ מעשה מיט אַ האַלב ברויט. צוריקפאָרנדיק פון פערגאַנאַ בלייבן מיר שטעקן אויף אַ וואָקזאַל. דורך די גרויסע שויפענצטער פון רעסטאָראַן זעט מען וואָיענגע, ס׳רוב העכערע אָפיצירן, זיצן אַרום טישלעך. מען עסט און מען וואַרט אויף די דערלאַנגערינס, וואָס דרייען זיך אַרום די טישלעך מיט שטויסן טעלער, טעלערלעך, ליידיקע און פולע. אָנגעשניטענע, ווייסע פענעצן ברויט. רויטלעכע געפּאַרעטע וווּרשטלעך, יאַזשינעס פון געפּרייע־טער קאַשע, רייז, מייערן און קרויט, פלעשער וואָדקאַ. מען רייכערט, מען ווערטלט זיך איבער מיט די צעשמייכלטע דערלאַנגערינס, וואָס הייבן די טאַצן מאכלים איבער די קעפּ, פּאַכען מיט די האַנטעכלעך, רירעוודיק און פלינק פאַרביישוועבנדיק אין די ווייסע פאַרטעכער.

— יידל, לאָמיר גיין, — זאָג איך אים, — וואָס זשע וועסטו האָבן פון

קוקן? — „כ'בין הונגעריק, כ'מוז אַריין אינעווייניק" — ענטפערט ער מיר און ער לויפט צו צו דער טיר, רעכטס פון פענצטער. זי איז צוגעשלאָסן. „עפנט!" — בעט ער זיך.

„פאַר ציווילע פאַרבאָטן" — ענטפערט מען פון אינעווייניק.

ער לויפט צוריק צום פענצטער און שטעלט זיך מיטן פּנים צום שויב.

„יידל" — רייס איך אים ביי דער פאָלע — „הער אויף, באַהערש זיך, מענטשן קוקן". ער רירט זיך נישט פון אָרט. ער זעט מיך נישט. ער זעט נישט די פאַרבייגייער, וואָס בלייבן שטיין און „באַטאַפּן" אונדז מיט נייגעריקע רחמנות־בליקן. איך באַמערק, ווי איינע, מיט אַ קיישל, אין האַנט, האָט די גאַנצע צייט נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פון אונדז. קוקט און בייגט אָפּ דעם קאָפּ אין אַ זייט, נעמט אַרויס אַ טיכעלע און ווישט זיך די אויגן... עס איז מיר אַזוי פאַרגאַנגען אונטערן האַרץ, אַז כ'האָב אים אַ האַסטיקן צי געטאָן ביים אַרבל: „קום, מ'מיינט דאָך ביסט אַ חסר דעה!".

און יידל רירט זיך נישט פון אָרט. ער שטייט אָן איינגעהאָרבטער, אָנגעלענט אין דער שויב. אָט, אָט, דאַכט זיך מיר, פּלאַצט זי און ער פאַלט אַריין אינעווייניק.

„יידל, באַלד קומט אָן אַ באַן. מען דאַרף פאָרן וויטער, קיין טורקעסטאַן", בעט איך זיך ביי אים, „מען וועט דאָרט זיכער טרעפן אייגענע. קום, קום אַוועק פון דאַנען!". ווי אָן אונטערגעשאָסענער לאָזט ער זיך אַראָפּ און בלייבט ליגן.

— „איך גיי נישט אַוועק פון דאַנען" — ענטפערט ער און קוקט אויף מיר מיט אויסגעגלאָצטע וואַנזיניקע אויגן.

פּלוצעם דערפיל איך אַ טאָרע אין רוקן. איך דריי זיך אויס: די אוּמבאַקאַנטע שטייט לעבן מיר און בעט זיך: „נעם, נעם, אַצינד באַקומען אין אַטשערעד. איך האָב אין שטוב נאָך. איר זענט דאָך הונגעריק".

זי האָט מיר אַריינגעלייגט אין האַנט אַ פּעקעלע, פאַרוויקלט אין אַ טיכל, און איידער איך האָב באַוויזן אַ קוק טאָן דערויף, איז זי נעלם געוואָרן.

כ'האָב אָפּגעדעקט אַ ברעג און געזען — אַ האַלב ברויט.

— נו, אפשר נישט אַ גוטער מלאך פון הימל? — האָט אפרימקע

פאַרענדיקט מיט אַ פרומער פראַגע, פאַפּראַוועגדיק זיך דאָס קאַפּל אויפן קאָפּ.

— אפשר אַ גוטער מענטש? — האָט מאיר אַ פרווו געטאָן.

— ניין, אַ מלאך אויף דער ערד.

— נישטאָ קיין מלאכים אויף דער ערד. גיכער זענען עס דערהויבענע, גוטע מענטשן. און כל זמן אַזעלכע זענען דאָ, מעג דער אמת זיין געפעלשט און מעג מען אים צו בלאָטע מאַכן — הערט ער נישט אויף צו זיין אמת.

קיינער האָט נישט אָפּגעענטפערט. שלמה, דער הויפּט־אָפּאָנענט, האָט געגענעצט. שלעפעריקע, מידע האָבן זיך אַלע געדרייט אויף די בענקלעך. מ׳האָט געמאַכט נאַכט.

*

סוף אַפּריל. שיינע טעג האָבן זיך געשטעלט. העל־גרין דער הימל. ווייסע וואָלקנדלעך, ווי אָנגעהויפטע בערגלעך שניי; בערגלעך אויף בערגלעך. ערטערווייז ווערן די וואָלקנדלעך שיטערער, לייזער. ווי פון גאַזע־באַנדאַזשן קוקט אַרויס דער קאָפּ פון דער פרילינג־זון, וואָס האָט שוין געלויכטן מיט קלאָרער, לויטערער קראַפט, אָבער נאָך נישט געוואָרעמט. קילע ווינטלעך בלאָזן און צעטראָגן דערפרישנדיקע ריחות. אָפן פאַר אַלעמענס אויגן קומט פאָר דער אייביקער, ווונדערלעכער אומבייט פון צייטן: ווינטער — פרילינג. דער ברייטער הויפּט־וועג, וואָס ציט זיך לענגאויס דער שטאָט, צעטיילנדיק זי אויף צוויי, — איז טרוקן, ריין. די רעגנס האָבן אָפּגעשווענקט די שטויביקייט, געמאַכט דעם ליים־באָדן נישט צו האַרט און נישט צו ווייך. ר׳איז איינגעטראָטן, דער באָדן, געקריגן דעם קאָליר פון אַ גוט אויסגעוואָשענער פאַדלאָגע. פון די פלאַכע בערג און הויכקייטן, גייט אויף אין די פרימאָרגנס אַ ווייסער נעפּל. ער דאַמפּט אויס און צעגייט זיך פאַמעלעך, ווי טוי אויף אַ שויב. דורכזיכטיק און ריין איז די לופט. נאַקעט, גריך, מאַכיק ווערן די היגלען און שפּיץ בערג, ווי אויס־געצוואָגענע הויקער־רוקנס פון רוענדיקע קעמלען. צופוסנס זיי ווייזן זיך סימנים פון יונגן שפּראָץ — דערפרישנדיקע פאַשע פאַר שאָף. פאַוואָליע,

פּאָוואָליע גייט אויף די זון. שעהן ציט זיך דאָ דער פרימאָרגן. זי איז פויל און פלעגמאַטיש, די זון, ווי דער מזרח־מענטש, ווי דער קעמל־קאַראַוואַן — דערפאַר אָבער פול מיט גבורה און געדולדיקייט. מיט אַזאַ רויקייט אָטעמען דאָ די לענגן און ברייטן פון דעם ריזיקן מיטלאַזיע. אַלע ביימער, דערנער, ווילד־גראָזן, אויסגעמאַטערטע פון חמימות — זייגן אַצינד אויס די לעצטע זאַפטן פון דער ערד, טרינקען זיך אָן און שעפּן חיות אויף די לאַנגע זומער־חדשים.

אויך דער מענטש אָטעמט איין זיך אַריין דעם אַראָמאַט פון די נייע, יונגע טעג. נייע, יונגע ווינטלעך — גוטע גרוסן, גוטע פראַגט־נייעס. מען יאָגט דעם דייטש. פאַרפרוירענע, פאַרלוירענע אין גרויסן, גראָען לאַנד, פאַרלאָזן זיי שטעט, באַפעלקערטע פונקטן. שווער צו געדענקען אַלע נעמען פון די געגנטן, אָבער קלאָר איז פאַר אַלעמען: דער שונא איז שוין אויסער די גרענעצן פון לאַנד. די רויטע אַרמיי גייט פאָרויס. „יאָגן און דערשלאָגן דעם וואָלף אין זיין אייגענער נאָרע" — די לאָזונג ווערט מקוים. אָט די פרילינג־בשורות וואָס קומען פון דאָרט שטעקן דאָ אָן יעדן מיט צוטרוי, מיט באַנייטן לעבנס־ווילן, מיט כוח. גוטע גרוסן. עס יוירט די האָפענונג. און אין דער האָפענונג — אַן אומקלאָר געפיל פון אַלט־נייע שרעקן... ווי אין אַ שלעכטן חלום, האָט מען אַצינד געוואָלט פאַרגעסן אין אַלע בייזע נביאות פון היטלערס נצחון, אין אַלע מחשבות וואָס האָבן מיט זיסער סמיקייט זיך געגאָסן אין די אברים, פאַרשיכורט און פאַרפירט... אַ בייזער חלום, רכילות און לייכטזיניקע צינגער... היטלער? — פוי, שושקאַ, אַ מענטשנפרעסער, אַ גאַטלאָזער, אַ זון פון אַ חזיר מיט אַ צויג... זיי וויצלען זיך, ווילן פאַרטרייבן דעם פחד מיט הויכע רייד, מיט קללות אויף היטלערן און זיינע חיילות — דעם נעכטיקן אויסלייזער.

אויך די אינוואַלידן זענען אַצינד רויקער, געזעצטער. רודערן מער נישט אויפן וואָקזאַל, אין די טשייכאַנאַס, סטאָלאָוועס און באַרן; הייבן נישט מער די פויסטן און קוליעס ביי יעדער געלעגנהייט. כעסיקע און בייסיקע, שפּייען זיי נישט מער, צוזאַמען מיטן גרינעם טאַבאַק־קלייסטער, קללות און זידלווערטער, צישענדיק ווי פאַרוווּנדעטע שלאַנגען. אַפילו דעם

קאָנטוזשעטן סאַכימען, דעם בערדיקן טאָטער, איז נישט צו דערקענען: אַן אַנדערער מענטש געוואָרן.

שיכור, נישט־שיכור, האָט ער זיך תמיד אַרומגעדרייט אויפן באַזאַר, געקלאַפּט מיטן שטעקן אין די ליים־טעפּ מיטן זויערן מילך, געשלעפּט עסנוואַרג פון די שטעלן, געשלאָגן, טעראָריזירט די שוצלאָזע הענדלער. נישט איין מאָל אַרויסגעפּרעסט געלט אויף בראָנפן, נאָך דעם, אַן אָנגעטרונקענער אַרויף אויפן באַזאַר און אַלעמען פאַריאָגט. די פּאָליציי און ציווילע געהילפן האָבן דאָן, משמעות, נישט קיין שטאַרקן חשק געהאַט אים שטערן אין זיינע מעשים אָדער באַשטראָפן.

די הפקרות האָט געבליט. מען האָט געפילט, בפירוש געזען, אַז אַ ליאַדע טאָג וועט דער דין־דינער פאַדעם, וואָס פאַרבינדט די היגע פעלקער מיטן צענטראַל־לאַנד — איבערגעריסן ווערן. מיטלאַזיע ווערט צוריקגעשטויסן צו די צייטן פון דזשינגיס־כאַן. אָט, אָט, און די קאַזאַכן וועלן צוריק ווערן נאָמאַדן, ענלעך צו זייערע אורפאָטערס פון דער טאַמער־ליין־דינאַסטיע, ווו די נישט ווייטע סאַמאַרקאַנד איז געווען די הויפּטשטאָט פון טימורס אימפּעריע.

ערשט מיט אַ האַלב יאָר צוריק האָט דער קאָנטוזשעטער סאַכים צעיאָגט אַ טאָלטשאָק מיט מענטשן. אין איין האַנט דעם שטעקן, אין דער צווייטער — אַ מעסער, איז ער געלאָפן גרייט דורס זיין יעדן איינעם, וואָס וועט אים שטיין אין וועג. — אַרויס, אַרויס פון דאַנען — האָט ער געריטשעט ווי אַ פאַרווונדעטע חיה.

אין געציילטע מינוטן איז דער פּלאַץ ליידיק געוואָרן, אויסגעקערט פון מענטשן. אַ מערכה, וואָלאָדיאַ האָט זיך אונטערגערוקט. אַן אויסגעגלייכטער, מיט פּאַמעלעכע, אָבער זיכערע טריט, איז ער אים אַנטקעגנגעגאַנגען. האַרט פאַר סאַכימס אויסגעשטעקטן מעסער איז וואָלאָדיאַ שטיינגעבליבן. ער האָט אַ ריס געטאָן פון זיך די רובאַשקע, וואָלאָדיאַ, אַנטבלויזט זיין האַריקע ברוסט און מיט אַ ווייך, כמעט שמייכלענדיק קול אַ זאָג געטאָן:

— אַנו, שטעך אַריין דיין מעסער.

מיטווילדן נייגער, מיט רחמנות און גוואַלדיקער באַוווּנדערונג, האָבן אַלע פון דער ווייטנס זיך צוגעקוקט. „עפּעס שרעקלעכס, מוראַדיקס וועט באַלד פאָרקומען" — האָט יעדער זיך געטראַכט, אָפּדרייענדיק די קעפּ פון אָרט, ווו די צוויי זענען געשטאַנען איינער אַקעגן דעם אַנדערן. אָבער אַנשטאָט דאָס דערוואַרטע, שרעקלעך־מוראַדיקע, איז געשען עפּעס אַנדערש: דער קאַנטוזשעטער האָט אַרויסגעלאָזט דעם מעסער פון האַנט, אַוועקגעוואָרפן דעם שטעקן און אַרומגעכאַפּט וואַלאַדיען קושן:

— טי מאַי דרוג, דו ביסט מיין פריינד.

מיט אַ קאָפּ נידעריקער פון וואַלאַדיען, איז סאַכימס בערדיק פּנים געפאַלן אויפן צווייטנס אַקסל. סאַכים האָט געוויינט הויך אויפן קול, אָבער וואַלאַדיאַ האָט אים איבערגעשריגן:

— דו מאַך זיך נישט משוגע! דו זאַראַזאַ, דו שטרויענער העלד, כ׳רייס דיר די באָרד אויס, אַ רוח אין דיין...

ער האָט צענומען סאַכימס הענט פון זיינע אַקסלען, אָפּגעשטופּט אים פון זיך און באַפוילן אויפהייבן ס׳מעסער און דעם שטעקן. סאַכים האָט געפאָלגט. מיט קינדערישער נאַכגיביקייט זיך אַראָפּגעבויגן, אויפגעהויבן דעם מעסער און אַריינגעלייגט אין בוזעם־קעשענע. אין איין האַנט דעם שטעקן און די צווייטע אויף וואַלאַדיעס אָרעם — האָבן זיי ביידע גענומען גיין. זיי זענען אַרויס פון טאַלטשאָק און ווייטער געגאַנגען געאָרעמט, ווי גוטע, אַלטע פריינד נאָך אַ כוסה. זיי האָבן געשמייכלט און אויך די וואָס האָבן די גאַנצע צייט זיך צוגעקוקט צו דער סצענע, האָבן געלאַכט.

*

פרייער אָפּגעאָטעמט האָבן אויך די ביעזשענצעס, עוואַקואירטע, אַלע נישט־היגע, וואָס זענען תמיד געווען אויף דער „ערשטער ליניע" פון הינטער־פראָנט — אַבלאַוועס. אגב, חזרן זיי זיך שוין נישט איבער אַזוי אָפט. די שמאַלע שפּעלטל־אייגעלעך בלינצלען נישט מיט אַזוי פיל פּחד, טעמפּן אומוויסן, וואָס איז אַזוי אָפט איבערגעגאַנגען אין שנאה.

מאיר האָט גענומען צוריק אויפבויען זיין צעבראָכענע וועלט. און

בראַנקע? וועט זי מיטגיין מיט אים דאָרט אַהין ווו מען זעט דאָס נישט באַמערקבאַרע פאַר יעדן אויג? פרעמד איז איר די שיינקייט, משונהדיק דער אמת — זיין, מאירס, אמת...

און די ליבע? איז עס נאָר אַ בליץ, אַ בליץ געווען? וואָס האָט אָפּגעדעקט אַ תהום... אַ פלאַם פוןביידנס ערשטקייט: דאָס פייער האָט זיך אַליין פאַרצערט. די מלחמה ענדיקט זיך, דאָס היגע לעבן דאָ — די „ראַם" פאַלט זיך פונאַנדער און דאָס „בילד" פאַלט אַרויס. ניין, עס האָט אַנדערש נישט געקאָנט זיין. ער האָט דאָס געשפּירט אין באַגין פון זייער באַקאַנט־שאַפט, באַלד אין אָנהייב, מיט העכער צוויי יאָר צוריק.

מאיר האָט פונדעסטוועגן נישט געהאַלטן פון אַ באַלדיקן איבעררייס מיט בראַנקען. וואָרום דאָס קאָן ברענגען צו פאַרקערטע רעזולטאַטן. בראַנקע האָט אַ ברירה אָנצונעמען דאָס פאַר אַ ברוגז. ברוגז פאַרשטאַרקט די ליבשאַפט און די אילוזיע פון צוריקקום. אין פאַרטשאַדעטן חלל פון ברוגז־באַציונגען וואַקסט דאָס געפיל פון פאַרגעבונג, ווירקט אויך אויפן צד, וואָס וויל עס בפירוש נישט. בפרט ווען מאירס כאַראַקטער איז קיין מאָל נישט געווען גרייט אויסצופירן זיינע לאָגישע באַשלוסן.

*

ס'איז געווען אַרום צוויי אַ זייגער. אויפן וועג, אַהיימגייענדיק אויף מיטאָג, ווו ס'קרייצט זיך די סטאַכאַנאָווסקאַיאַ מיטן אַבאַיאַ־געסל, האָט ער באַגעגנט בראַנקען.

— וואָס טוסטו אַצינד אין דער געגנט? — האָט ער געפרעגט.

— וואָל גענומען אין פּימאַקאַטנעם צעך, דאָ בשכנות.

— אַזוי גאָר?

— וואָס דען האָסטו געמיינט?

„די צונג איז אַ מסור" — איז מאירן אַדורכגעלאָפן אַ געדאַנק. דווקא דער „וואָס דען האָסטו געמיינט". האָט מאירן לייכטער געמאַכט אַרויסצולייגנען אירע געדאַנקען. העכער צוויי יאָר, אַלע טעג פון דער וואָך, גייט ער אין דער שעה אויף מיטאָג, און קיין איין מאָל האָט ער

בראָנקען אויף דעם וועג נישט געטראָפן. שוין קנאַפּע דריי חדשים האָבן זיי זיך נישט געזען. נו, שוין זשע האָט זי באַדאַרפט אָנקומען צו די הינ־טערוועגעלעך? — דריי חדשים! ווי איין טאָג זענען זיי דורכגעלאָפן. דאָס קומען פון די ברידער, דאָס שאַפן פאַר זיי אַרבעט, די אָפטע דיסקוסיעס אין די אָוונטן, די זאָרג פאַר דער גאַנצקייט פון שטוב, דאָס וועלן צוליב טאָן דער מאַמען און ווייניקער „אָפּשטאַטן וויזיטן ביי בראָנקען" — האָט אים אין גאַנצן פאַרשלונגען. אָ, די מאַמע! זי האָט נישט פאַרליטן די „שיינע מחותנתטע" — בראָנקעס מוטער. איר רייכער אויסזען, דאָס סטראָיען זיך אין פאַרמלחמהדיקע בגדים האָט שרהן „געראַזשעט" — ווי זי פלעגט זיך אויסדריקן. „זע נאָר ווי געסקלאַרעוועט, אַ גוטער ביסן מאַכט פעט דעם ביין" — האָט זי איין מאָל געזאָגט אברהמען, ווען מאיר איז געשטאַנען דערביי.

— אוי, די הויכע פענצטער, די הויכע פענצטער, כ'האָב קיין מאָל נישט ליב געהאַט צו פאַררייסן דעם קאָפּ...

— מיינע ווערטער: קוק תמיד נידעריקער פון זיך — האָט אברהם געענטפערט.

מאיר האָט געשוויגן.

דערפאַר האָט ער אָבער אַצינד, אויג אויף אויג מיט בראָנקען, געפילט זיך שולדיק. פון וואָס, און מיט וואָס פאַר אַ וואָרט זאָל ער אַצינד אָנהייבן?

ער האָט אָנגעהויבן פון זיין פאַרנומענקייט אין שטוב. ווי אַזוי ר'האָט געזוכט און געפונען אַרבעט פאַר די ברידער. זיין אייגן לעבן איז באַשיידן, מען באַגנוגנט זיך מיט אַ שטיקל טרוקן ברויט, אַבי איבערצוקומען, אַדורכשטופן די צייט. אָט גייט ער, ווי זי זעט, אַרויס פון די סקלאַדן מיט ליידיקן.

ער האָט גערעדט לאַנג, נאַריש און אומקלאָר. זיינע רייד האָבן אים גופא דערמאָנט אין איינעם, וואָס פאַרגיסט אַ ביסל טינט אויף אַ ווייסן טישטעך און וועלנדיק פאַרווישן — נעמט ער רייבן און קראַצן... וואָס מער ער רייבט און מעקט — אַלץ גרעסער ווערט דער פלעק...

בראָנקע האָט עס פאַרשטאַנען. פון אויפרעגונג האָט איר אונטערשטע

ליפּ לייכט געציטערט. די מוילווינקלען צוגעפּרעסט, באַדעקט מיט פייכט־קייט, וואָס פאַרוואַנדלט זיך אָפּט אין אַ שוים. בראַנקע האָט נישט געפילט ווי זי לייגט איבער דאָס פּעקל וואָל פון איין האַנט אין דער צווייטער, נעמט זיך פאַפּראַווען די האָר אויפן קאָפּ. זי האָט זיך פּלוצעם אָנגערופן:

— דו איילסט זיך אַוודאי! — איך אויך. אַ גוטן.

זי האָט גערירט פון אָרט. מאיר איז איר נאָכגעגאַנגען, געוואָלט איר נעמען ביי דער האַנט, העכער פון עלנבויגן. זי האָט זיך נישט געלאָזט. ער האָט געפילט, אַז ער דאַרף נאָך עפּעס זאָגן, און נישט געוווּסט וואָס. ער איז געגאַנגען לעבן איר און געהאַלטן דעם קאָפּ אַזוי, ווי עפּעס אַ פאַר־האַנג וואָלט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף זיין פּנים, אַ נישט דורכדרינגלעכער פאָרהאַנג, וואָס ס׳טראָגן, געווייגלעך, מענטשן כדי צו פאַרשטעלן דאָס יסודותדיקע, אמתדיקע, וואָס קאָן נישט אַרויסגעברענגט ווערן פאַר אַ פרעמדן. מעג דער פרעמדער זיין אַ ברודער, אַ חבר, אַ געליבטע. די שוויי־געניש האָט געדריקט און די צייט האָט זיך גערוקט.

— יאָ,ביידע איילן זיך, אפשר טרעפן מיר זיך אין אָוונט? — האָט מאיר נישט דרייסט געפרעגט.

— ביסט דאָך פאַרנומען.

— היינט נישט.

— צו וואָס דאַרפסטו עס?

זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט. מאיר האָט עפּעס געקריצט מיטן קנאָפּל אויפן זאַמד־באָדן, שאָקלענדיק נערוועז מיטן פוס. בראַנקע האָט אויף דעם „שטום־לשון" קיין אַכט נישט געלייגט. זי האָט אים דערלאַנגט די האַנט. ביידע האָבן זיך פאַרנומען מיט באַזונדערע וועגן.

קאַפּיטל צען

נייע צייטן — אַלטע זאָרגן

אָנהייב 1944 האָט אָנגעזאָגט נצחון. אין די נעכט האָבן שטערן זיך געזעגנט מיט צעציטערטער האָפענונג. די סוף־מלחמה־האָפענונג האָט ווי אַ פליענדיקע שוואַלב איבער אַ צעפּרילינגט פעלד, געשלעפּט נאָך זיך איר אייגענעם שאָטן — דעם פחד. דאָס איז נישט געווען דער פריערדיקער פחד, וואָס האָט מיט להכעיסדיקייט און פאַרצווייפלונג זיך געבאָרעט אויף דער גרענעץ פון לעבן און טויט. דאָס איז דער פחד פאַרן לעבן. מיט נייע לאַקונגען און חנען האָט עס אַצינד געקלאַפּט אין די טויערן פון הארץ, געוועקט די גראָ־פאַרשטויבטע און באַטויבטע בענקשאַפט. אַ פחד, אויפגערייצט פון כישוף־פייערן, פון נייעם מאָרגן, וואָס ליגט דערווייל נאָך אַ פאַרבאָרגענער אונטער די מלחמה־חורבונות.

„דער שונא איז צעקלאַפּט, אָבער נאָך נישט פאַרניכטעט".

„אַרבעט און אויסדויער וועט שטאַרקן די רומפּולע רויטע אַרמיי".

„מיט אַרבעט וועט מען צוריק אויפבויען דאָס רויִנירטע פאָטערלאַנד".

פון אַלע צייטונגען האָבן אַראָפּגעשריגן די דאַזיקע קעפּ. זיי זענען געווען דאָס טאָג־טעגלעכע ברויט פון די ראַדיאָ־הילכערס, וואָס האָבן צוואַנציק שעה אין מעת־לעת זיך געלאָזט הערן אויף די עפנטלעכע פּלעצער.

אַצינד, מער ווי תמיד, האָט כאַסאַן צוגעלייגט אַן אויער צו די נייעסן. נישט מחמת נייגעריקייט אָדער אינטערעס האָט ער דאָס געטאָן. פּראַנט, פּאָליטיק? — ער האָט עס ליב פון דער ווייטנס. אלא וואָס, ער האָט דערביי זיין אייגענע פּאָליטיק. פון דעם גאַנצן האַרמידער דרינגט אַצינד כאַסאַן גאָר עפּעס אַנדערש: מען מיינט פון דאָס ניי געבן אַ פּלייצע. מיט וועמען? ווער ס'האָט געקאָנט אַ הייב טאָן אַ זאַק תבואה, אַ פּוס שטעלן, האָט מען

צוגענומען. צוריק זענען געקומען אַ ביסל קאַליקעס: באַמבלענדיקע אַרבל, קוליעס, איינאָויגיקע, קאָנטוזשעטע, מאַנקיראַנטן און האַלעדראַנצעס. „מען גרייט אַפּנים נייע דעקרעטן" — האָט ער צו זיך אַליין גערעדט. מען וועט אַוודאי פאַרקירצן, אָדער אין גאַנצן פאַרווערן די אורלויבן, סקאַסירן די רו־טעג, פאַרגרעסערן די נאָרמעס און אַכטונג געבן אויף דער קוואַלי־טעט, אַ קראַנקן־צעטל וועט מוזן אונטערשרייבן דער קרייז־דאָקטאָר; פאַרשטאַרקטע קאָנטראָלעס איבער פּראָגולן *), מיט איין וואָרט — אַ נייע מלחמה, אַ מלחמה מיט דער אַרבעט. שוין פילט ער דאָס, כאַסאַן, אין מיטן פון די צעליאַרעמטע נצחון־געשרייען. ער פילט דאָס בחוש, ווי, אַ שטייגער, אַ קעמל דערפילט אין מדבר, אויף מיילן ווייט, דעם ריח פון אַ קוואַל, וואָס איז פאַרבאָרגן פון מענטשנס אויג. טאַמער ווייניק — האָט זיך צו אים דערטראָגן נאָך אַ ידיעהלע: מ׳עט טוישן ס׳געלט. דאָס האָט טאַמאַראַ אַנומלט אים איינגערוימט אין אויער. אָ, די ווייבער, ווי זיי דער־ניוכען עס די נייעסן. און שוין לויפט מען אויף דער מציאה. וואָס, אַ שטיי־גער, מיינט זי דערמיט? — אויסגעבן דאָס געלט אויף נייע שמאַכטעס: גילדענע רינגלעך, זייגערלעך, דער רוח ווייסט וואָס. אַפּריער גיט מען עצות ווי אַזוי צו מאַכן געלט. דערנאָך — ווי אַזוי דאָס געלט צו פּטרן.

און די טאָגנען תבואה, וואָס מען האַלט אין איין שלעפּן? פאַרפוילט, אויפגעגעסן פון מייז, אויסגעטריקנט, צעשאָטן און צעטראָטן. אַ קבר בלייבט — אַ קבר פאַר זיך אַליין. או, או, אווו די ווייבער, די קעפּ דאַרף מען זיי אַראָפּדרייען. שלאָגן וועט ער זי היינט, טאַמאַראַן. ער וועט זיך נישט לאָזן פירן פון איר אויפן שטריקל... אַ בער, אַ גראָער, אַלטער בער ביסטו— האָט כאַסאַן זיך אַליין געזידלט.

דעם טאָג איז כאַסאַן אַוועק אַהיים דער ערשטער. ער איז אַרויס פון הויף נאָך איידער די יונגען זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען. אויפן וועג האָט ער זיך דערמאָנט אין גרויסן האַנט־זייגער, וואָס איז געבליבן ליגן אויפן טיש אין קאַנטאָרל. ער דרייט זיך אויס, מאַכט עטלעכע טריט אויף

*) שטראָף פאַר פאַרשפּעטיקן צו דער אַרבעט.

צוריק. גייענדיק גיט ער אַ טאַפּ די קעשענע און הערט נישט דעם קלונג פון די שליסלען. און ווו איז דער העפט מיט די חשבונות, באַשטעלונגען, קבלות? ער בלייבט שטיין אַ ווײַלע, דימעט, גיט זיך אַ ריס פון אָרט, אַ שפּיי און אַ טופּע מיטן שטיוול: ווי, אַלץ איז דאָך געבליבן ליגן אין דרויסן. אויף דער שוועל פון ווייך־סקלאַד, לינקס פון טויער, האָט ער, בעתן פאַרשליסן, דאָס פּעקעלע אַוועקגעלייגט. כאַסאַן האָט זיך מיט איילנקע טריט געלאָזט צוריק צום הויף. עטלעכע מעטער פאַרן טויער האָט ער, באַמערקנדיק דאָס פרייליכע פּנים פון שומר, קאַלמיקאָוו, פאַרפּאַמעלעכט דעם טראָט. קאַלמיקאָוו, מיטן ביקס אויפן אָרעם, איז אים אַנטקעגנגעגאַנגען, פּאַכענדיק מיטן בינטל שליסלען פאַר כאַסאַנס קליינע, טויט־דער־שראָקענע אייגעלעך:

— אָט האָט איר אייערע זאַכן.

— אַ דאַנק, אַ דאַנק.

— ניטשעוואָ.

מיט מידע, שווערע טריט האָט כאַסאַן זיך געלאָזט צוריק אַהיים, ס'איז שוין געווען טונקל. כאַסאַן האָט געפילט ווי דאָס פּנים ווערט אים רויט פון גרימצאָרן. פון נערוועזקייט האָט אים אַזש גענומען בייסן אונטער דער גאַמבע, און אַ שווייס האָט אים באַדעקט. ער קאָן זיך אַזוי, פונדעסט־וועגן, פאַר טאַמאַראַן נישט ווייזן. אויף דער שוועל פון שטוב האָט ער זיך אַ ווײַלע פאַרהאַלטן. ער האָט עטלעכע מאָל אָפּגעהוסט שטיל, אין זיך אַריין, אַ הוקע געטאָן, ווי איינער וואָס וויל מיטן אונטערזינגען זיך פאַר־טרייבן די מורא, גייענדיק שפּעט בײַנאַכט אַליין. דורך דער לייכט צוגע־לענטער טיר האָט ער באַמערקט טאַמאַרען שטיין ביים אָפענעם קופערט אין ווינקל שטוב. זי האָט געטראָגן אַ גרין סאַמעט קלייד, אויבן געפּאַסט און נידעריקער פון דער טאַליע צעגייט עס זיך אין ברייטע רונדן מיט טיף־געפאַלדעטן קלאָש. אויף די שטעקשיך אויף אירע קליינע, אָפּגעדעקטע פיסלעך זענען פון גרינעם פליוש. דער שוואַרצער צאָפּ איז פאַרהויבן אין אַ געפלאָכטענעם וואָלעק. די צינאָבער־סטענגע אָרום וואָלעק האָט צווײַ שליף־עקן, ווי צענומענע פליגל פון אַ גרויסן מאָטיל. מוטער־

פּערלנע קרעלן, פּינף־פּאַכיק אַרומגעשנירלט אַרום האַלדז, מאַכן איר בלאַס פּנים — נאָך שענער, אויסגעאיידלטער. פון דער נידעריקער סטעליע פאַלט אַ מאַגערע שיין פון אַן עלעקטריש לעמפּל, וואָס מיניעט דעם סאַמעט אין מאַטע ליכט־פלעקן, אין העלע און טונקעלע שאַטירונגען. אומבאַוועגלעך איז זי געשטאַנען מיטן פּנים אין הויכן קופערט אַריין און מיט די דינע, שמאָלע הענטלעך אונטערגעהאַלטן די פאַרהויבענע, שווערע דעק. פון צוגעזאָגטנקייט צו די טייערע חפצים האָט טאַמאַראַ, משמעות, פאַרגעסן, אַז די טיר איז נישט צוגעמאַכט. די טיר, וואָס זי פאַרשליסט תמיד איידער זי גייט צו צום קופערט מיטן טאָפּלטן דנאָ, ווו ס׳ליגן די „מתנות״. מיט באַזונדערער ליבשאַפט קוקט זי זיך איין אין יעדן חפץ: קרעלן, גאָלד־שטיקלעך, דאָלאַרן, צירונג, דאַמען־ און מענער־זייגערלעך פון אַלע סאָרטן, ברילייאַנטן. נישט יוצא מיט קוקן, טוט זי מאַנכעס מאָל אַ ריר, אַ טאַפּ, מעסט אָן אַ רינגל, אַ בראַנזאָלעטקע, לייגט עס איבער פון האַנט אין האַנט.

— אַן אָפענער קופערט ביי אַן אָפענער טיר?! — איז כאַסאַן אַריינגע־פאַלן מיט אַ ברום, פאַרקלאַפּנדיק די טיר הינטער זיך. אַלע זידלווערטער, וואָס האָבן אים אָקערשט געשטיקט און ער האָט זיי געוואָלט אַראָפּשלינגען מיט אונטערהוסטן, האָבן מיט אויפגערייצטן כעס זיך אַ ריס געטאָן פון האַלדז.

— שעפּס, אויסגעסטראָיעטע, נאַרישע ציג! וואָס טוסטו, וואָס?!

אַ פאַרציטערטע פון געשריי, האָט טאַמאַראַ אַ קוויטש געטאָן. דער קוויטש און דער קלאַפּ פון דער אַראָפּפאַלנדיקער דעק האָבן אויפגעוועקט ס׳קינד אין צווייטן חדר — טאַמאַרעס שלאָפצימער. דאָס נידעריקע וויג־בעטל, אַ געפלאָכטענער קויש אָן ביעגונעס, האָט זיך אַ ריר געטאָן. דאָס פּינפיאָריקע יינגעלע האָט זיך אויפגעזעצט און איז אַרויס מיט אַ געוויין. רייבנדיק די אייגעלעך האָט עס זיך אַראָפּגעקאַטשעט פון בעטעלע און מיט טופּענדיקע, באָרוועסע פיסלעך גענומען אַרומלויפן איבער די צוויי קליינע צימערלעך.

טאַמאַראַ האָט געכאַפּט אויף די הענט דאָס האַלב־נאַקעטע קינד און

אַריין מיט אים אין איר אַלקער. עטלעכע שעה האָט געדויערט ס'איינגע־מען און איינלוליען דאָס איבערגעשראָקענע קינד. טאַמאַראַ איז אָבער נישט אומצופרידן געווען דערפון. אדרבא: זי איז דאַנקבאַר געווען דעם צופאַל, וואָס האָט איר געגעבן אַ געלעגנהייט זיך אָפּצוזונדערן פון איר בייז־געוואָרענעם מאַן.

כאַסאַן האָט טאַקע קיין מאָל אויף איר קיין פינגער נישט אַרויפגע־לייגט. זיין בייזקייט, וואָס האָט זיך אָבער תמיד אויסגעגאָסן אין אַ ווילדער, צודריינגלעכער תאווה, האָט איר געעקלט און אָפּגעשטויסן. זי וואָלט ליבערשט באַשטאַנען פון אים קלעפּ כאַפּן. בעסער קלעפּ איידער פילן אויף זיך זיינע „צערטלעכע" בליקן, די נאָענטקייט פון זיין שווערן, שווייסיקן גוף.

די שעהן וואָס ר'איז אין די סקלאַדן, אויף זיצונגען, פאַרזאַמלונגען, זענען פאַר איר די גליקלעכסטע. אַ צופרידענע דרייט זי זיך אין שטוב, רוימט, וואַשט, קאָכט פאַר אים כלערליי מאכלים. זיין פאַרנומענקייט פאַר־שפּאָרט איר זוכן און צוטראַכטן תירוצים, סיבות אָדער קעגנשטעלן זיך זיין ווילן. — ווידערשפּעניקן אַ מאַן? — אַ זינד, אַ גרויסע זינד, אַללאַ שטראָפט דערפאַר. וואָס זשע האָט זי, טאַמאַראַ, פון איר גוט לעבן? זי האָט דערפילט אַ שטילקייט אַרום זיך. דאָס קינד איז דערווייל איינגע־שלאָפן. זי האָט זיך אויך צוגעלייגט אויפן טאַפּטשאַן, אָבער איינשלאָפן נישט געקאָנט. ווידער האָט זי פאַר אירע אויגן ס'ביסל האָב און גוטס, די „מתנות": זייגערלעך און גאָלד־רובלס, וואָס ווערן אַריינגעשמוגלט, זאָגט מען, מיט די פּושקעס קאָנסערוון, וואָס מען שיקט פון אַמעריקע פאַר דער רויטער אַרמיי. הייסט, די גאָלדענע רינגען און רינגלעך, די „חזירימלעך"? שושקאַ איז טאַקע אַ טריפהנע זאַך, אָסור זיך צוצורירן; כאַסאַן אָבער האָט פון אַלע „חזירימלעך" געלאָזט מאַכן איין „בעפּשטיק", אַ גאָלד־שטאַבע. וואָרום סתם גאָלד, זאָגט ער, אַז מען געפינט ביי עמעצן, קומט ער אָפּ מיט אַ געוויינלעכער שטראָף, ווי אַ שטייגער פאַר שמוגל, פּאַראַ־גראַף 182. דאַקעגן צאַרישע וואַליוטע איז פּאָליטישע זינד, קאָנטררעוואָ־לוציע, פּאַראַגראַף 5810/10. טאַמאַראַ דערמאָנט זיך אין די גילדענע אויע־

רינגען, אין די בראַסלעטן פון ריינעם זילבער מיט די איינגעפּאַסטע, פינקלענדיקע „אייגעלעך": „קליין ווי אַ קערנדל און בלישטשעט ווי אַ שטערנדל". בריליאַנטן צו צוויי און צוויי און אַ האַלבן קאַראַט. זי איז אַ מבין אויף כל המינים און כל המאָסן. דער גרעסטער שפּעקולאַנט, גנבֿ, וועט איר נישט אָפּנאַרן. זי ווייסט אויך פון אַלע סאָרטן גאָלד: 36קער, 58קער, 92קער — ריינער דוקאַט. קען אַליין פּרובירן. זי האָט אין שטוב אַ קליין פלעשעלע זאַלצזויער. טונקט איין אַ שפּיץ בערשטעלע און לאָזט פאַלן אַ טראָפּן פליסיקייט אויפן ראַנד פון רינגל אָדער אַן אנדער גאָלד־חפץ. גיט עס אַ זאָט און ווישט זיך גלייך אָפּ אָן אַ שפּור — איז עס ריין גאָלד! לאָזט עס אַ טונקעלן פלעק — איז עס געפעלשט..

טאַמאַראַ איז זיכער מיט דער באַהעלטעניש. קיינעם וועט נישט איינפאַלן, אַז דער אַלטפרענקישער קופערט האָט אַ דאָפּלטן דעק. אלא דאָס ביסל זיידוואַרג פון אויבן: העמדער, זאָקן, אָפּאַשקעס, די טכוירענע פעלכעלעך, כאַסאַנס פוטער פון „פּאַלשו" מיטן ווידרענעם קאַלנער, די צוויי קאָסטיומען פון העלן שעוויאָט, פערסישע דיוואַנעס, שאַלן פון ריינעם וואָל, — דאָס אַלץ, קאָן זי זאָגן, איז אַ ירושה. דאָס איז איר פאַרבליבן נאָכן טאַטן אויף פאַרשיקונג, נאָך דער מאַמען, וואָס איז גלייך נאָך דעם געשטאָרבן. אָ, טאַטע, מאַמע! — האָט טאַמאַראַ געשעפּטשעט צו זיך אַליין — ווען איר וואָלט געוווּסט, ווי אומגליקלעך אייער קינד איז? אַלץ, אַלץ וואָלט איך אָפּגעגעבן פאַר איין רויקער, גליקלעכער מינוט. ניין, דאָס וועט אָבער נישט געשען. די מלחמה וועט זיך אין קורצן ענדיקן, אָבער איר עלנט — קיין מאָל, קיין מאָל נישט. איר באַגער ליב צו האָבן און געליבט צו ווערן, וועט צווישן די אַ ווענט אויסוועפּן, אויסגיין.

מיט שוועבנדיקע, שטילע טריט איז טאַמאַראַ אַראָפּ פון געלעגער, צוגעגאַנגען צום וויגל, פאַמעלעך אַרויסגענומען ס'קינד און עס אַריינגעלייגט צו זיך אין בעט אַריין. ערשט אַצינד האָט זי זיך אויסגעטאָן ביז צום העמד, אַרונטער אונטערן צודעק, אַרומגענומען דאָס קינד לייכט און ליבלעך, עס נישט אויפצוועקן, צוגעדריקט צו זיך. מיט מוטערלעכער ווייכקייט און צערטלעכע רייד, וואָס זי האָט קיין מאָל פון איר מויל נישט

אַרויסגעבערענגט, האָט זי געשעפּטשעט צום קינד. זי האָט אַריינגעזויגן אין זיך דעם הייסן אָטעם פון איר „שלאָפנדיקן מלאכל״, וואָס האָט גאַנצע צוויי יאָר געזויגן די מילך פון אירע הייסע, דופּטיקע ברוסטן.

טאַמאַראַ האָט דאָך נישט געקאָנט איינשלאָפן. „שעפּס, ציג, וואָס טוסטו, וואָס ?״. שרעקיק און גרויזאַם האָבן די ווערטער געקלונגען אין אירע אויערן. גראָד איז ער דאָס מאָל נישט אין גאַנצן אומגערעכט. פאַר אַזאַ אומפאַרזיכטיקייט קאָן מען טייער, זייער טייער באַצאָלן...

זי דערמאָנט זיך ווי אַזוי כאַסאַן איז זיך נוהג אין אַזעלכע פאַלן. פאַרגינט ער זיך ווען אַ בליק כאַפּן אין קופערט, איז עס מערסטנס שפּעט ביינאַכט. ער פאַרציט די פאַרהאַנגלעך אויף די פענצטערלעך, פאַרלייגט דאָס קייטל אויף דער טיר און קוקט זיך עטלעכע מאָל אַרום אין אַלע זייטן. ערשט דעמאָלט גייט ער פּאַמעלעך צו, עפנט די דעק, הייבט זי אויף מיטביידע הענט, זי זאָל חלילה נישט אַרויסגליטשן זיך און צוריקפאַלן מיט אַ זעץ. באַקוקט, באַטאַפּט און פאַרמאַכט תיכף צוריק. געציילטע מינוטן דויערט ביי אים דער פאַרגעניגן. נאָך דעם בלייבט ער ווידער שטום. אַ צופרידן שמייכעלע צעלייגט זיך אויף זיין אויפגערעגט צעשראָקן פּנים. אַ שמייכעלע, וואָס ער אַליין פאַרגינט זיך נישט מחמת מורא נישט אויפצורייצן דערמיט די שטילקייט.

טאַמאַראַ האָט נישט געקאָנט איינשלאָפן. אַ מין מיאוסער פאַרדרוס האָט געוועבט אין איר קאָפּ טונקעלע מחשבות; ס׳איז לעצטנס גאָר סטראָגע געוואָרן — האָט זי גערעדט צו זיך אַליין — באַלד וועט זיין רעמאַנענט. גאַנצע צוויי יאָר האַלט מען אין איין טראָגן. מיט וואָס וועט מען דעקן דאָס פעלן פון תבואה ? ווי אַזוי וועט זיך כאַסאַן ספּראַווען ? — די מלחמה ענדיקט זיך. די עוואַקואירטע וועלן צוריק אַהיימפאָרן, די פוילישע, זאָגט מען, וועלן אויך פאַרלאָזן די אַרבעט. כאַסאַן בלייבט. און כאַסאַן איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם וואָס איז דאָ און פאַר דעם וואָס ס׳איז נישטאָ... אָן אומרו איז טאַמאַרען באַפאַלן. ווי קיין מאָל ביז אַצינד, האָט אַ צווייפל, אַ פּחד, ווי אַ גריל אין מוח פון דער נאַכט, געעקבערט אין איר קאָפּ.

„וואָס וועט זיין? וואָס וועט זיין?".

„וואָס דו לייגסט אין בויך אַריין, איז דיינס" — האָט איר איין מאָל כּאַסאַן געזאָגט — און וואָס אין קופערט אַריין, מאַכט בויך־ווייטיק.

טאַמאַראַ איז אַראָפּ פון בעט. זי איז אַריין אין צווייטן אַלקער צו כּאַסאַנען. ער איז געלעגן אין אַנטאַן אויפן דיוואַן. ער איז, אַפּנים, גוט געשלאָפן, ווארום דאָס ליכט וואָסביידע האָבן פאַרגעסן אַראָפּצודרייען, האָט אים כּלל נישט געשטערט אין שווערן, הויכן כראָפּ. זי האָט פינצטער געמאַכט. צוגעגאַן צום פענצטערל, פאַרשאַרצט דאָס פאַרהאַנגל און זיך געשטעלט אַרויסקוקן. אַ שטילקייט פון סוף־נאַכט האָט איינגעהילט דעם דרויסן. אין דער טיף־בלויער טונקלקייט האָבן זיך קוים אַרויסגעזען די קיביטקעס, מויערן, ליידיקע פּלעצער. ס'איז געווען די שעה פון ערב־טאָג. נידעריק הענגט דער הימל. אַלע שטערן זענען אויסגעלאָשן. נאָר איין שטערנשטויס, טיף פאַרשטעקט אין דער בלויקייט, בלינצלט מיט בלאַסע, קאַלטע פייערלעך. פון ערגעץ ווייט דערטראָגט זיך אַ הייזעריק צעסקריפּעט קול פון אַן אייזל. דריי, פיר מאָל האָט דאָס קול אויפגעריסן די נאַכט־שטילקייט און אַנטשוויגן געוואָרן. באַלד שטעלט זיך דער טאָג. האָט זי אַ טראַכט געטאָן. אַ טאָג, ווי אַלע טעג, מיט אַריין־ און אַרויספירן, אַראָפּ־ און אַרויפלאָדעווען אויף די „אַראבא", אייזעלעך און קעמלען; אַ טאָג מיט לייגן אויף דער וואָג, וועגן. כּאַסאַן איז אַנגעכמורעט, אַ שטילער ברוגז, ווי פון אַ געררייצטער חיה, קוקט אַרויס פון אונטער זיינע שמאָלע אַפּלען. זי, טאַמאַראַ, לייענט פון די שפּעלטל־אייגעלעך סיי דעם פּחד, סיי דעם כּעס פון נישט קאָנען דעם פּחד אויסבאַהאַלטן פאַר אַ פרעמד אויג. „עס פעלט", קלאָגט ער זיך אָפּט פאַר איר. ער „דעקט" זיך, זאָגט ער, מיטן כּסדרדיקן צוקום פון סחורה. וואָס וועט זיין, אַז מ'עט אָפּשליסן די סקלאַדן, דעם הויף און מאַכן „פּערעוויעס"? *). אַזוי דערציילט מען, פירן זיי אַדורך לעצטנס די קאָנראָלעס אין אַלע תּבואה־סקלאַדן. וואָס וועט זיין? טאַמאַראַ האָט אַ זיפץ געטאָן. איבעררעדן וועגן דעם מיט די יונגען?

*) איבערוועגן.

— בעטן זיי אויפהערן, אָדער פאַרוועדן אַרויסטראָגן? — אין בײדע פֿאַלן איז עס נאַריש און לעכערלעך.

— ניין, נישטאָ קיין וועג אויף צוריק — האָט טאַמאַראַ אויף גיך באַשלאָסן. דער באַשלוס, וואָס האָט אומדערוואַרט אין איר אויפגעבליצט, איז פון מינוט צו מינוט איבערגעגאַנגען אין אַ זיכערקייט. קלאָר, ס׳איז נישטאָ קיין אַנדער ברירה, מען טאָר נישט בעטן רחמנות ביי די גרוזטשי־קעס, נישט פאַרוועדן אַרויסטראָגן און אויך נישט דערלאָזן ס׳זאָל ווײַטער אַזוי גיין. וואָס זשע פאַרט טאָן? די סכנה איז נאָענט. מען מוז די זאַך דערפירן צו אַ געלונגענעם סוף. זי, זי האָט דאָך אָנגעהויבן... זי וועט אויך דערצו אַ סוף מאַכן.

טאַמאַראַ האָט זיך פאַרטראַכט, אָפּגעדרייט ס׳פּנים פון פענצטער, זיך צוגעזעצט אויף אַ בענקל. אַנטקעגן אויף דער וואַנט, אַ באַהעלטע פון די בלויע שייבעלעך, האָט זי דערזען דעם שאָטן פון איר קאָפּ. ווי יעדן שאָטן, איז דער קאָפּ געווען אַ ביסל צעצויגענער, ברייטער. אָט דער פלעק האָט אויפגעלויכטן אַ מחשבה; אָט אַזאַ עפענונג, אומגעפער אין דער גרייס, דאַרף מען מאַכן אין איינעם פון די סקלאַדן. צום בעסטן, די וואַנט פון ווייך־סקלאַד — האָט זי אַ טראַכט געטאָן. דורך אַזאַ לאָך קאָן די תבואה זיך שיטן אָן אַן אויפהער. ס׳איז אַ דרויסנדיקע וואַנט, וואָס גרענעצט זיך מיט אַ קליין, שמאָל, געסל. אַנטקעגן שטייט אַן אַלטע פוסטע הייזקע און אַ בלינדע מויער. לינקס פון געסל שניידט זיך אַ ליק. ביידע זענען כמעט נישט באַוווינט. אין די מאָרגן־שעהן דאַרף דאָס שטיקל אַרבעט געמאַכט ווערן, ביז עמעצער וועט באַמערקן. נאָך דעם וועט אַלץ אַוועק, ווי געוויינלעך, אין אַזעלכע פאַלן. מען מאַכט אַ פּראָטאָקאָל, מ׳וועגט, מ׳מעסט און מ׳רעכנט. אַלץ וואָס וועט פעלן, וועט, ווי דען אַנדערש, גיין אויפן חשבון פון אויפברוך. די זאַך איז אַ גלייכע און ליגט זיך אויפן שכל — האָט טאַמאַראַ אָפּגעזיפצט מיט דערלייכטערונג. זי דאַרף נאָר אַ רעד טאָן מיט כאַסאַנען, דער פּלאַן וועט אים זיכער געפעלן. נישטאָ קיין בעסערער און גרינגערער וועג, און די לאַגע איז געראַטעוועט.

וואָס קלאָרער און פּרטימדיקער טאַמאַראַ האָט געטראַכט וועגן איר

פלאַן, אַלץ אומרויקער איז זי געוואָרן. דער אומרו האָט פאַרטריבן דעם שלאָף פון אירע אויגן. די מידקייט האָט פונדעסטוועגן שווערער געמאַכט דעם קאָפּ און געצויגן אין בעט אַריין. טאַמאַראַ האָט זיך אויפגעהויבן פון בענקל און ווידער זיך אַוועקגעשטעלט ביים פענצטער. פון אונטער די טיף־בלויע, טונקעלע הימל־ראַנדן האָט זיך אַ דינער פּאַס ליכט אַדורכגעשלאָגן. אָט, אין אַזאַ שעה — האָט זי אַ טראַכט געטאָן — און שוין האָט זי פאַר זיך די וואַנט, דעם אויפברוך און דעם אָנגעבאַרגטן ווייץ, וואָס האָלט אין איין גרעסער ווערן פון כסדרדיקן שטראָמיקן אַרויסשיט. זי זעט די צעשראָקענע פּנימער פון די שומרים, גרוזטשיקעס, כאַסאַנס צעטראָגן אומלויפן הין און צוריק, די קוטשקעס מענטשן, וואָס זאַמלען זיך אַרום די סקלאַדן, מיליציאַנערן, צעשטעלטע אין די ראָגן פון די שכנותדיקע גאַסן, דאָס פאַרהאַלטן, לעגיטימירן פאַרבייגייער, רעוויזיעס, אַרעסטן. אָבער וואָס ? ווי אַ טויטן באַנקעס וועט עס זיי העלפן. קיינעם וועלן זיי נישט פּאַקן, קיינעם. וואָרעם וויפל דאַרף עס סך־הכל געדויערן אַרויסשטויסן אַ ציגל פון דער פאַרפוילטער ליים־וואַנט ? — זאָלן זיי זיך ברעכן די קעפּ... וויפל קאָפּווייטיק האָט כאַסאַן ?

כאַסאַן, וואָס איז געלעגן אין אָנטאָן און געכראָפּעט, האָט אַצינד קיין קאָפּווייטיק נישט געהאַט. ער האָט בלויז געהאַט אַן אומרויקן, שווערן, שרעקיקן שלאָף. אַ שלאָף מיט אויסטערליש־מאָדנע אויסדאַכטענישן: שווייגנדיקע פּנימער, געפּרווירענע בליקן, טויבער געקלאַנג פון שווערע שלעסער און ריגלען, טונקעלע קאַמערן, וואָס פאַרמאַכן זיך פון דרויסן, קראַטן, דראָט־פאַרצוימונגען אין מיטן פון אַ פעלד. אומענדלעך ווייטע פעלדער. נאַכט. שטערן. פּלוצעם לעשן זיי זיך אויס, די שטערן. ס׳ווערט טונקל אַרום אים און אָט פינקלען די שטערן אין די אויגן פון מחנות וועלף... די וועלף גייען אין אַ צעצויגענער ריי איבערן שניי. עס שלעפּן זיך נאָך זייערע מאָגערע, לאַנגע שאָטנס. גבורהדיק זענען די גופים. פון די רייס־ציינער אין די אָפענע פּיסקעס ציען זיך גלאַנציקע גאַווערפּעדעם. זיי דערנענטערן זיך. אָט, אָט גיט זיך דער ערשטער אַ וואָרף און דורסט אים. קאַלט. בררר. פּלוצעם הערט ער אַ געוויין. אַ קינד ווײנט פון

שלאָף. איז עס זיין קינד? — ווי קומט עס אַהער דאָ, אויפן פעלד? — איז עס אַ חלום? — ער געדענקט דאָך אָבער פּאָרט, אַז ער שלאָפט אַצינד ביי זיך אין שטוב. אָט שטייט זי, טאַמאַראַ, ביים פענצטערל און קוקט אַרויס. פאַרוואָס איז זי ברוגז? באַליידיקט? נישט באַדאַרפט אפשר זידלען, נישט באַדאַרפט. קאַלט, ברורר, וואָס שטייט זי ביים פענצטער אין איין העמד, פאַרוואָס גייט זי נישט שלאָפן? אוי, ווער רוקט עס דעם קופערט? אוי, אוי, אָט שטופּט מען אים אַרויף אויף זיין קאָפּ...

כאַסאַן האָט זיך אויפגעכאַפּט געזען טאַמאַרען זיצן אויפן קופערט און דרימלען, איז ער צו און איר אַ טאַרע געטאָן:

— וואָס איז מיט דיר, גיי, גיי לייג זיך.

— אָט גיי איך, כ׳בין נישט שלעפעריק — האָט זי אָפּגעענטפערט פאַרשלאָפענערהייט. זי האָט זיך אויפגעהויבן און אַריינגעגאַנגען צו זיך אין אַלקערל. ער האָט געמאַכט עטלעכע טריט נאָך איר, געפרעגט:

— וואָס איז מיט דיר, טאַמאַראַ?

— גאָרנישט. כ׳דאַרף עפּעס מיט דיר רעדן.

— נו?

— נישט אַצינד, ביסט שלעפעריק.

— ניין, נישט שלעפעריק — איז כאַסאַן וואַכיק געוואָרן, די אייגעלעך האָבן זיך פאַרזשמורעט און אַ שמייכעלע האָט אָפּגעדעקט די געזונטע, ווייסע ציין.

— נישט אַצינד, כאַסאַן, האָט זי ווייך געבעטן, טו זיך אויס און גיי לייג זיך: באַלד דאַרף מען זיך אויפהייבן.

*

מאיר מיט די ברידער און טאַטע־מאַמע זענען געזעסן ביז שפּעטער שעה. ווי דער שטייגער — אַ שמועסל, וואָס איז גלייך איבערגעגאַנגען אין אַ לייכט איבערוואָרטלען זיך. אברהם האָט זיך געקלאָגט, אַז ר׳קאָן נישט שלאָפן. אויך ביי דער אַרבעט כאַפּט אים אָפּט אַ קאַפּווייטיק.

— נישט געזינדיקט, נישט געזינדיקט — האָט שרה באַרויקט — שוין נענטער ווי ווייטער.

— מ׳זאָגט, אַז ער האָלט גאָר שמאָל, דער דייטש — האָט אברהם זיך ווי פּאַרענטפערט.

— זיי גלייכן אויס דעם פראָנט, טענהן זיי, — האָט שלמה אַריינגעוואָרפן — אין דער אמתן ברעכט מען זיי די ביינער. מען באָמבאַרדירט זייערע שטעט, זייערע הייזער ליגן אין חורבות און אין אַש.

— די רויטע אַרמיי יאָגט. „דערהרגענען דעם וואָלף אין דער אייגענער נאָרע״, פּונקט אַזוי ווי מען האָט געשריבן מיט אַ יאָר צוריק. מען שלאָגט זיך שוין אויף זיין טעריטאָריע. שוין נאָענט זיין סוף.

— הלוואי במהרה בימינו, אמן — האָט אפרימקע פרום אונטערגעזיפצט. יידל האָט אָפּאָנירט:

— נישט ווייניק בלוט וועט נאָך אָפּפליסן.

— ס׳איז מיר צופעליק אַריינגעפאַלן אַן „איזוועסטיאַ״ פון יענער וואָך — האָט שלמה אָנגעהויבן — געלייענט אַ באַריכט פון די דריי גרויסע אין טעהעראַן. מען פאַרזיכערט אין גיכן דעם שלום. היטלערס מפּלה איז אַ זיכערע, שרייבט זיך דאָרט. „כדאי, כדאי די קרבנות, וואָרום אַ סוף וועט נעמען צו דער שרעקלעכער מלחמה און אַ סוף צו דער שרעק פאַר קומענדיקע מלחמות אויף דורות״.

— צי ס׳וועט דערנאָך זיין אַ גן־עדן, ווייס איך נישט, נאָר, אַז דערווייל האָלט אַן ס׳גיהנום...

— אוי, אַ גיהנום, אַ גיהנום — איז שרה אַריין אין יידלס רייד — חורבן, זאָגט מען, האָט ער געמאַכט אין די היימען, דער פינצטערער דאַטש, ווער ווייסט, ווער ווייסט, וואָס ס׳איז געוואָרן נעבעך פון ביסל יידן.

— שרה, אפשר ט׳געגוג זיין? אויפהערן איין מאָל פאַר אַלע מאָל ס׳פּאָליטיקעווען.

— דער טאַטע איז גערעכט — האָט אפרימקע פאַטאַקעוועט, מאָרגן ווידער צו דער אַרבעט, שוין שפעט.

— אַרבעט, אַרבעט איז קיין שטראָף נישט, מיינע ליבע קינדער, פון אַרבעט איז נאָך קיינער נישט געשטאָרבן — האָט שרה אַ צעפיר געטאָן די הענטלעך.

פֿאַרטאָג, ווען מאיר האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, האָט ער שוין קיינעם פֿון די ברידער אין שטוב נישט געטראָפֿן. גיך, גיך, אַרויפֿציענדיק אויף זיך דאָס אָנטאָן, האָט ער זיך געווענדט צו דער מאַמען, וואָס איז געלעגן אַ וואָכע:

— פֿאַרוואָס האָסטו מיך נישט אויפֿגעוועקט, שוין אַזוי שפּעט?

— ס'איז נאָך נישט שפּעט, אַוודאי אַזייגער זיבן.

— אַלע זענען דאָך שוין אַוועק.

— די מינוט אַרויס פֿון שטוב. זיי האָבן דאָך אַ מהלך וועג צו דער אַרבעט. אַ סך ווייטער פֿון דיר.

מאיר האָט אויך גיך געכאַפּט אַ ביס, געזאָגט „אַ גוטן טאָג" און אַרויס. פּינקטלעך 7.30 עפֿנט מען די סקלאַדן, פֿופֿצן־צוואַנציק מינוט דויערט דער וועג, האָט ער זיך געטראַכט, ער'ט נישט פֿאַרשפּעטיקן, ער טאָר נישט פֿאַרשפּעטיקן. אַ סך שטרענגער היינט ווי פֿריער. פּראָגולן... פֿאַרן ערשטן מאָל פֿאַרשפּעטיקן זיך אויף צען מינוט, באַשטראָפֿט מען מיט אַראָפּנעמען צוואַנציק פּראָצענט שכר. פֿאַרן צווייטן מאָל — אַ האַרבן פֿאַרוווּרף און פֿינף און צוואַנציק פּראָצענט פֿון געהאַלט. נאָך דריי מאָל פֿאַרשפּעטיקן אָן אַ באַרעכטיקטער סיבה — פֿאַרשיקונג. די פֿאַרשריפֿטן ווערן שטרענג אָפּגעהיטן און גענוי אויסגעפֿירט. דאָס איז, זאָגט מען, צוליבן לויזער ווערן פֿון דער אַרבעטס־דיסציפּלין אין די מלחמה־יאָרן. די נאַכלעסיקע באַציונג האָט צעטרענצלט אַ סך כּוחות און גורם געווען צייט־פֿאַרלוסט, שאָדנס אין דער פֿאָלקס־ווירטשאַפֿט. „פֿאַר גיכן אויפֿבוי און אויפֿבלי פֿון רויִנירטן פֿאָטערלאַנד", „שפּאַנען די מוסקלען צו נייע פֿאַרמעסטן" — די דאָזיקע און נאָך ענלעכע לאָזונגען, האָט מען אָפֿט געהערט בעת די עפֿנטלעכע פּראָגול־משפּטים אויף אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונגען, יום־טוב־רעדעס, אין די צייטונגען און ראַדיאָ. מען הערט די רייד און מען ווייסט, אַז ס'פֿעלן אַרבעטס־הענט אין די פֿאַבריקן, קוילנגרובנס; אויך אין די לאַגערן... פֿעלן מענטשן. מען האָט אַמנעסטירט און געשיקט אויף די פֿראָנטן, אַ סך זענען אויסגעשטאָרבן און קיין נייע אַרבעטס־כּוחות זענען אין די מלחמה־יאָרן נישט צוגעקומען. אָט די בלויזן דאַרף מען אַצינד צוריק פֿאַרפֿילן.

ווייזט אויס, אַז די מאַמע האָט אַ טעות געהאַט. ס'איז געווען פריער ווי ביידע האָבן געמיינט. אַ לייכטער, בלויער נעפּל האָט איינגעהילט דעם האָריזאָנט. די הויכקייטן און בערג־פּלאַכן, וואָס וואַרפן זיך ס'ערשטע אין די אויגן מיט זייער זאַמדיקער און גרין־מאָכיקער פאַרביקייט, האָט מען אַצינד נישט געזען. ס'האָבן זיך נאָר געמערקט אָפּגעריסענע, קרומע שפּיצן, קאָנטורן פון קייטלענדיקע בערג: ריזיקע געמעלן, ווי עמעצער וואָלט זיי אָנגעהויבן צייכענען און געלאָזט אין מיטן. זיי הענגען אין דער לופטן, די אָנגעוואָרפענע שטריכן. זיי פלעקן און מאַכן טונקעלער, שווערער דעם נעפּל. פון מינוט צו מינוט ווערט שיטערער, דינער דער נעפּל. די „פלעקן”, ענלעך צו מאַמוטן, צו פאַרמבולדיקע חיות, ווערן מגושמדיקער, בולטער — פאַרשטיינערטע ריזן ביי טויערן פון דער זיך אויסהוילנדיקער וועלט.

כאַטש מאיר האָט זיך געאיילט, האָט ער דאָך זיינע אויגן נישט געקאָנט אָפּרייסן פון אָט די בילדער. באַוווּנדערט די געהיימע כוחות, די וועלט־מיסטעריע און איר'ע אומבאַשרייבלעכע שיינקייטן. „ס'איז אַ סך פריער ווי כ'האָב געמיינט — האָט ער אָפּגעזיפצט מיט פאַרלייכטערונג — כ'וועל נישט פאַרשפּעטיקן”.

מיט פאַמעלעכע טריט האָט ער זיך געלאָזט גיין צו די סקלאַדן. נאָענט פון סטאַכאַנאָווסקאַיאַ־אַבאַיאַ איז ער, אויפהייבנדיק דעם קאָפּ, פּלוצעם שטיין געבליבן. וואָס איז דאָרט? — האָט ער אַ געשריי געטאָן. נישט ווייט פון אים האָט ער געזען עטלעכע מענטשן, לעבן זיי — אַ מיליציאָנער. אַ לעבהאַפטע באַוועגונג אַרום די שכנותדיקע גאַסן, לעבהאַפטער ווי תמיד אין דער שעה. דערשראָקענע פּנימער פון פאַרבייגייער. מען לעגיטימירט, מען פאַרהאַלט. ס'איז עפּעס וואָס געשען, טראַכט ער זיך, און גייט ווייטער.

— קודאַ? וווּהין גייסטו? — האָט ער פּלוצעם דערהערט אַ קול און איידער ער באַוויזט צו ענטפערן, וואַקסן פון הינטער אים אויס צוויי פרעמדע, אומבאַקאַנטע פּנימער.

— איך גיי צו דער אַרבעט — ענטפערט ער אַ ביסל צעטומלט.

— וואָסער אַרבעט?

— זאַגאַט זיערנאַ.
— זאַגאַט זיערנאַ? קום מיט אונדז.
מער האָבן זיי נישט געפרעגט. מאיר האָט נישט גערעדט. ער איז געגאַנגען אין מיטן צווישן זיי ביידע. צו די סקלאַדן פון זאַגאַט זיערנאַ זענען זיי אָנגעקומען דורך אַרום, דורכן שמאָלן געסל. אַנטקעגן דער דרויסנדיקער וואַנט פון ווייך־סקלאַד זענען זיי שטיין־געבליבן. מאיר האָט נישט געגלויבט זיינע אייגענע אויגן: אין דער מאַגאַזין־וואַנט האָט ער דערזען אַ לאָך. פון דער ערד ביז דער עפענונג, אַ מעטער־צוויי די הייך, האָט אַ ריזיקער אויסשיט זיך געבאַרגט און גערונדיקט מיט אַ שפּיץ, ווי אַ קלויסטער־קופּאָל. פון דער גרעב און ברייט און צעפּלאָסנקייט ביי די ראַנדן ביז אין מיטן פון שמאָלן וועג, האָט מאיר געשאַצט דעם שטראָמיקן געקייקל פון די קערנער אין שווערע טאָנעס. דערנעבן זענען געשטאַנען טעלעכע ציווילע און אַ פּאָליציי־וואַך. מען האָט געמאָסטן, געשריבן, איינער האָט געקוקט אויף זיין האַנט־זייגער, אַ צווייטער האָט עפּעס געפרעגט, אַ דריטער האָט אַריינגעקוקט אין דער וואַנט־עפענונג. איבערגעוואָרפן זיך מיט טעלעכע ווערטער און ווידער געמאָסטן, געשריבן און געקוקט אויפן זייגער. קיין סך נייגעריקע זענען נישט געווען. נישט וויט זענען געזעסן צוויי עלטערע קאַזאַכקעס, געקניפּט זיך די באַקן און אָפּגעדרייט די פּנימער. צו זיי איז צוגעשטאַנען אַ הינ־קעדיקער באַבאַי. ער כאַפּט אַ קוק אויף דער וואַנט און שאַרט זיך צוריק הינטערווייילעכץ. אָנגעבויגן אויף אַ שטעקן, האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַן אַלטיטשקער נאָענט פון די אַרומשטייענדיקע. מיט אַ פּנים פון איבערגע־טריבענעם באַדויער קוקט ער אויף דער קופּע און מאַכט אַ וויינענדיקע מינע, ווי איבערן פרישן קבר פון אַ נאָענטן פריינט. טעלעכע קינדער זענען געקומען צו לויפן פון די שכנותדיקע געסלעך, געוואָרפן נייגעריקע, שטי־פערישע אייגעלעך צום רעדל מענטשן ביי דער וואַנט און זיך נישט גערירט פון אָרט, ביז איינער פון די מיליציאָנערן האָט מיט אַ האַנט־באַוועג זיי פאַריאָגט.
— דו קענסט די וואַנט? — האָט זיך געווענדט צו מאירן איינער פון די ציווילע.

— אַוודאי, די וואַנט פון ווייץ־סקלאַד.

— אַהאַ, סמיעלי פּאַריניאַק, אַ דייסטער חברהמאַן; איז זאָג זשע, פון וואַנעו קומסטו אַצינד?

— פון שטוב.

— ווּהין?

— צו דער אַרבעט.

— ווּ אַרבעטסטו?

— אָט דאָ, אין זאַגאַט זיערנאַ.

— אַ זוי?...

— ביז ווי שפּעט האָסטו נעכטן געאַרבעט?

— ביז פינף נאָך מיטאָג.

— און ווען האָט מען געמאַכט דעם לאָך?

מאיר האָט געשוויגן.

— דו ווייסט נישט, האַ? נו, גוט. ווער עמען פון איך, גרוזשיקעס, האָט כאַסאַן באַפולמעכטיקט צו דעם שטיקל אַרבעט?

— וועגן אַזעלכע זאַכן האָט מען בכלל נישט גערעדט. איך זע דאָס צום ערשטן מאָל.

— אַפּפירן אים — האָט איינער באַפוילן מאירס באַגלייטער.

דעם זעלביקן טאָג איז מאיר באַפרייט געוואָרן. אויך די אַנדערע גרוזשיקעס, וואָס מען האָט אַהין געבראַכט, האָט מען נאָכן קאָנפראָנטירן געהייסן אַהיימגיין.

מאיר איז מער ווי זיכער געווען, אַז צו די שטוביקע האָט זיך שוין דערטראָגן די ידיעה וועגן דער געשעעניש און מסתמא אויך וועגן זיין אַרעסט. ער איז דעריבער פון קאָמיסאַריאַט געגאַנגען גלייך אַהיים. דער זייגער איז געווען אַרום צוועלף. אַז שרה האָט דערזען מאירן אויף דער שוועל פון שטוב, האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן ביים פּנים:

— ווינד איז מיר, וואָס איז געשען?

— גאָרנישט, גאָרנישט, גאָרנישט — איז ער אַריין אַ שמייכלענדיקער און זיך צוגעזעצט אויפן בעטל.

— וואָס הייסט גאָרנישט?? אַזאַ מהומה און דו זאָגסט „גאָרנישט״?

— זעסט דאָך, אַז גאָרנישט.

— וואָס זע איך? כ׳זע ביסט בלאַס ווי די וואַנט.

— ווו איז דער טאַטע? — האָט מאיר פּלוצעם אַ קער געטאָן דעם שמועס, כדי אַ ביסל קומען צו זיך.

— ער איז אַרויס אין גאַס עפּעס געוויר ווערן. נו, לאָמיר שוין הערן, וואָס איז געשען?

מאיר האָט דערציילט די גאַנצע מעשה. ער האָט נאָך עפּעס געוואָלט צוגעבן, שרה איז אים אָבער פאַרלאָפן דעם וועג.

— אַוודאי טאַמאַרעס קעפּל דערביי.

— דערווייל ווייסט מען נאָך נישט ווער עס האָט עס געמאַכט. אונדז האָט מען געהייסן צוריקגיין צו דער אַרבעט.

מ׳עט קיינעם פון די אַרבעטער נישט טשעפּען, ס׳ט זען. דו פאַרלאָז זיך אויף די „חברים״, זיי ווייסן אַלץ... „אַז מען עסט נישט קיין קנאָבל, שטינקט נישט פון מויל״.

— דאַרפסט פונדעסטוועגן אַזוי נישט זאָגן — האָט מאיר מיט אַ טאָן פון שולדיקייט געענטפערט — קיינער איז נישט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט...

— קינד, אַז ביי איר זענען די אויגן גרעסער פונעם האַלדז... איינער טוט עס, ווייל די זופּ איז אים ביטער, דער צווייטער, ווייל — די פּערל זענען אים שיטער...

דעם זעלבן טאָג איז מאיר נאָך אַ קורצן אָפּרו און איבערכאַפּן עפּעס צוריקגעגאַנגען צו דער אַרבעט. ווידער האָט מען געשלעפּט די הונדערט־פודיקע זעק, געשריגן, געשפּיגן און געשאָלטן זיך אין גאַנג. ווידער די טאָג־טעגלעכע זידלערייען און קללות צוליב אָן אומפּינקטלעך אַרויפלייגן אַ זאַק תבואה, אָדער אַ נישט געלונגענעם איבערקערן אים מיטן פּיסק אַראָפּ. אַלץ איז געגאַנגען ווי פריער. אַזוי האָט עס אויסגעזען פאַר אַ דרויסנדיק אויג. פאַר מאירן איז אָבער דער היינטיקער טאָג פאַרט אַדורך אַנדערש ווי תמיד. ער, וואָס האָט העכער צוויי יאָר אַריינגעגעסן

אין זיך צוזאַמען מיטן שטויב און שווייס קללות און זידלווערטער, האָט יאָ געפילט די ענדערונג: אַ שטומע פאַרדראָסיקייט, אַ בייזער רוגז שפּאַרט היינט פון אַלעמענס העלדזער. ס׳איז נישט דאָס גוטמוטיקע כעסן זיך, דאָס איבערווערטלען, וואָס גייט תיכף איבער אין פּעטשלען זיך איבער די פּלייצעס, אין אַ וויץ, אין באָרען זיך. היינט האָט מען ביי יעדער קליינקייט געהויבן הענט, געפּאָכעט מיט ליידיקע זעק איבער קעפּ. היינט האָט מען נישט גערעדט: נישט פאַרן שטעלן זיך צו דער אַרבעט און נישט ביים אַהיימגיין. אָנגעלאָדענע מיט אומרו, מיט פּחד פאַר עפּעס אומבאַשטימטס, ברוגזע אויף זיך און אויף יעדן איינעם, איז מען זיך פונאַנדערגעגאַנגען. ס׳קאָן גרייַלעך זיין, אַז גראָד פון נישט רעדן קומט די בייזקייט. ס׳דריקט אַ באַדערפעניש אַדורכצושמועסן זיך וועגן דעם מיאוסן שטיקל אַרבעט, וואָס איז פאַר יעדן איינעם פון זיי אַ סוד און קיין סוד נישט. די מורא אַ וואָרט וועגן דעם צו דערמאָנען, שטאַרקט נאָך מער דעם פאַרדאַכט און אויך די סכנה, וואָס הענגט איבער אַלעמענס קעפּ.

דעם טאָג איז אָנשטאָט כאַסאַנען טאַמאַראַ געקומען עפענען די סקלאַדן. זי זיצט אין ווינקל פון קאָנטאָר און קוקט אַרויס אויפן הויף. אַלע העפטן, קבלות, פּאַפּירלעך האָט מען צוגענומען. זי זיצט אָנגעכמורעט. זי רעדט גאָרנישט און קיינער רעדט נישט צו איר. זי איז נאַכלעסיק אָנגעטאָן. דער שווערער, שוואַרצער צאָפּ, איז נישט פאַרפלאָכטן ביז אַראָפּ. ער איז צעשויבערט און דערמאָנט אין אַן אויסגעריבענעם, אַראָפּגעלאָזענעם פערדישן עק. די גאָלדענע רינגען אויף אירע פינגער זעט מען נישט. איין דין זילבער־רייפל מיט אַ גרויסן בלויען שטיין טראָגט זי אויפן קליינעם פינגערל. אויפן קאָפּ פּערלמוטערנע האָר־שפּילקעס. קיינער פרעגט נישט ווו כאַסאַן איז. אַלע ווייסן, אַז כאַסאַן זיצט. ער איז אַרעסטירט. נאָך ווייסט מען: מען האָט געמאַכט אַ רעוויזיע אין שטוב און גאָרנישט געפונען. טאַמאַראַ זאָל אַלץ האָבן אַרויסגעטראָגן פון שטוב, אָדער באַהאַלטן אויף אַ גוטן, זיכערן פּלאַץ. עטלעכע שמאָכטעס: קליידער, פוטערוואַרג, זיידענע זאָקן, אַ קופּאָן סחורה, האָט מען יאָ געפונען. „טשעפּוכאַ״ — האָט מען געזאָגט און עס צוריקגעוואָרפן. טאַמאַראַ, זאָגט מען, זאָל האָבן געטענהט,

אַז דאָס איז אַ ירושה פון אירע עלטערן. פאַר קיין שום געלט וועט זי די זאַכן נישט אַוועקגעבן, נישט פאַרקויפן, „זי האַנדלט נישט מיט קיין ירושה״. מען האָט טאַמאַרען געגלויבט און גאָרנישט גערירט. צוליבן קינד האָט מען אויך זי פריי געלאָזט. ביז מען וועט אַוועקזעצן ווען אַנדערש אויף כאַסאַנס אָרט, קאָן זי דערוויייל גיין עפענען די סקלאַדן. די אַרבעט דאַרף ווייטער גיין — האָט מען איר שטרענג געוואָרנט. אַזוי דער־ציילט די גאַס. די גאַס ווייסט אַלץ. כאַסאַן, זאָגט מען, וועט זיצן ביזן משפּט. און נאָכן משפּט, וועט מען זען: „פּאַטאָם ראַזביעראָם״ — האָבן זיי פאַרזיכערט טאַמאַרען. און כאַסאַן? — כאַסאַן זיצט.

קאַפּיטל עלף

דער משפט

העכער אַ האַלב יאָר האָט געדויערט די אויספאָרשונג. אויפן ניינטן חודש פון זיין זיצן, סוף אַפּריל 1945 איז פאָרגעקומען דער משפט. דערווייל האָט מען געלעבט אין שרעק. יעדן טאָג, יעדע נאַכט, יעדע שעה האָט שרה געהאַלטן די נשמה אין האַנט: חלילה נישט אַריינפאַלן אין זייערע הענט, גראָד אַצינד, ווען מען ריכט זיך אַ ליאַדע טאָג זאָל די מלחמה זיך ענדיקן. די ווערסיע וועגן רעפּאַטריאַציע, וואָס איז פריער אומגעגאַנגען פון מויל צו אויער, איז געוואָרן אויס סוד. מען האָט דאָס וואָרט געקאָנט הערן אין אַלע יידישע און נישט־יידישע שטובן, אויפן באַזאַר, אויף עפנטלעכע פּלעצער און פאַרזאַמלונגען פון ז.פּ.פּ. *). ווי דאָס איילבירט־בלאַט אין מויל פון דער טויב, האָט דאָס וואָרט געוועקט גלויבן און געשטאַרקט די האָפענונג, אַז גאָר אין גיכן וועט די „תיבה" אין מבול פון שלעכטס און רשעות דערשווימען צו אַ ברעג. מען פאָרט אַהיים. אין אַלע רייד, אין אַלע טואונגען, צום אויפשטיין, צום שלאָפן־גיין און אין חלום — איז געשטאַנען די היים פאַר די אויגן. דאָס געוועלבל אויף דער „נייער צאַל", די בוידעם־שטוב פון לאַנגן, גרויסן דרעווניאַק מיטן פּרוכנעם שינדל־דאַך, די שכנים, דער גאַנצער הויף — דאָס אַלץ האָט מען געזען אַזוי ווי מען האָט עס איבערגעלאָזט, גלייך, ערשט נעכטן איז עס געשען. כאָטש שווערע האַרעוואַניע, שרעק און גרויזאַמע

*) פאַרבאַנד פון פּוילישע פּאַטריאָטן, וואָס האָט זיך געגרינדעט אויפן רוף פון דער נייער פּוילישער רעגירונג אין מאָסקווע. צווישן די סאַמע פּאָפּולערסטע איז געווען דער נאָמען וואַנדאַ וואַסילעווסקאַ. דער רוב צוגעהעריקע צום פאַר־באַנד זענען געווען יידן. די פּאַליאַקן־פּליטים זענען צו יענער צייט אַרויסגעצויגן געוואָרן דורך דער שיקאָרסקי־אַרמיי.

האָט אויך דאָרט נישט געפעלט. אברהם האָט נישט איין מאָל זיך פאַר־שאָלטן דעם טאָג פון געבוירן, האָט עס פונדעסטוועגן געצויגן אויף צוריק; צוריק אַהיים, ווי אַן איבערגעהאַקט ווערעמל, האָט דאָס אָפּגעריסענע שטיקל לעבן זיך געוואָרפן, געצאַפּלט אין זייערע אויגן.

די מעשה מיט כאַסאַנען, זיין אַרעסט און דער פאַרשטייענדיקער משפט, האָט אָבער שרהס פרייד פאַרשטערט. אַז אברהם און די קינדער זענען אַוועק צו דער אַרבעט, האָט זי נישט איין מאָל געמאַכט איר „באַלאַנס״:

אברהמס דרייען זיך אַרום פערד און וועגעלע, די זינס פאַרען זיך אין קיך ביי דער קינדערהיים, איר אייגן מאַטערניש: לאַטען, צערעווען, פאַר־ריכטן און וואַשן — אַלץ איז איר ליב און טייער. אַבי נאָר אָפּקומען מיט שרעק. אַהיים, ליבער גאָט, אַהיים. שרה האָט דערביי נישט פאַרגעסן צו בעטן אויף גוטע בשורות פון די זין, פון וועלכע זי ווייסט און פון וועלכע זי ווייסט נישט: געמיינט שמואליקן, דעם יינגסטן. אַוודאי האָט דער מאַמעס האַרץ האָט געוויטיקט איבערן געדעכעניש פון איר איינציקער טאָכטער, פריידקע. זי האָט אָבער פאַרביסן מיט די ליפּן און שטיל זיך געמוסרט מיט אַ טרייסט, אַ זינדיקע טרייסט:

— אַזאַ פייער, אַזאַ מהומה אויף דער וועלט: ווער האָט עס נישט געגעבן קיין קרבן?

ס׳ווערט אָבער נישט ליכטיק, אויב ס׳קומט נישט אָפּריער קיין פינ־צטערניש. מאַכט זיך אַ מעשה, אַנומלט פרייטיק. אברהם קומט אַהיים אַן אַנגעכמורעטער. לויט זיין אַריינקום האָט זי פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז עפּעס געשען. עטלעכע מאָל פרעגט זי אים איבער און ער, ווי זיין טבע, שוויגט. ערשט, אַז זי האָט זיך צוגעזעצט צו אים און גענומען פאַרוואַרפן מיט שאלות, האָט אברהם אַרויסגעבאָמקעט:

— זיי ווילן כ׳זאָל אַרבעטן אום שבת.

געהערט אַזוי, איז איר קודם אַראָפּ אַ שטיין פון האַרץ, וואָרעם געמיינט האָט זי, אַז מי יודע וואָס עס איז געשען. נאָר פונדעסטוועגן האָט עס איר פאַרדראָסן. זי האָט מיט אמתן כעס אַ פרעג געטאָן:

— וואָס עפּעס אין מיטן טאָג אַ נאַכט־קראַץ? אַזוי פיל יאָרן קאָלכאָז, פערד־שטאַלן, פעלד, כלערליי מלאכות געטאָן און אויסגעהיטן זיך פון שבת־אַרבעט: גראָד אַצינד, צו נעילה... נאַ דיר.

— אָט דאָס האָב איך דאָך געטענהט צום נאַטשאַלניק, דעם שוואַרצן טאַטער, דעם וויראָדעק: דווקא אַצינד, זאָג איך אים, ווען מען גרייט זיך שוין אַהיים?

— נאַ דיר אַ פרישע גזירה: סאַבאָטניקעס. — האָט שרה ווי צו זיך גערעדט — געהערט אַ מעשה; קלויסטערס, זאָגט מען, האָט מען געעפנט אין מאָסקווע, אויסגעסטראָיעט און פריש געמאָלן און געמאַלעוועט אַלע צערקוועס, פּאָפּן און גלחים, צו אַלדי שוואַרץ יאָר, גענעראַלן און פּראָסטע סאָלדאַטן גייען זיך מאָדליען, קניען פאַר דער מאַטקע באָסקע. סטאַלין אַליין, אַ סברה, זאָל פרומער ווערן... מ'האָט געמיינט, אַז עס גייט טאַקע צום גוטן און די וולאַסט וועט זיך ביסלעכווייז איינסאָדיען. ס'איז, כ'לעבן, דאָס ווערטל: „די זעלבע יענטע, נאָר אַנדערש געשלייערט״.

— וואָס רעדסטו צו מ י ר — איז אברהם איר אַריין אין מיטן — גיי זאָג אים, דעם טאַטער.

שרה איז אַנטשוויגן געוואָרן. זי האָט ווי געכאַפּט אַ ישוב מיט זיך אַליין. אַ ווײַלע שפּעטער האָט זי צוגעגעבן:

— גלייב מיר, אַז ס'לוינט זיך אַצינד נישט אָנצוהייבן מיט זיי. מען דאַרף טאַקע זיין פרום און גוט, נאָר אַז מען קאָן נישט, איז שוין בעסער גוט איידער פרום.

— וואָס זשע מיינסטו מיט דיינע קלוגע ריידעלעך, שרה?

— וואָס כ'מיין? אַז מען קאָן נישט אַריבער, מוז מען אַרונטער.

— פרום בין איך טאַקע נישט, אָבער אום שבת וועל איך נישט אַרבעטן — האָט אברהם בייז אָפּגעענטפערט, אָפּדרייענדיק זיך מיטן רוקן צום ווייב.

האָט זיך אויך שרה אויפגעהויבן און אַוועקגעגאַנגען פון טיש.

„פרום בין איך טאַקע נישט, נאָר אום שבת וועל איך נישט אַרבעטן״... פּונקט אַזוי האָט ער געזאָגט דעם שטעטלשן רב ר' גמליאל. אין אַכצנטן,

אָדער ניינצנטן יאָר איז עס געווען, גלייך ווי דער עסטרייכער איז אַריין אין שטעטל. ס׳איז אויסגעפאַלן שבת. קיין ברויט איז נישט געווען. און ס׳איז געקומען אַ באַפעל: עפענען די בעקערייען. ער האָט אָפּגעזאָגט. „וואָס הייסט? ס׳ט שטעלן אין סכנה, חלילה, אַ שטאָט יידן?״ — האָט רב גמליאל געטאָן מוסרן אים דורכן שמש, דעם אַלטן שלמה. און אַז ער האָט נישט געפאָלגט, איז רב גמליאל, בכבודו ובעצמו, געקומען אַרויף אין בוידעם־שטוב, געהייסן נעמען די שליסעלעך און עפענען די בעקעריי. אַ הויכער, מיט אַ צווייִשפּיציקער, לאַנגער באָרד, אין שטריימל און אין קיטל, איז דער רב געשטאַנען אין קליינעם סוטערינעלע (וואָס אברהם האָט אויפגעשלאָסן, נאָר קיין פייער אין אויוון נישט געוואָלט מאַכן) און גערעדט צו אים:

— אברהם, איך בין אויף דיר גוזר! טו אָן דעם פאַרטעך און נעם זיך צו דער אַרבעט!

ער האָט געשוויגן. מיט אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און אַראָפּגעלאָזטע הענט איז ער געשטאַנען קעגן רב גמליאלן און זיינע אויגן נישט געהאַט ווו אַהינצוטאָן... די אויגן, פון וואַנען נאָר דער רב אַליין האָט געקאָנט אַרויס־לייענען די שטילע מרידה. ער, אַזאַ פּראָסטער ייד, קען קוים עברי, ווי קאָן ער זיך אונטערנעמען אַזאַ זאַך?

— רבי, איך קאָן זיך אַליין נישט מעכטיקן... — האָט ער אַרויסגע־באַמקעט מיט אַ הייזעריקלעך־פאַרשעמט קול, ווי אַ גרויס פאַרשולדיקט יינגל קעגן טאַטן.

— איך הייס דיך! — האָט שטרענג און באַפעלריש ווידער געקלונגען דעם אַלטנס שטימע — אַ שטאָט מיט יידן, ווייבער, קינדער, יידישע טעכ־טער, וואָס קאָנען, רחמנא ליצלן אַריינפאַלן אין די הענט פון די אויסגעהונ־גערטע גויים!

געזען אַז אברהם רירט זיך נישט פון אָרט, איז ר׳ גמליאל צוגעגאַן צום אויוון, — אויפן קוימען זענען געלעגן פאַרגרייטע קינדלעך און שוועבעלעך, — האָט אָנגעריבן איינס און אָנגעצונדן אַ קינדל. אַז אברהם האָט דערזען דאָס ערשטע רויכיקע פלעמעלע אין זיין אויוון, האָט ער

אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די שבתדיקע קאַפּאָטע, פאַרקאַטשעט די אַרבל און זיך גענומען צו דער אַרבעט.

אויך אַצינד איז סוף מלחמה, האָט אברהם געטראַכט, ס׳איז אָבער נישטאָ דער טייערער ר׳ גמליאל, וואָס זאָל פאַר אים ערוב זיין... ס׳איז אויך נישטאָ קיין שטאָט מיט יידן... ווען שטעלט ער דאָ אין סכנה? העכסטנס, קאָן מען אים אָפּזאָגן פון דער אַרבעט. מילא. מען וועט אָן זיין אַרבעט אויך פאַרדינען אויף אויסקומעניש. ניין, ער וועט נישט אַרבעטן אום שבת. אַזאַ זינד אויף זיינע עלטערע יאָרן?

עס האָט זיך טאַקע געענדיקט מיט אַהיימשיקן אים. „קומען קומט אייך, אייגנטלעך, שטעלן פאַר אַ משפט, פּראַגול, — האָט זיך געכעסט דער נאַטשאַלניק — נאָר אַן אַלט־גלויביקן און אַ פּוילישן בירגער דערצו. — זאָל שוין זיין...

*

די גאַנצע צייט פון כאַסאַנס זיצן איז מען אָפּגעקומען נאָר מיט שרעק. מאירן און אויך קיינעם פון די גרוזטשיקעס האָט מען נישט געטשעפּעט. טאַמאַרען זאָל מען יאָ האָבן עטלעכע מאָל גערופן, פאַרהערט און אַהיימגעשיקט. אַז מיט כאַסאַנען האָלט שלעכט, האָט מען געקאָנט אַראָפּלייענען פון טאַמאַרעס פּנים. זי האָט אין שרהס אויגן אויסגעזען, ווי אַן אָפּגעשלאָגענע הושענה.

אין איינעם אַ זונטיק איז פאָרגעקומען דער עפנטלעכער משפט. אַרום די צעפּראַלטע טויערן פון „זאַגאָט זיערנאָ" און צעשטעלטע בענק אין הויף, אַרום דער קליינער פּראָוויזאָרישער טריבונע, האָבן זיך גענומען קלייבן מענטשן. כאָטש אויפן אַפיש, געדרוקט מיט מאַשין־שריפט, איז אָנגעגעבן די שעה „פיר אַזייגער נאָך מיטאָג", האָט זיך אָבער באַלד אין דער פרי אָנגעהויבן אַ לעבהאַפטע באַוועגונג. מען האָט זיך געדרייט אַריין און אַרויס. ווער ס׳איז פאַרבייגעגאַנגען און אַ בליק געוואָרפן אינעווייניק, ווער ס׳איז שטיין געבליבן, געזאַמלט זיך אין גרופּקעלעך, רעדלעך. מען ווינקט זיך איבער און מען שושקעט זיך: אַן אויער בייגט זיך צו

אַ מויל, אַ מויל, אַרומגעוועגטלט מיט אַ האַנט, פּאַרגרייסט זיך צו אַן אויער. מען רעדט הויך אויפן קול און מען לאַכט, אָבער סיי דאָס גערייד, סיי דאָס געלעכטער קלינגט פרעמד און הויל: עס לאָזט נאָך זיך אַ דערקוטשענדיקע שטילקייט, אַ מין אומהיימלעכקייט, וואָס יעדער איינער וויל פון זיך אָפּיאָגן מיט אַ וויץ, מיט אַ ווערטל. די פריילעכע אויפגערעגטקייט לאָזט נישט איינשטיין אויף אַן אָרט. טריטלט מען פון רעדל צו רעדל, מען לאָזט פאַלן אַן איראַניש זיפּצעלע, אַ קאָמיש קרעכצעלע, מען מאַכט אַ צווייִדייטיקע תנועה, אַ „פּנים" און מען ווינקט מיט אַן אייגל. און דאָך ווילט זיך נישט אַוועקגיין פון דאַנען. עפּעס אַ בלינדער כוח, אַ חשק, אַ מין אומרו און תשוקה אויג אויף אויג מיט דער סכנה צו שטיין האָט אַלעמען באַהערשט. די סכנה וואָס נעמט אַצינד אָן די פאָרם פון אַ ספּעקטאַקל, פון עפּעס טרויעריק־פאַרווײַלנדיקס. כאָטש יעדער ווייסט ווויל, אַז דאָס וואָס דאַרף פאַרקומען, האָט געקאָנט און קאָן אויך מיט אים טרעפן — וויל ער דאָך (און אפשר טאַקע דערפאַר) הנאה האָבן, וואָס דערוויל האָט עס אים געמיטן. — דער עוקץ צופרידנקייט און ליבשאַפט צו זיך און דאָס מיטגעפיל, דאָס מענטשלעך־אויפריכטיקע צום גוט באַקאַנטן, היימישן כאַסאַן, איז נאָך מער געוואַקסן מיטן כסדרדיקן צופלוס פון מענטשן. אַ באַנומענע פון דאַזיקן געפיל, האָט די מענטשן־מאַסע זיך געכפלט און פאַרצענפאַכט אין געציילטע שעהן. פון אַלע גאַסן און געסלעך, ראָגן, שכנותדיקע הייפן שטראָמט דער פילפאַרביקער עולם: מענער, פרויען, עלטערע און יונגע, קינדער. סיי די נייע, פרעמדע פּנימער, אויך די יום־טובדיקע קליידונג, וואָס דער רוב האָט געטראָגן, האָבן צוגעגעבן אויסערגעוויינטלעכקייט דעם פאַרשטייענדיקן משפּט. פון אַלעמענס אויגן האָט מען געקאָנט אַרויסלייענען אומרו, נייגער און רחמנות.

אַ שעה פאַרן אָנהייב זענען אַלע זיך־פלעצער געווען פאַרנומען. ס'האָט קוים געסטייעט אָרט צו שטיין. צוליב דער ענגשאַפט איז אויך דער ברייטער טויער־אַריינגאַנג פאַרשטאָפּט געוואָרן. אַ סך זענען געבליבן אין דרויסן.

פינקטלעך אין דער אָנגעגעבענער שעה האָט זיך דערהערט אַ קלונג.

אין הויף איז שטיל געוואָרן. אַ שטילע שושקענדיקע שעפּטשעניש: „מען פירט כאַסאַנען".

כאַסאַן איז געגאַנגען מיט שווערן און פעסטן טראָט פון אַ באַיאָרטן מאַן. דער טראָט, וואָס האָט אים פריער צוגעגעבן וויכטיקייט און אָנזען, האָט אַצינד, ווי אַראָפּגעצויגן צו דער ערד, אים נידעריקער געמאַכט. דער קורץ־געשוירענער יעזש, דער צוגעפּרעסטער מויל־שניט האָט זיין קאָפּ, וואָס איז ווי אָן אַ האַלדז פעסט געזעסן אויף זיין קאַרק, נאָך ברייטער און קורצער געמאַכט. שטומער צער פון אַ געשלאָגענער חיה און געהעמ־טער פּחד האָט אַראָפּגעווייעט פון זיין אומבאַוועגלעך פּנים, פון זיינע קליינע אייגעלעך, טיף פאַרשטעקט אין די לעכער, וואָס האָבן נישט קיין פינטל געטאָן. נאָכלעסיק איז פון אים אַראָפּגעהאָנגען זיין פול־לייביקייט אונטער דער לויז־ליגנדיקער גראָער רובאַשקע. זיינע אַקסלען און הענט — נאָכ־געלאָזענער. אַ האַלבן טראָט הינטער אים זענען געגאַנגען צוויי מיליציאָ־נערן. מיטן אָנקום פון אַלע דריי איז פון זיך אַליין פריי געוואָרן דער וועג פון טויער ביזן געריכט־טיש. די שושקעניש האָט אויפגעהערט. כאַסאַן האָט פאַרנומען זיין פּלאַץ אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק, לעבן אים — די מיליציאָנערן.

אַרום געריכט־טיש, פאַרשפּרייט מיט אַ רויטער פּליוש־דעקע, זענען געזעסן די דריי שופטים פון טשימקענטער קרייז־געריכט. לינקס פון עק טיש — דער פּראָקוראָר, אַנטקעגנאיבער רעכטס — דער פאַרטיידיקער.

דער ערשטער האָט אָנגעהויבן דער געריכט־פּאָרזיצער, ווענדנדיק זיך צום באַשולדיקטן:

זענט איר עס כאַסאַן קוזיבייעוו יאָסיפּאָף?

— איך בין עס — האָט ער זיך אויפגעשטעלט.

— געבוירן אין יאָר 1897, טורקעסטאַן, טשימקענטער אָבלאַסט?

— יאָ.

— פאַראַנטוואָרטלעכער סקלאַדאָווּשטשיק פון „זאַגאָט זיערנאָ", טור־קעסטאַן?

— יאָ.

— אָנערקענט איר זיך פאַר שולדיק?
כאַסאַן האָט געשוויגן.

— זיצן.

ער האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט.

דער פּראָקוראָר האָט זיך אויפגעשטעלט. ער איז יונג, אַ יאָר פינף און צוואַנציק. אין קעגנזאַץ צו די ריכטער אין גראָע אוניפאָרמען, טראָגט ער אַ מאָדערנעם אַנצוג, אַ ווייס העמד און אַ רויטן קראַוואַט. די ווייסע מאַנקעטן, וואָס קוקן אַרויס פון די אַרבל, דעקן צו זיינע טונקעלע הענט ביז די קורצע, פעטלעכע פינגער. ער איז פון נידעריקן וווקס, דריבנע. אויף זיין פוקסן־גאָמבעלע, פאַרקאָטשעט אויף אַרויף, בערדלט זיך אַ שיטערער אָנוווקס, ענלעך צו אַ שפּראָץ פון שטרוי־גראָז. סיי זיין קליידונג, סיי די ערנסטע מינע האָבן באַדאַרפט אונטערשטרייכן זיין חשיבותדיקע ראָלע אויפן היינטיקן משפט און פאַר איין וועגס, מסתמא, דעקן זיין נישט רעפּרעזענטאַטיוון אויסזען... דער איינדרוק איז אָבער געווען אַ פאַרקערטער. דאָס טויטלעך־בלאַסע פנים פון כאַסאַנען, זיין געבראָכענער גאַנג האָט ביי דעם גרעסטן טייל פאַרזאַמלטע געוועקט גרויס רחמנות. אַ רחמנות וואָס האָט זיך איבערגעגאָסן אין אַ קאָכיקן פאַרדראָס אויפן קעגנערישן צד, דעם אויסגעסטראָיעטן פּראָקוראָרל. ווי אַ פלוצעמדיק ווינטל איבער אַ זאַנגען־פעלד, האָט אַ לייכטע צערודערונג אַרומגעכאַפּט די קעפּ און פלייצעס אויף די הינטערשטע בענק. אַ געוואָקל וואָס האָט זיך גיך אַריבערגעטראָגן אַרויפצו ביזן געריכט־טיש. זייטיקלעך־הינטערווייַלעכץ האָט מען אויסגעדרייט די קעפּ, זיך איבערגעקוקט:

— וואָס זאָגסטו נישט צום יאָלד אין קראַגן?

— און דאָס גאַרניטורל? אויף זיין מיסט געוואַקסן, האַ?

— און דער גאַלסטאַק?

— ווו האָט ער עס דערשנאַפּט לעניגס בערדעלע?

באַלד אָבער האָט זיך דאָס מורמלעניש איינגעשטילט. הויך און קרעפּטיק האָט זיין קול זיך צעקלונגען, אַ קול ווי פון אַ געזונטן מאַנצבי־לישן האַלדז אַרויס:

— כאָסאָן ווערט באַשולדיקט אין אויפברעכן אַ וואַנט אין ווייץ־סקלאַד פון „זאַגאָט זיערנאָ”. עס פעלט פופצן טאָן ווייץ. דאָס איז דער סך הכל פון אַ גענויער אויסמעסטונג פון דער גרייס פון דער עפענונג און קוואַנטום פון קערנער, וואָס האָבן זיך דורך דער עפענונג אַרויסגעשיט זינט דעם אויפברוך ביזן אַנטדעקן אים. פופצן טאָן ווייץ פון מלוכהשע סקלאַדן איבער וועלכע ער פאַרוואַלטעט און איז פאַראַנטוואָרטלעך. די אויספאָרשונג האָט דערוויזן, אַז דער אַקט איז אויסגעפירט געוואָרן נישט אָנעם וויסן פון באַשולדיקטן. כאָטש מען האָט אין זיין וווינונג גאָרנישט געפונען, איז מען אָבער דורכן עדות זאָגן פון זיין פרוי טאַמאַראַ געקומען אויף די שפורן פון טייערע ווערטזאַכן, גאָלד און זייגערס, ווי אויך פרעמדער וואַליוטע מיט וועלכע זי האָט שפעקולירט.

דער באַשולדיקטער האָט געלעבט אין לוקסוס און ווילטאָג אין אַ צייט, ווען דאָס גאַנצע לאַנד האָט געליטן הונגער. אין דער צייט ווען די סאָלדאַטן אויף די פראָנטן, אַרבעטער אין די פאַבריקן האָבן באַקומען צוגעטיילט ברויט.

נאָכן קאָנפראָנטירן דעם באַשולדיקטן מיט זיין פרוי, וואָס איז עטלעכע מאָל פאַרהערט געוואָרן, האָט ער זיך מודה געווען אין די אים פאָרגעוואָרפענע פאַרברעכנס.

— איך בעט דאָס הויכע געריכט מיר דערלויבן אַ באַמערקונג — האָט זיך פלוצעם אויפגעשטעלט דער פאַרטיידיקער.

— נאָכן ענדיקן פון פראָקוראָר, — ענטפערט דער פאָרזיצער.

— בלויז אַ קליינע פעסטשטעלונג.

— ביטע.

— צי האָט דער באַשולדיקטער זיך מודה געווען?

— דאָס איז דאָך אַ פראַגע און נישט קיין פעסטשטעלונג — דערוויידערט דער פאָרזיצער.

— אַנטשולדיקט, איך וויל דערמיט פעסטשטעלן, אַז פאַר מיר איז די דאָזיקע דערקלערונג אַ נייעס. קאָן איך עפּעס פרעגן דעם באַשולדיקטן?

— ביטע, נאָר צום ענין.

— האָט איר זיך מודה געווען אין איינברעכן די וואַנט פון ווייך־סקלאַד, כאַסאַן קוזיבייעוו יאָסיפאָף ?

— ניין, איך האָב נישט אויפגעבראָכן. איך האָב זיך נישט מודה געווען.

אַ שטילשווייגן.

— האָט איר אויך נישט באַשטעטיקט דאָס פעלן פון פופצן טאָן ווייך ? — פאַרהערט אים ווידער דער פּראָקוראָר.

כאַסאַן שטייט אַ צעטומלטער אונטערן קרייץ־פאַרהער פון ביידע.

— דאָס פעלן איז דאָך אַ פאַקט. און דער באַשולדיקטער איז דאָך דער פאַראַנטוואָרטלעכער — ענטפערט דער פאַרטיידיקער.

כאַסאַן ווערט ריידעוודיקער און זאָגט :

— אין דעם האָב איך זיך מודה געווען.

דער פּראָקוראָר זעצט פאָר :

— צוויי פאַרברעכנס איז דער באַשולדיקטער באַגאַנגען : דאָס זענען אייגנטלעך צוויי אַקטן פון איין פאַרברעכן, וואָס איז געטאָן געוואָרן מיטן פולן באַוווסטזיין פון אַ שעדיקער, אַ שונא פון דער ווירטשאַפט, אַ שונא פון פאָלק ! מיטן אויפברוך פון דער וואַנט האָט דער באַשולדיקטער געוואָלט דעקן זיינע גניבות און שפעקולאַציעס. ער האָט פאַרטאַכליעוועט פופצן טאָן ברויט : היינט צו טאָג ב ר ו י ט ! ברויט פון טאַטעס, זין, קינדער אויף די פראָנטן. זיי פאַרגיסן דאָרט בלוט ! שלאָגן זיך פאַר אונדזער לעבן, פאַר אונדזער פרייהייט, פאַר דער פרייהייט פון אונדזער גרויס פאָטערלאַנד. דאָס איז אַ פאַרברעכן, אַ שאַנד און שענדונג פון פאָלקס־פאַרמעגן, פון סאָוויעטישער געזעצגעבונג !

פון פליסיקן ווערטער־שטראָם האָט אַ פייכטקייט באַדעקט זיין לינקן מויל־ווינקל. זיין שטערן, די ברוינע הויט אויפן יונגן פנים האָט אַ רויט־קייט באַגאָסן. די שמאָלע, עטוואָס פלאַכע אייגעלעך האָבן אין זיך עפּעס תאווהדיק ברוטאַלס, וואָס ערשט אַצינד, מיטן שטייגערן פון זיין בייזלעך־צערייצט מענער־קול, — האָט זיך עס געלאָזט מערקן. פאַרגאָסענע פון רייד־לוסט האָבן זיי געברענט מיט שוואַרצע פלעמעלעך, געצונדן די

לופט. ווי מעסערס זענען זיינע שאַרפע ווערטער געפאַלן, געשניטן דאָס וואַקסנדיקע שטילשווייגן פון דער מענטשן־מאַסע. אַלע אויגן זענען געווענדט צום רעדנער. מען קוקט אויף אים און מען זעט נישט מער דאָס פוקסן־מאָרדעלע, די ווייסע מאַנקעטן. מען זעט אים נישט. ער איז הוילע קול. קלאַנגיק. שווער־וואָגיק און בליציק פאַלט יעדער וואָרט־ניואַנס און אויסדרוק. אַ שטומע, טויבע שטילקייט אויפן הויף. דער שטורעם פון זיין מויל האָט אַלעמען איינגעוויגט.

ערשט ווען ר'איז אויף אַ ווײַלע שטיל געוואָרן, אַ קליינע פויזע געמאַכט אַ שלינג וואַסער צו טאָן, האָט מען גענומען דערוואַכן. טיפע זיפצן און אַ הויך קרעכצעניש. אַ באַבע האָט געשנייצט די נאָז, ס'האָבן זיך דערהערט אויסרופן:

— שפּאַנאַ! *)

— וואָר! **)

— סוואָלאָטש!

— פאַררעטער!

דער פאָרזיצער האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיטן העמערל. מיט אַ האַנט־באַוועג געבעטן זיך צוריקזעצן אַלע די, וואָס האָבן זיך אויפגעהויבן און געקערעוועט די קעפּ אין דער ריכטונג פון וואַנען די אויסגעשרייען זענען געקומען. דער פּראָקוראָר רעדט ווייטער:

— דעם שונא, דעם פאַשיסט, האָבן מיר צעשמעטערט. דאָס וואַכע אויג פון אונדזערע מאַכט־אָרגאַנען וועלן אַצינד, מער ווי פריער, היטן דאָס לאַנד פון אינערלעכע שונאים, וואָס האָבן מיט זייער צעשטערערישער אַרבעט געצילט צו העלפן דעם אָקופּאַנט, דעם דייטשישן אַריינדרינגלער!... מען האָט אים פאַריאָגט פון אונדזער ערד. אויך די פאַררעטער וועלן זייער פּסק באַקומען. איך בעט דאָס הויכע געריכט — האָט דער פּראָקוראָר פאַרענדיקט זיין באַשולדיקונגס־רעדע — צופּסקענען כאַסאַן קוזיבייעוו

*) גנב אויף אוזבעקיש.

**) גנב אויף רוסיש.

יאָסיפּאָפן די האַרבסטע שטראָף, וואָס די סאָוויעטישע קאָנסטיטוציע זעט פאַר פאַר אַזעלכע פאַרברעכנס.

נאָך אַ האַלב־שעהדיקן איבעררייס האָט זיך דער משפּט ווידער אָנגע־הויבן. דאָס וואָרט האָט באַקומען דער פאַרטיידיקער.

— הויכער געריכט, — האָט ער גענומען אַ טאָן פון צוריקגעהאַלטנ־קייט — איך דאַנק דעם הויכן געריכט פאַר צוטיילן דעם באַשולדיקטן דאָס רעכט פון פאַרטיידיקונג. ווי אַ ליאַיאַלער בירגער און געטרייער זון פון סאָוויעטישן פאָלק וויל איך, אין נאָמען פון דער סאָוויעטישער קאָנסטיטוציע וואָס פאַרזיכערט די פרייהייט פון פרט און כלל, אין שוץ נעמען דעם באַשול־דיקטן. עס איז מיין אויפגאַבע אויפצוקלערן פאַרן הויכן געריכט דעם אמת פון דעם שענדלעכן טאַט, אין וועלכן כאַסאַן קוזיבייעוו יאָסיפּאָף ווערט באַשולדיקט. ס'איז נישט אין אינטערעס פון אונדזער קאָנסטיטוציאָנעלער גערעכטיקייט צו פאַרמשפּטן אַ סאָוויעטישן בירגער כל זמן די שולד איז נישט דערוויזן געוואָרן. און די גרעסטע עוולה וואָלט באַגאַנגען געוואָרן — אורטיילן אַ מענטש על פּי טעות אָדער צופאַל, אָדערביידע צוזאַמען. נישט ווייניק קרבנות גיבן מיר אויפן מזבח פון גרויסן, פאַטערלענדישן קריג: אומשולדיקע קרבנות — זענען אַן אומרעכט.

דער פאַרטיידיקער האָט געטאָן אַ שלינג פון גלאָז וואַסער, וואָס איז לעבן אים געשטאַנען, אַ צי געטאָן די סטאַלינאַווקע אויף זיין כמעט מילי־טעריש אויסגעפּרעגטער ברוסט, און ממשיך געווען:

— פון די שמועסן מיטן באַשולדיקטן דערוויסן מיר זיך, אַז ער שטאַמט פון אַן אָרעמער היים. זעקס קינדער זענען ביי זיינע עלטערן אָפּגעשטאָרבן פון שווינדזוכט, ראַכיטישע קראַנקהייטן, נויט און קויט. פון זיין פריסטער יוגנט אַרבעט כאַסאַן, שפּייזט זיינע אָרעמע עלטערן און אויך זיך אַליין פון זיין פראַצע און שוויס. העכער צוואַנציק יאָר דינט ער די מדינה. געטריי ווי אַ סאָלדאַט שטייט ער אויף דער וואַך פון זיינע טואונגען און אויפגאַבן. ער איז אַ האַלב גראַמאַטנער. די פאַראַנטוואָרט־לעכע אַרבעט, וואָס איז אים אָנפאַרטרויט געוואָרן, האָט נישט איין מאָל אים געשטעלט פאַר טעכנישע שוועריקייטן און סכנות. ער האָט דאָס אַלץ

גובר געווען, אַ דאַנק זיין מסירת נפש און איבערגעגעבנקייט צו דער אַרבעט און צו דער סאָוויעטישער וולאַסט׳. דאָס ערשטע מאָל ווי כאַסאַן איז פאַר־מישט אין אַן אומריינער, טונקעלער אַקציע פון רויב און גניבה. געטריי און ערלעך דינען זיינע צוויי ברידערן־זין אויף די פראָנטן. אַ זון פון זיין איין און איינציקער שוועסטער איז געפאַלן אונטער סטאַלינגראַד. צי דאַרף אַן אַרבעטזאַמער און אַרבעטפעיקר בירגער ווי כאַסאַן אַטוויעטשאַיען מיט זיין פרייהייט פאַר אַ פאַטאַלן טעות?! איז דאָס אין אינטערעס פון אונדזער גערעכטיקייט? דער חבר פראָקוראָר טענהט, אַז דער איינברוך איז נישט געמאַכט געוואָרן אַן דעם וויסן פון באַשולדיקטן. ס׳איז אָבער נישט באַוויזן געוואָרן, אַז דאָס איז יאָ געמאַכט מיט כאַסאַנס וויסן. און ווי באַלד אַזוי: טאָמער איז פאַראַן וועלכער ס׳איז ספק, דאַרף, לויט מיין מיינונג, פון דעם ספק געניסן דער באַשולדיקטער.

דער פאַרטיידיקער האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, געוואָרפן אַ בליק אויפן עולם. דערפילט, משמעות, דעם שטאַרקן רושם פון זיינע רייד — האָט ער פאַרגעזעצט:

— הויכער געריכט, אין נאָמען פון דער סאָוויעטישער גערעכטיקייט בעט איך אַ מילדע שטראָף פאַרן באַשולדיקטן, וואָס האָט אומבאַוווסטזיניק און מחמת צוטרויפולער באַציונג צו זיינע מענטשן, גרוזטשיקעס, דערפירט צו אַזאַ גרויסן פאַרלוסט און צעטרענצלונג פון מלוכהש פאַרמעגן. אַט דער משפט און די קנאַפּע צען חדשים תפיסה ביזן משפט, זענען אַ גרויסע מאָראַלישע און פיזישע שטראָף פאַר כאַסאַנען, פאַר זיין פרוי טאַמאַראַ, וועמען אַלע פאַרזאַמלטע און די גאַנצע געגנט קענען פאַר אָרנטלעכע בירגער.

ביי די ווערטער האָט דער פאַרטיידיקער זיך אַנידערגעזעצט.

— וויל דער באַשולדיקטער עפּעס זאָגן? — האָט געפרעגט דער פאָרזיצער.

כאַסאַן האָט זיך אויפגעשטעלט און עפּעס געמורמלט.

— העכער! — האָט אים דער פאָרזיצער אויפמערקזאַם געמאַכט.

ער האָט אויפגעהויבן זיין שטים. אַ געבויגענער, מיט אויגן טיף

פאַרגראָבענע אונטערן שטערן, האָט ער אָנגעהויבן אויף אַ צעבראָכענעם רוסיש געמישט מיט קאַזאַכיש לשון:

— איך דאַנק דעם געריכט פאַרן חסד פון לאָזן מיר רעדן דאָ, פון דעם פּלאַץ, ווו מיין וואָרט איז געהערט געוואָרן און מיינע פּאָדערונגען זענען אויסגעפירט געוואָרן פּינקטלעך, ווי מען האָט עס פון מיר געטרע־בעוועט.

נישט זיכער און פאַרציטערט האָט זיין שטים געקלונגען. כּאַסאַן האָט, אַפּנים, אַליין זיך דערשראָקן פאַר זיין דרייסטקייט. ער האָט זיך פאַרלוירן און נישט געוווּסט מער וואָס צו זאָגן.

— איך בין אַ ניעגראַמאָטנער — האָט ער אָנגעהויבן ווי פון מיטן — איך ווייס נישט ווי אַזאַ זאַך האָט געקאָנט מיט מיר טרעפן... העכער צוואַנציק יאָר סקלאַדאָווּשטשיק, אַרבעט געטריי... קיין גראַם, קיין קערנדל קיין מאָל נישט אַרויסגעטראָגן... פאַרוואָס? פאַרוואָס קומט עס מיר?... איך... איך... איך בין אומשולדיק, ניעווינאָוואַט... יאַ כאָטשו דאַמאָי, איך וויל אַהיים... היים... הם... און כּאַסאַן האָט זיך צעוויינט.

— דאָס איז אַלץ? — האָט געפרעגט דער פאָרזיצער.

אַז קיין ענטפער איז נישט געקומען, האָט ער אים געהייסן זיך זעצן. כּאַסאַן איז אָבער געשטאַנען (אפשר נישט געהערט דעם שופטס רייד) מיטן פּנים אין די הענט און געכליפּעט. זיינע שווערע אַראָפּהענגענדיקע אַקסלען ציטערן. עס הערן זיך טיפע און הויכע שלוקערצן. ביי יעדן שלוקערץ הייבט דער קאָפּ זיך אַרויס פון די הענט:

— ניעווינאָוואַט, ניעווינאָוואַט...

כּאַסאַן וויינט. פון זיינע קליינע פאַרזשמורעטע אייגעלעך רינען טרערן. זיין קול איז פאַרענדערט. דאָס וויינענדיקע מענער־קול אין הויף צווישן די תבואה־סקלאַדן, וואָס האָט זיך צום ערשטן מאָל, נאָך ניין חדשים, געלאָזט הערן — האָט דאָך געווירקט. אַלע דאָ, ס׳רוב שכנים, קרובים, באַקאַנטע און אַפילו שונאים ווייסן דאָך דעם אמת... דעם אמת פון זיין פאַרטיידיקערס רייד, פון זיין אייגן שטאַמלעניש און דעם אמת פון פּראָקוראָר...

— וויל דער באַשולדיקטער נאָך עפּעס צוגעבן ? — האָט דער ריכטער ווידער געפרעגט.

— יאָ, הויכער געריכט.

— רעד.

— איך בין... בין ניעווינאָוואַט.

— זעצן זיך.

כאַסאַן האָט זיך אַנידערגעזעצט. שטיל. אַן אַנדער שטילקייט אַצינד. אַ פּייערלעכע שטילקייט. דער עולם איז צעוואַקלט. דאָס מיטגעפיל, דער רחמנות צום „קרבן" אין די נעגל פון געזעץ ווערט שטאַרקער. קנאה און אייפער צום נעבעטיקן כאַסאַן, „וואָס האָט געוווסט ווי אַזוי צו לעבן", ברענט אויס, ווערט פאַרשלונגען פון העכערער מענטשלעכער ליבשאַפט. זיי וויגן זיך, די קעפּ און נאַקנס, אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין, אויפן גורל פון אַן אייגענעם, וואָס איז, נעבעך, אַזוי ביטער אַריינגעפאַלן.

— אַך, אַללאַ, אַללאַ ! — הערט זיך אַ ווייבעריש אויסגעשריי.

— דערבאַרעמט זיך, גוטע, ווילע טאָוואַרישטשעס — העשעט אַ צווייטע.

עמעצער שנייצט די נאָז. זיפצן און אָכצן, אַ גערויש ; מען הייבט זיך אויף פון די ערטער, מען טוישט די זיץ־פּלעצער.

דער פאָרזיצער באַמערקט דעם פערמענט, רופט צו אָרדענונג און דערקלערט דעם משפט פאַר געשלאָסן. דער אורטייל וועט אַרויסגעטראָגן ווערן מאָרגן.

*

פופצן יאָר האָט כאַסאַן געקריגן. גיך האָט זיך די ידיעה צעטראָגן איבער דער גאַנצער געגנט, אַרויסגערופן דיסקוסיעס, מיינונגען, אַמפּער־נישן. עטלעכע טעג נאָך אַ נאַנד האָט מען גערעדט דערוועגן, אויפמישנדיק די פאַרגעסענע פּרשה פון אָנהייב ביזן סוף.

אַ סך האָבן גאָר געטענהט, אַז כאַסאַן האָט גוט אָפּגעשניטן, פּשוט געכאַפּט אַ מציאה : פאַר יעדן טאָן ווייץ — אַ יאָר. אייניקע האָבן געהאַלטן, אַז ער איז אומשולדיק אַריינגעפאַלן. וואָרום כאַסאַן האָט גיכער הנאה

געהאַט פון „הייבן אַ האַנט" איידער „נעמען אין האַנט אַריין". אלא וואָס, — דאָס פּיפּיקע ווייבעלע זיינס. אַ יונג ווייבל האָט זיך אים פאַרגלוסט, דעם אַלטן תרח... אירע שמד־שטיק האָבן אים צו דעם דערפירט.

— וואָסי, די ערשטע צוויי האָט ער דעם טויט געמאַכט, האָט אים די דריטע איצט אין דער ערד אַריינגעלייגט.

— נישקשה, אַ נסיעהלע קיין סיביר, פון אַזאַ שוויצבאָד ווי מיטלאַזיע, איז נישט געפערלעך ; זאָל ער זיך אַ ביסל „אויסדאַטשעווען".

— און וואָס וועט זי טאָן אָן אים ?

— ז׳עט זאָגן ברוך שפטרני און זיך אָפזוכן אַ „זאַמיסטיטעל", אַ פאַר־בייטער...

געוועזן אויך אַזעלכע, וואָס האָבן געזאָגט, אַז פאַר אַזאַ זאַך קומט אַ קויל אין קאָפּ. זיין מזל וואָס ס׳איז געוועזן אַ לאָיאַל געריכט, מ׳האָט אים אָרנטלעך באַהאַנדלט.

— און אפשר האָט מען אַ „שמיר" געטאָן ? — מען זאָגט אַז דער פּראָקוראָר זאָל זיין אַן „אייגענער מענטש".

— נישט מעגלעך אַזאַ זאַך— האָט מען דערווידערט — ער האָט דאָך געשיט מיט פייער.

— אַהאַ, אין דעם גייט עס דאָך...

אַזוי האָט גערעדט די גאַס. אויך אין שטוב האָט מען אויף דער נייעס פאַרשידנאַרטיק רעאַגירט. מאיר איז געוועזן ביי דער מיינונג, אַז דאָס איז אַ גערעכטער פּסק־דין. „אָבי דו זאָגסט, — האָט ער זיך אָנגערופן צו דער מאַמען — אַז קליינע הענגט מען און גרויסע שענקט מען".

— וואָס זשע, קומט אים אפשר אַ קוש אין פּיסקל דערפאַר ? — האָט שרה, ווי איר שטייגער, גלייך געענטפערט. אברהם האָט תיכף צוגעגעבן :

— וואָס איז אַ נפקא מינה, פּופּצן, צוואַנציק, זיי האָבן גענוג יאָרן, די „חברים", ס׳עט סטייען פאַר יעדן איינעם.

פון די רעשט ברידער, וואָס זענען דערביי געוועזן, האָט זיך נאָר אַריינגעמישט אפרימקע : „גיב נישט דעם שאָטן קיין פּתחון פה" — טאַטע.

— גערעכט, כשר גערעכט. צו וואָס איצט אַזעלכע רייד? מען האַלט שוין נענטער ווי ווייטער... שוין די העכסטע צייט...

אַלע זענען שטיל געבליבן. אין דער שטילקייט האָבן נאָך העכער געקלונגען דער מאַמעס נישט דערזאָגטע ווערטער. זיי זענען געוועזן אַ סיגנאַל: אַ סיגנאַל — אַהיים.

אויך אַ סך רוסישע, עוואַקואירטע פון די שטעט און געגנטן, וואָס זענען פריער דורכן דייטש אָקופּירט געוואָרן, האָבן זיך געגרייט צוריק־צופאָרן. אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד, ליטע, לעטלאַנד — די דאָזיקע באַפרייטע לענדער און געביטן זענען געוואָרן די פּאָפּולערסטע נעמען, נישט אַראָפּ פון די ליפּן אַפילו ביי די היגע. נישט אָן קנאה האָבן זיי איבערגעחזרט דאָס וואָרט: רעפּאַטריאַציע.

ערשט אַצינד, ווען אָפן און פאַר אַלעמענס אויגן האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דאָס פאַרכאַפּנדיקע בילד פון גרייטן זיך צו פאַרלאָזן די היגע און זייער לאַנד — האָט אַ פרייד, געמישט מיט בענקשאַפט און טרויער, באַהערשט די געמיטער פון די „גאַסטגעבער". אָן אויפגעצוווּנגענע פרייד, גערייצט פון אייגענער קריוודע, וואָס לאָזט נישט מער איבער זיך געוועלטיקן. אַ פאַרשטיקט ווייי־געשריי צו באַפרייונג איז דאָס געווען. מיט תענוגדיקע קרעכצן, מיט סוד און פאַרנעפּלטע בליקן פון טונקל־פלאַמיקע אייגעלעך האָבן זיי אין געדאַנק אַרויסבאַגלייט די „עוואַקואירטע"... אַרויסבאַגלייט צו זייערע ווייט־אומבאַקאַנטע לענדער, היימען, וואָס האָבן מיט די מעשיות פון זייער אַנדערשקייט אין שטייגער־לעבן און פירעכצן, פאַרזייט אין זייערע הערצער צויבער און לאָקונג.

*

מאיר האָט געהערט, אַז אויך זובאַנין מיט זיין משפחה גרייטן זיך פאַרלאָזן טורקעסטאַן. זיי פאָרן צוריק אין געבורט־שטעטל פון זיין ווייב — באַלאַכנע, הינטער גאָרקי. ער מוז זיך אַראָפּכאַפּן געזעגענען, האָט ער געטראַכט. זיי וועלן זיך אַוודאי דערפרייען מיט אים. העכער דריי יאָר זינט דעם טאָג, וואָס ר'האָט זיך פאַרבייגעשלייכט דעם הויף מיטן קיטמען אויפן אַקסל. די ערשטע טעג, וואָכן פון איינבייסן זיך מיט ציין און נעגל

אין דער האַרטער, זאַמדיקער ערד, זובאַנינס שטרענגע רייד און דאָס מענטשלעכע, פּאַטערלעכע באַגיין זיך; זיין ווייבס געגרייטע טישן, אירע טרערן אויף זייער ביטערער דאָליע און אויפן טויט פון דעם עלנטן גוטן חבר זיינעם — סרוליק. סרוליק, אומגליקלעכער... נישט דערלעבט, נישט דערלעבט...

מיטן איבערנעמען די מאַגאַזינען פון נייעם סקלאַדאָווטשיק, זענען אויך איינגעפירט געוואָרן ענדערונגען אין דער אַרבעטס־פּאַרטיילונג צווישן די גרוזטשיקעס. מאיר האָט געהאַט מער צייט. אויך לייכטער אָפּגעאָטעמט, מחמת דעם אָפּשטעלן זיך פון די אָבלאַוועס.

אין איינעם אַ נאָכמיטאָג איז ער אַוועק אין שטאָט אַריין. צוקומענדיק צום טויער האָט מאיר מיט פאַרפאַמעלעכטע טריט זיך געלאָזט גיין טיפער אין הויף אַריין. דער זעלבער גרויסער, ברייט־צעצווייגטער בוים ביים אַריינגאַנג, די ווערענדע, דער סאָד. ס'איז געווען סוף חודש אב און דער ריח פון די רייפע אַבריקאָסן האָט זיך געטראָגן ווייט אַריבער דעם הויף. דיביימער זענען דאַכט זיך געוואָרן העכער, פעסטער, גרעבער, געדיכטער די צווייגן. זיי האָבן געסטאַרטשעט איבער דער מויער און זיך געבראָכן פון די פולע, רייפע פירות, וואָס זענען אויך, דאַכט זיך, גרעסער ווי דעמאָלט, בעת ער און סרוליק האָבן זיי אין איילעניש געשאָקלט פון בוים און געשטופּט אין מויל אַריין און אין די קעשענעס.

אין הויף איז מאיר שטיין געבליבן, זיך אַרומגעקוקט. דערזעענדיק דעם ברונעם, האָט ער דערפילט אַ זעלטענע, לייכטע מישונג אין קאָפּ. אַ פרייד האָט אַ שפּאַר געטאָן אין האַלדז, געשפּרייט זיך אַרום די ווענטלעך פון האַרץ. אַ פרייד, וואָס האָט נאָך נישט געפונען דאָס וואָרט. אַ וואָרט פון גאווה, פון גבורה, פון גלויבן אין אייגענעם כוח. אים האָט באַהערשט אַן אומגעזעטיקטער ווילן פון שטיין און קוקן, קוקן אויפן ברונעם. אויפן פּירקאַנטיקן האָלץ־געשטעל מיט אַ וואַל אינמיטן. אויפן וואַל — אַ קייט מיט צוויי עמערס. ער איז צוגעגאַנגען נענטער, אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויפן אייזערנעם ווענטל פון וואַל און גענומען דרייען. איין מאָל, צוויי מאָל, דריי מאָל האָט ער אַ דריי געטאָן און אין דער שווערקייט געפילט

ווי פֿון אונטן הייבט זיך אַרויס אַן עמער וואַסער. וואַסער. ער האָט אַראָפּ־געבויגן דעם קאָפּ — אַ, סאַראַ טיפֿעניש! מען קאָן אַפֿילו דאָס אייגענע פּנים נישט זען. פֿופֿצן־זעכצן מעטער פֿון דער טיפֿעניש האָט זיך זיין קול געהערט — וואַסער, וואַסער! „וואָס טיפֿער, אַלץ ריינער, לויטערער דער קוואַל״ — האָט זובאַנין געזאָגט.

האָט ער זיך דערשלאָגן צום ריינעם, לויטערן קוואַל?

יאָ, ער האָט זיך דערשלאָגן צום ריינעם, לויטערן קוואַל פֿון לעבן. יאָ, ער לעבט. און — אַז מען לעבט, וועט מען דערלעבן — זאָגט דאָך תּמיד זיין מאַמע.

מאיר האָט אַרויסגעהויבן דאָס פּנים פֿון ברונעם. נעבן אים איז געשטאַנען אַ יינגעלע מיט אַ ליידיקן עמער, משמעות געקומען אָנשעפּן וואַסער.

— וואָס טוסטו דאָ, פּעטערל? — פֿרעגט ער מאירן.

— געקומען דיך זען — ענטפֿערט ער.

— ווער ביסטו?

— אַ באַקאַנטער.

— טאַטקע, טאַטקע! — שרייט אויס דער קליינער.

— אַ טשטאָ? — הערט זיך זובאַנינס קול פֿון קאַנטאָר.

— קום אַרויס, אַ פּעטערל פֿרעגט זיך אויף דיר.

אַ סעקונדע האָט געדויערט און מאיר איז געשטאַנען אַנטקעגן זיין געוועזענעם נאַטשאַלניק.

— אַך, מישקאַ!

— יאָ, טאָוואַרישטש זובאַנין.

— געזונט, האַ? — האָט ער אַרויפֿגעלייגט זיין האַנט אויף מאירס אַקסל.

דאָס זעלבע אָפֿענע פּנים, די זעלבע ענערגישע גראָע, עטוואָס וואַסער־דיקע, גוטע אויגן. די באַקן זענען אויסראַזירט. טראָץ דער זון און הייסן קלימאַט, האָט זיין פּנים נאָך פֿאַרהיטן אין זיך די ווייסקייט, די ספּעציפֿיש רוסישע העלהויטיקייט, וואָס דערמאַנט אין שניי. ער האָט אָבער ווי אַ

„צינדז" פאַר זיך דאַזיין, יאַ באַצאָלט מיט עטלעכע זומער־שפּרענקעלעך, צעוואָרפן אויפן שטערן און אַרום דער נאָז. דערפאַר זענען אָבער די קנייטשן פלאַכער געוואָרן. ער האָט גוט אויסגעזען, די מלחמה־יאָרן האָבן אים, ווייזט אויס, נישט שלעכט געדינט.

— יאָ, געזונט, אַ דאַנק — האָט מאיר געענטפערט, נישט אַראָפּנעמענדיק פון אים די אויגן.

—געקומען זיך געזעגענען, מישאַ? איר פאָרט אַהיים, האָב איך געהערט?

— יאָ, סוף יאָר, זאָגט מען, אָדער אָנהייב 1946. אויך איר פאָרט, שמועסט מען, אמת?

— יאָ.

— איז דאָך גוט וואָס כ'בין געקומען. כ'וואָלט אויך וועלן זען אייער פרוי.

— אַ שאָד, זי מיטן קינד זענען מיט צוויי וואָכן צוריק אַרויסגעפאָרן. איך האָב צוליב דער אַרבעט געמוזט צוואַרטן אַ ביסל. ניטשעוואָ, זי וועט זיך דערווייל אַרומקוקן.

— נו, כ'וועל איר איבערגעבן אַ גרוס.

— קום אַריין אינעווייניק, מישקאַ, מ'עט עפּעס אויסטרינקען.

— אַ דאַנק. נאָר געקומען געזעגענען זיך.

— איז וואָס זשע הערט מען ביי דיר אין שטוב, טאַטע, מאַמע?

מאיר האָט אין קורצן איבערגעגעבן וועגן די דריי ברידער, וואָס זענען צוריקגעקומען פון די אַטשעסייער און קאַנטאַגיער קוילנגרובנס. וועגן גרייטן זיך אַהיימפאָרן. דער עיקר, אַרויס פון דאַנען, גענוג.

— וואָס מיינסטו, מישאַ, ס'איז די אַמאָליקע פּאָלשאַ?...

— וואָס דען?

— יאָ, ס'איז דאָס אַמאָליקע, אָבער די וולאַסט'... פּאַרשטיי, מישאַ, אַז ווו אונדזערע שטעלן אַריין אַ פוס, פון דאָרט גייען זיי נישט אַרויס.

— וואָס הייסט? אין לובלין עקזיסטירט, שרייבט די צייטונג, אַ פּויַלישע רעגירונג?

— נו יאָ, אוודאי אַ פּוילישע, אָבער פון וואַנען קומט זי די רעגי־רונג? דאָ ביי אונדז, אין מאָסקווע איז זי געשאַפן געוואָרן.

געזען מאירס שטוינענדיקע אויגן, האָט זובאַנין ווייטער גערעדט:

— וואָס וווּנדערסטו זיך, מישאַ? דו ביסט דאָך אַן אינטעליגענטער, אַ גראַמאַטנער פּאַרין. וואָסי, האָסט זיך פאַרבענקט צו די פּוילישע פּאַנעס?

— איך האָב זיי ליב פּונקט ווי איר.

— איז צו וואָס דאָס פּאַרן? די מלחמה האָט זיך געענדיקט. אַרבעט איז דאָ פאַר אַלע, ברויט, אַ שטוב, אַ ווייב — אַלץ קאָן מען ביי אונדז געפינען.

— ברויט און אַ ווייב, טאָוואַרישטש נאַטשאַלניק, איז נאָך נישט אַלץ; און אַ שטוב — איז נישט קיין היים. אַט פאָרט איר דאָך אויך צוריק. וואָסער נפקא מינה: טורקעסטאַן, באַלאַכנע איז דען נישט די זעלבע סאָוויעטן־מאַכט?

— גערעכט, מישאַ, אָבער אין באַלאַכנע איז דער דייטש נישט געווען, פאַרשטייסט? און ביי אייך דאָרט איז אַלץ חרוב געוואָרן.

— פון וואַנען ווייסט איר דאָס? מיר האָבן גאָרנישט געהערט — האָט מאיר פאַרווונדערט געפרעגט.

— מ׳ווייסט. דאָרט, ביי אונדז אין דער היים ווייסט מען אַ סך מער ווי דאָ, אין טורקעסטאַן. איך דערהאַלט דאָך כסדר בריוו.

*

צוריק איז מאיר געגאַנגען מיט אומרויקע, גיכע טריט. ביידע ידיעות — „ווו אונדזערע שטעלן אַריין אַ פוס, פון דאָרט גייען זיי שוין נישט אַרויס״, „אַלץ איז פאַרניכטעט, פאַרברענט״ — די דאָזיקע צוויי נייעסן האָבן אים קיין מנוחה נישט געגעבן. איז דאָס אמת? זענען אויך אמת די רייד, וואָס זיין טאַטע האָט אים איין מאָל דערציילט פון אַ ציגיינערקע, זי האָט אים „געוורוזשעט״:

...אַז די מלחמה וועט זיך קאָנטשען,
וועלן די רויטע מיט די פּאַנעס זיך פּאַלאַנטשען:

ש. וואַרזאַגער

טאַנצן אַ קאַזאַטשאָק —
פּאָליאַק, רוס און זשידאָק...

„ווערסט דערציילן — האָט זי זיך באַרימט — אַ ציגײַנערקע, אַ כיטרע גנבטע, האָט אַזוי געזאָגט".

עס האָט שוין געטונקלט. ער איז געגאַנגען מיטן הויפּט־וועג פון שטאָט צו דער סטאַציע. דער זעלבער נישט־ברוקירטער וועג; שטיינדלעך, ווייסער מיאַל און זאַמד.

זאַמד.

אַ זאַמדיקער וועג, וווהין פירט ער? — — —

ער גייט און אין מוח פּלאָנטערן זיך ווערטער, וואָס ר'האָט ערגעץ־ווו געהערט. ערשט אַצינד באַנעמט ער זייער באַטייט:

...פון דער היים אַרויס,
אין וועג נישט געבליבן,
אין ערגעץ נישט דערגאַנגען.

ביכער פון זעלבן מחבר

„זיין" (לידער) — מינכען, 1948.

ברוויט (ראָמאַן) — י. ל. פּרץ־פאַרלאַג, ת"א, 1960.

אין פאַרלאַג י. ל. פּרץ זענען ביז היינט דערשינען פאָלגנדיקע ביכער:

אין יידיש

י. זרובבל	בלעטער פון אַ לעבן (2 בענד)
מענדל מאַן	נאַכט איבער גלושינא
אברהם סוצקעווער	אין מדבר סיני
ישראל טאַבאַקמאַן	מיינע איבערלעבונגען
ש. בערלינסקי	בילדער און דערציילונגען
י. פּאַפּיערניקאָוו	היימישע און נאָענטע
מענדל מאַן	ביי דער ווייסל
ק. צעטניק	דאָס הויז פון די ליאַלקעס
יוסף בירשטיין	אויף שמאָלע טראָטואַרן (ראָמאַן פון קבוץ־לעבן)
מלך נוי (נייִשטאַדט)	דאָס ערשטע און דאָס צענטע יאָר מדינת ישראל
מאַטעס דייטש	צום נאָענטסטן שטערן — יידיש
יצחק לעוו	אין געראַנגל — געקליבענע שריפטן
מרדכי יפה	צען ישראל־דיכטער
יצחק פאַנער	שלום אַש אין זיין לעצטער היים
פּרץ גראַנאַטשטיין	מענטשן פון נעכטן
יחיאל האָפער	אַ הויף אויף פּאַקאָרנע (2 בענד)
ה. לייוויק	אויף צאַרישער קאַטאָרגע
נחמן דראָזדאָוו	אחד העם
עזרא קאַרמאַן	צייכנס און צירופים
רבקה באַסמאַן	טויבן ביים ברונעם
י. צ. שאַרגעל	פון וויי און גלויבן
ד. זאַקאַליק	געראַנגל
א. קאַרפּינאָוויטש	דער וועג קיין סדום
א. ריוועס	מיט דער שיף „טשיטשערין"
יוסף כרמל	אַ רייזע צו פאַרשטויסענע ברידער
מרדכי אורן	דער פּראָגער אַרעסטאַנט דערציילט (2 בענד)
א. שטיינבאַרג	משלים
יחיאל האָפער	ר' זלמן
הערש מענדל	זכרונות פון אַ יידישן רעוואָלוציאָנער

נ. ניר־ראַפּאַלקעס	ערשטע יאָרן
י. זינגער	דראַמאַטישע שריפטן
דוד פלאַקסער	אידעישע שלימותן און האַלבע אמתן
ש. וואַרזאַגער	ברויט (ראָמאַן)
ב. ווײַנשטיין	אין דוד המלכס גיטער (פּאָעמע)
לוי פּאַפּיערניקאָוו	אין דער נייער היים
אברהם ליס	היים און דויער
ד״ר חיים שאָשקעס	מיט יידן צווישן אינדיאַנער, נעגער און אַראַבער
מ. ווייסמאַן	אַ האַלבער יאָרהונדערט אין אַמעריקע
פ. גאָרעליק	פון די מלינער וועלטן
י. בראָנשטיין	אינאײנעם און באַזונדער
פּ. בערמאַן	אָפענע פענצטער
א. וואָלף יאַסני	די געשיכטע פון יידן אין לאָדזש אין די יאָרן פון דער דייטשער יידן־אויסראָטונג
א. שמרי	די פונקען פון תיקון
א. סוצקעווער	אָאַזיס
אירגון יוצאי באָרשטשיוו	ספר באָרשטשיוו
א. מנור	40 יאָר הסתדרות
א. לעוו	ביימער אין ווינט
יעקב כהן	דער גורל פונעם ייד
ל. אָליצקי	מײַן האַרץ־רייזע
נ. דראָזדאָוו	די יידן אין איטאַליע
ספר זרבבל	צו זיין 75־סטן געבוירנטאָג
ק. צעטניק	דער זייגער וואָס איבערן קאָפּ
דבורה דיין	אין גליק און אין טרויער
ד״ר מ. דוואָרזשעצקי	אייראָפּע אָן קינדער
מלכי לי	אין ליכט פון דורות (לידער)
מ. יפה	ארץ־ישראל אין דער יידישער ליטעראַטור
י. פּאַפּיערניקאָוו	די זון הינטער מיר
ד״ר צבי כהן	די העלדן אין דער וועלט־געשיכטע (2 בענד)
י. גאַר	ווידערקלאַנגען
ב. עפשטיין	זאַנגען אויפן ווינט
ש. פּאַלאַקעוויטש	אין אַ פרעמדער הויט
יעקב כהן	אונטער סאָוויעטישע הימלען
יוסף ראַטנבערג	(צו זיין ערשטער יאָרצייט)
מרים־ריינעס־מלצר	צום קוואַל

ד״ר חיים שאָשקעס	פון מאָסקווע ביז עבר־הירדן
יחיאל האָפער	אַ הויף אויף מוראַנאָוו (באַנד 1)
יחיאל האָפער	אַ הויף אויף מוראַנאָוו (באַנד 2)
ע. פערשלייסער	געקליבענע דערציילונגען
ה. אַקערמאַן	כ׳בין קיינמאָל נישט אַוועק פון דער היים
י. שטיינבערג	אַפּאָריזמען און גלייכווערטער
אירגון נכי המלחמה בנאצים	אַנטקעגן דעם נאַצישן שונא
אירגון יוצאי סטרי	ספר סטרי (יידיש, העברעיש, ענגליש)
אסתר לוריא	פרויען אין קנעכטשאַפט (אַלבאָם)
ב. שלעווין	חברים פון מוראַנאָווער ראַיאָן
איציק מאַנגער	ליד, באַלאַדע, דערציילונג (יידיש־העברעיש)
רחל קאָרן	פון יענער זייט ליד
רחל פישמאַן	זון איבער אַלץ
מ. ז. טקאַטש	מיין האָב און גאָב (לידער)
ש. זאַראָמב	אויסדערוויילטע שריפטן
נוסיאַ־איניאַ שיפּמאַן	„דאָס לעבן נאָך פאַר מיר״...
מ. י. שעלובסקי	אין יאָרן אַרום
ל. חייך־שמעוני	גאַנג
ק. מאַלאַדאַווסקי	לידער פון חורבן — ת״ש־תש״ה, אַנטאָלאָגיע
ל. פּאַפּיערניקאָוו	די משפחה יעלניק
י. שטיינבערג	חכמה פון יידישן קוואַל
יהושע אַלקאַן	דראַמאַטישע ווערק
ל. קוסמאַן	דער לאַמפּ ברענט (לידער)
ה. יונג	העכער די וואָלקנס
ב. מייזיל	צוריקבליקן און פערספּעקטיוון
ק. שבתאי	ווי שאָף צו דער שחיטה?
ל. כאַנוקאָוו	קריזיס (ראָמאַן)
נחמן ראַפּ	אַ קרוג מיט וויין (לידער)
ג. דראָזדאָוו	אחד העם (ענגליש)
יעקב גלאַטשטיין	מיט מיינע פאַרטאָגביכער
ישעיהו שפּיגל	די בריק (נאָוועלן)
מאַני לייב	לידער און באַלאַדן (יידיש־העברעיש)
אפרים אויערבאַך	וואַך איז דער סטעפּ (לידער)
ישעיה זאַנדבערג	דער שונא אין די מויערן
ב. עפּשטיין	דורך דעם גרינעם טויער

בעברית

יוסף ראָזען	כתבים נבחרים
אפרים שריַיער	אמנות ותיאטרון
י. לעשצינסקי	הדמות הלאומית של יהדות הגולה
יעקב פאַט	שיחות עם סופרים יהודיים
מ. בערלאַנד	300 שעות בגיטו הדועך
יהושע גלבוע	על חרבות התרבות' היהודית בברית המועצות
י. זרבבל	עלי חיים
נ. חניך	ברלה
א. אלמי	בין סיני לאולימפוס
אפרים אויערבאַך	קריה לבנה — ווייסע שטאָט (עברית־יידיש)
מ. בורשטין	פת ומלח
ר. קוויאטקאָווסקי־פנחסיק	נשים מאחורי הגדר
נחמיה לוינסקי	בצל הגזעים
ד. פלקסר	האידיאה והאמת
מול האויב הנאצי	זכרונות ועדויות (יידיש־עברית)
פ. בילצקי	השיר והמשורר (א. סוצקבר)
איציק מנגר	שיר, בלדה, סיפור
א. ירושלמי	מיערות הצפון עד חורשות הכרמל
דב סדן	אבני מפתן
י. פריילין	מצדה ורומי
י. שטנברג	ממעין החכמה של עם ישראל
א. מנור	פרופ' אריה טרטקובר